STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02253

REB ZALMAN

Jehiel Hofer

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יחיאל האָפּער * רב זלמן

יחיאל האָפער

רבי זלמן

צייכנונגען : א. קאַלניק

פאַרלאַג
י.ל. פּרץ
ביבליאָטעק
תל-אביב, ישראל

1960

JECHIEL HOFER / REB ZALMEN

יחיאל האָפער / רב זלמן
פאַרלאַג י. ל. פרץ־ביבליאָטעק, תל־אביב

31, *Allemby str. Tel-Aviv, Israel*
Published by I. L. Peretz Library

©

נדפס בישראל
Printed in Israel 1960

דפוס „אורלי״, יסוד המעלה 27 טל. 32062, ת״א

יחיאל האָפּער • רב זלמן

אינהאַלט:

זייט

1. די פאָטאָגראַפיע 9
2. ר׳ זלמן וועגן חילול שבת 21
3. „פּאַשאָל וואָן" 37
4. ר׳ זלמן וועגן „טריאַטער" 53
5. „זיצט דער רב ביי דער יורה דעה" 61
6. ר׳ זלמן אַ סוחר 95
7. ר׳ זלמן ביי אַ פרעמדן טיש 117
8. תקיעת כף 141
9. ר׳ זלמנס עולם הזה 179
10. די מעשה מיט דער גאַנדז 191
11. דעם קאַזיאָלס יאָרצייט 213
12. מדרש רבה 235
13. די ירושה 269

די פאטאגראפיע

דאָס איז געווען שבת בעת דער סעודה, נאָכן טשאָלנט מיט קיגל. דער טאַטע האָט נאָר־וואָס געהאַט געענדיקט דעם „ברוך א׳ יום יום״, וועלכן ער האָט געזונגען מיט א ניגון פון אַ באַרקאַראָלע וואָס איז אויף אַ משונהדיקן אופן מגולגל געוואָרן אין אַלעקסאַנדער שטיבל אריין. מען האָט זיך נישט געיאָגט צום עסן דאָס קאַלטע גענדזנס מיטן בראָטן, וואָס איז שוין געלעגן צעטיילט אויף די טעלערס. אונדזער סטאָלער אורח ר׳ זלמן, ביי וועמען דער זכרון איז אויף דער עלטער שוואַך געוואָרן — האָט אונדז שוין אפשר צום הונדערט און איין מאָל איבערגעחזרט די תורה פון ר׳ מרדכי יוסף איזשביצער אויף די ווערטער „והאדמה לא תתן את יבולה״.

אינדעם האָט דער טאַטע אַריינגעשטעקט די האַנט אין בוזעם־קעשענע פון זיין אטלאסענער קאַפּאָטע, עפּעס פון דאָרט אַרויסגענומען און עס געהאַלטן פארשטעלט מיט דער דלאָניע, אַז קיינער זאָל נישט זען, וואָס דאָס איז. דערנאָך האָט ער גענומען דעם גאָלדענעם צוויקער, וואָס איז געהאָנגען אויף אַ דין, שוואַרץ, זיידן בענדעלע באַהאָפטן צו א קנעפּל פון זיין וועסט — און האָט אים זיך אַרויפגעזעצט אויף זיין גלייבער, שמאָל געטאָקטער נאָז. ער האָט לאַנג געקוקט אויף דעם, וואָס ער האָט געהאַלטן אין דער האַנט, און ווען ער האָט דאָס שוין געהאַט גוט אָנגעקוקט — האָט ער עס גענומען און אַוועקגעלייגט אויפן ווייסן טישטעך צווישן מיר און ר׳ זלמנען.

דאָס איז געווען אַ קליינטשיקע, קיילעכיקע, אַלטע, פאַרגעלטע פאָטאָגראַפיע. מען האָט געזען א ייד מיט א גרויער באָרד, מיט

איינגעפאַלענע באַקן, אַ דיקלעכע נאָז ביים סוף פאַרשפּיצט, אַ הויכן, אַביסל געקנייטשטן שטערן און אויפן קאָפּ אַ הויך פּאַמעטן קאַפּל. דער פאָטאָגראַפירטער איז געגאַנגען אָנגעטון אין אַ פּאַלטן. אַרום דעם קאָלנער האָט מען אָנגעזען אַ שטריקל אויף וועלכן ס'האָט געהאָנגען אַ נומער.

דער טאַטע האָט אונדז אויפגעקלערט, אַז די פאָטאָגראַפיע איז, זעט אויס, אויסגעשניטן פון אַ גרופּן־אויפנאַמע און דערפון שטאַמען די נומערן. ער איז זיך משער, האָט ער געזאָגט, אַז דאָס איז אַ פאָטאָגראַפיע צו אַ דייטשישן פּאַס. די דייטשן האָבן בעת דער אָקופּאַציע פון פּוילן אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, פאָטאָגראַפירט גרופּנווייז דעם עולם, וואָס איז געקומען נאָך פּעסער.

איך האָב תיכף דערקענט וועמענס פאָטאָגראַפיע דאָס איז און צו זיך אַ שמייכל געטאָן. ר' זלמן האָט זיך אין דעם קליינ־טשיקן בילדל לאַנג איינגעקוקט און געצויגן מיט די פּלייצעס.

— ני, זלמן, — האָט דער טאַטע געפרעגט, — ווער איז דוס?

ר' זלמן האָט נאָכאַמאָל גענומען די פאָטאָגראַפיע, זי צוגע־לייגט נאָענט צו די אויגן, דערנאָך זי אַוועקגענומען פון די אויגן און געקוקט אויף איר פונדערווייטנס, ווידער געצויגן מיט די פּלייצעס און געזאָגט: — כ'ווייס נישט.

— זלמן, קיק זעך גיט אָן, — האָט דער טאַטע צו אים גע־זאָגט, — איז דוס מעגלעך, אַז די זאָלסט נישט דערקענען ווער דוס איז?

ר' זלמן האָט ווידעראַמאָל זיך איינגעקוקט אין דער פאָטאָ־גראַפיע, אַ בליק געטון אויף מיר, געוואָלט ביי מיר אַ פּנים עפּעס געוואָר ווערן, און לסוף זיך מיאש געווען און אַוועקגעלייגט די פאָטאָגראַפיע מיט אַ זאָג: — כ'ווייס נישט.

— ס'הייסט די ווייסט נישט? — האָט דער טאַטע געפרעגט.

— דערקענסט נישט ווער דוס איז?

— ניין, כ'ווייס נישט אין כ'דערקען נישט, — האָט ר' זלמן אַ האַלב־ברוגזער געענטפערט.

— ס׳טײטש, — האָט אים דער טאַטע נישט אָפּגעלאָזט, — די דערקענסט נישט? דוס איז דאָך מרדכי שעדלעצער, ס׳הייסט די דערקענסט אים נישט?

ר׳ זלמן האָט שנעל א כאַפּ געטון די פאָטאָגראַפיע אין האנט אריין און אַ צעהיצטער אויסגערופן: — יאָ, יאָ, דוס איז טאַקע מרדכי שעדלעצער! יאָ, יאָ! דוס איז טאַקע ער, דער פושע־ישראל! ער איז די גאַנצע צײַט געשלופן, ווען מ׳האָט געלייענט די מגילה!

* * *

ר׳ מרדכי און ר׳ זלמן האָבן ביידע געשטאַמט פון שעדלעץ. נאָר ווען ר׳ זלמן איז געקומען פון שעדלעץ קיין װאַרשע, האָט קײנער כמעט נישט געדענקט. װער ס׳האָט געקענט דאָס אַלעק־סאַנדערער שטיבל דער האָט אויך געקענט ר׳ זלמנען. ער איז גע־װען װי אַ טייל פון שטיבל, ווו ער האָט געהאַט זיינס אַן אויסגע־ריבן קישן און אַ צעצויטלטן זכר פון אַ װאַטענער קאָלדרע.

ר׳ זלמן האָט גערעדט מיט א װאַרשעװער אויסשפּראַך, און ווען נישט דאָס, וואָס עמיצער פלעגט אים אַמאָל אַ רוף טון: „זלמן שעדלעצער״, וואָלט קיינעם נישט אײַנגעפאַלן, אַז ער איז נישט קיין װאַרשעװער.

צו ר׳ זלמנען איז קײנמאָל קײנער נישט געקומען פון זײַן משפחה. קײנער האָט נישט געוווּסט צי ער האָט בכלל עמיצן, און קײנער האָט אים קײנמאָל וועגן דעם נישט געפרעגט.

צוליב דער עלטער האָט ר׳ זלמן געהאַט א שוואכן זכרון. מ׳קאָן אפילו נישט זאָגן אַ שוואכן, נאָר עפּעס א משונהדיקן. פון דעם וואָס ער האָט געלערנט אין די יונגע יאָרן האָט ער ווייניק וואָס געדענקט, נאָר ער פלעגט דווקא געדענקען גראָד אַזוינס, וואָס קײנער האָט נישט געדענקט. גאָר גוט האָט ער פאַרהאַלטן אין זכרון חסידישע מעשיות מיט אויסטערלישקייטן. שדים און רוחות זענען ביי אים געווען פון די גאָר פשוטע זאַכן.

ער איז געווען אַ היציקער און אַ שאַרפער. אַ ביטערער עקשן, אַן עומד על דעתו. נישט נושא פנים געווען אפילו דעם גרעסטן גביר, זייענדיק אַליין אַן אביון, אַ ביטערער אָרעמאַן.

גרויסע צרות האָט מען געהאַט פון אים אין סוכה, ווו מיר זענען געזעסן מיט נאָך יידן. ער פלעגט כסדר האָבן מיט עמיצן צו טון, נישט געשאַנעוועט נישט יונג און נישט אַלט, נישט אָרעם און נישט רייך. ער פלעגט זיך אַרומרייסן מיט אַלע אַנדערע, נישט אַלעקסאַנדערער חסידים. ביי אַ ליאדע וואָס פלעגט ער שרייען: „ווער ביסטו דום? אוודאי עפּעס אַ קאַליביעלער פּאַנפּעדראַק!”

ר׳ זלמן האָט ליב געהאַט צו „רעוואָלטירן”. ווען ס׳איז גע־גאַנגען די סדרה „בהעלותך” איז ער געווען אויפגעקאָכט איבער דעם ענין מיטן שליו. — און אַז די יידן האָבן אין דער מדבר געוואָלט עסן אַ שטיקל פלייש, איז זיי דערפאַר געקומען אומצוברענגען, אַ מגפה אויף זיי צו ברענגען? — פלעגט זלמן שרייען און קלאַפּן מיט כעס אין טיש אַריין.

ר׳ זלמן האָט אַ סך געשטעלט אויף זיך. ווען מען פלעגט אַמאָל אין שטיבל מאַכן אַ מילכיק אָנבייסן און ס׳איז גראָד געווען אַ חשד אויפן קעז, וועלכן מען האָט געהאַט אָנגעגרייט, האָט קיי־נער דעם קעז נישט געגעסן, אָבער ר׳ זלמן האָט יאָ געגעסן און פלעגט זיך נאָך דערביי רימען: — אָבער יאָך האָב יאָ געגעסן דעם קעז.

דאָס קליינע, דאַרע יידעלע, מיט אַ קליין רויט בערדעלע, ווי דער פלאָם פון אַ נשמה־ליכט, איטשעלע קובאַץ, פלעגט צוליב דעם שטאַרק דערקיטשען ר׳ זלמנען און געזאָגט אויף אים אַז ער איז אַ קל.

ר׳ זלמן האָט שטאַרק ליב געהאַט געלט, כאָטש זיין פאַרמעגן האָט זיכער נישט איבערגעשטיגן קיין צוויי פוילישע זלאָטעס. ווען מען פלעגט אים געבן אַ גרעסערע מטבע, למשל אַ האַלבן זלאָטי, פלעגט ער זיך פרייען, אַריינשמייכלען אין זיך. דער זעלבער איטשעלע קובאַץ האָט געזאָגט, אַז זלמן האָט אַזוי ליב געלט, אַז

ער איז זיכער אַז ווען זלמן וואָלט געהאַט אַ געוועלב, וואָלט ער עס אָפּן געהאַלטן אום שבת...

ר׳ זלמן איז געווען אַ נידריקער, אַ ברייטבייניקער, נאָר מיט אַ שטאַרק געבויגענער פּלייצע. זיין אויבערשטער האַלבער גוף איז ביי אים געגאַנגען פאָרויס. ער האָט געהאַט אַן אַשיק־גרויע באָרד, און פון אַש־קאָליר איז אויך געווען זיין פּנים.

גאָר אַנדערש איז געווען ר׳ מרדכי שעדלעצער. ער איז געווען אַ הויכער, משכמו ולמעלה, אַ גלייכער, מיט אַ קורץ ווייס בערדל. אויך אַן עקשן, אַ פאַרביסענער, אַ זיכערער ביי זיך, אָבער אַ שטילער, אַן איינגעהאַלטענער. ער האָט מער גערעדט מיט די אויגן ווי מיטן מויל.

ר׳ מרדכי איז געקומען פון שעדלעץ מיט אַ צען יאָר צוריק. ער האָט נישט געוואוינט אין שטיבל, נאָר געהאַט ערגעץ ווו אַ בעטל, ביי פרעמדע מענטשן, פאַר וועלכן ער פלעגט צאָלן חודש־געלט. ער האָט געהאַט קינדער אין וואַרשע, נאָר זיי האָבן נישט נוהג כבוד געווען מיטן טאַטן זייערן, נישט מקיים געווען כיבוד אב. טיילמאָל פלעגן זיך צוזאמענגעמען עטלעכע חסידים פון שטיבל און גיין מאַכן אַ סקאַנדאַל דעם זון זיינעם, וואָס האָט געהאַט אַן אייזן־געוועלב אויף מילע־גאַס. אָבער דאָס האָט קנאַפּ געהאָלפן און מרדכי איז פון דעם אַריינמישן זיך געווען שטאַרק אומצופרידן.

אין די ערשטע יאָרן פון זיין וווינען אין וואַרשע איז ר׳ מרדכי געווען אַ גלעזער. דערנאָך האָט ער שוין קיין כוח נישט געהאַט צו גיין איבער די הייף מיטן קעסטל שויבן אויף די פּלייצעס, און מפרנס געווען זיך פון וואָס עס האָט זיך געלאָזט.

ר׳ מרדכי און ר׳ זלמן האָבן זיך פיינט געהאַט בתכלית השנאה, אַזוי פיינט ווי נאָר אָרעמקייט קאָן זיך פיינט האָבן. איי־נער האָט נישט פאַרגינען דעם צווייטן דעם לעפל פרעמד עסן, וואָס ביידע האָבן געגעסן. נאָר ר׳ מרדכי האָט זיין שנאה צו ר׳ זלמנען נישט אַרויסגעוויזן אָפן. ער פלעגט זיך מיט אים קיינמאָל נישט קריגן, נאָר אים אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט, אים איג־

גאַנצן מבטל געווען. אונטער די אויגן האָט ר׳ מרדכי אויך נישט גערעדט קיין שלעכטס אויף ר׳ זלמן, נאָר ער האָט בכלל וועגן אים נישט געוואָלט רעדן.

ר׳ זלמן ווידער האָט אין ר׳ מרדכים אויגן זיך פאַרהאַלטן לגבי אים פול מיט הכנעה, ער פלעגט אים אפילו חנפנען. ס׳איז געווען מאָדנע, ווי דער זלמן, וואָס האָט נישט נושא פּנים געווען דעם גרעסטן גביר, וואָס האָט נישט געהאַט קיין דרך־ארץ פאַר קיין שום טיש־זיצער, אָט דער זלמן וואָס פלעגט איינרייסן מיט וועמען עס האָט זיך נאָר געלאָזט, ער, וואָס האָט אפילו נישט געשאַנעוועט מיין טאַטן, ביי וועמענס טיש ער איז לאַנגע יאָרן געזעסן און געגעסן, צו וועמען ער פלעגט נישט זעלטן קומען נאָך אַ פּאָר גראָשן און נאָך אַ העמד ערב־שבת צו גיין אין מקוה אריין, דער זלמן האָט זיך דווקא אין ר׳ מרדכים אַנוועזנהייט געפילט קליין און פאַרלוירן. דערפאַר פלעגט ער זיך פון אים אָפּנעמען און אונטער די אויגן אויסרעדן אויף ר׳ מרדכין כל דבר אסור.

ס׳איז געווען אַ צייט ווען ר׳ מרדכי און ר׳ זלמן האָבן ביידע געגעסן ביי אונדז שבתים. אָבער מען האָט געזען, אַז ס׳טויג נישט. ביידע זענען געווען אומצופרידן און אפילו אין כעס. ס׳איז געוואָרן אומאַנגענעם. ס׳האָט זיך אָנגעזאַמלט פולווער, ביי יעדער סעודה האָט מען מורא געהאַט ס׳זאָל נישט אויסברעכן קיין סקאַנ־דאַל. האָט מען באַשלאָסן אָפּצוזאָגן איינעם פון די אורחים. דער טאַטע האָט געוואָלט פאַרהאַלטן ר׳ מרדכין און אָפּזאָגן ר׳ זלמנען. איך האָב אָבער דווקא געוואָלט זלמנען. ער איז פאַר מיר געווען אינטערעסאַנטער, פאַרביקער, לעבעדיקער. מיר האָט געפאָלן זיין דרייסטקייט, זיין „רעוואָלטירן" און אפילו דאָס וואָס ער פלעגט אַמאָל אַריינזאָגן מיין טאַטן. מיר פלעגן זייער געפעלן זיינע אויס־טערלישע מעשיות. זעט אויס, אַז דעם טאַטן האָט אויך עפּעס גע־צויגן צו ר׳ זלמנען און ער האָט מיר צוליב געטאָן.

איצט איז ר׳ זלמן געזעסן ביים טיש, געהאַלטן די קליינע פּאָטאָגראַפיע אין דער האַנט, זיך גוט אין איר איינגעקוקט און

גערעדט אַזוי ווי צו זיך אין אַ פאַרטראַגנקייט: „יאָ, דוס איז ער, מרדכי שעדלעצער, דוס איז ער, דער פושע־ישראל, וואָס איז די גאַנצע צאַט געשלופן ווען מ׳האָט געלייענט די מגילה...״

* * *

אָבער די פאָטאָגראַפיע איז שוין גראָד נישט געווען פון ר׳ מרדכין, זי איז טאַקע געווען פון ר׳ זלמנען אַליין.

נאָר ר׳ זלמן האָט זיין פנים נישט געקענט...

ער האָט נישט געקענט דעם קאָליר פון זיינע, מיט רויט גע־ליאַמעוועטע אויגן, מיט וועלכע ער פלעגט אַזוי אָפט קוקן אין ספרים אַריין. ער האָט נישט געקענט די פאַרב פון זיין גראָ־אַשי־קער באָרד, וועלכע ער פלעגט פון צייט צו צייט אַ גלעט טאָן. ער האָט נישט געקענט די טיפע קנייטשן פון זיין פאַרמעטענעם שטערן, וועלכן ער פלעגט אַמאָל אַ רייב טון. ער האָט נישט געקענט דעם ערד־קאָליר פון זיין פנים, נישט די פאָרם פון זיין נאָז, וועלכע ער פלעגט שנייצן מיט אַ ירגזון. ער האָט נישט געקענט דעם קאָפּ זיינעם, וועלכן ער האָט געטראָגן אויף זיין מידן, איינגעבויגענעם און גערונצלטן האַלדז. ער האָט נישט געקענט...

אין קיין שפּיגל האָט ר׳ זלמן נישט געקוקט, אויף „לא ילבש״ האָט ער נישט עובר געווען. אויף זיין קאָפּ, וואָס איז שטענדיק געווען געשוירן מיט אַ מאַשינקע הארט ביי דער הויט, פלעגט ער זיט צענטליקער יאָרן זעקס טעג אין דער וואָך מיט אַן אומטעות־דיקער האַנט־באַוועגונג אַרויפלייגן דעם של־ראש. ווען ער פלעגט אַביסל אַראָפּבייגן דעם קאָפּ, אָנטוען דעם של־ראש און מיט די הענט אונטערן קאַפּל צעפירן די רצועות פון ביידע זייטן פון קאָפּ־שיידל, פלעגט דער של־ראש בלייבן ליגן אין סאַמע מיטן, אויפן אָרט ווו ס׳ליגט באַהאַלטן דער מוח, וועלכער האָט שוין פון פאַר־טאָג אָן געוואַרט אויף דער דאָזיקער רגע.

טאָ צו וואָס האָט ר׳ זלמן געדאַרפט האָבן אַ שפּיגל?...

טאָ פונוואַנען האָט ר׳ זלמן געקאָנט קענען זיין פנים?...
ווי מיין טאַטע האָט גענומען ר׳ זלמנס פאָטאגראַפיע ווייס איך נישט.

מיין טאַטע איז נישטאָ — — —

ר׳ זלמן איז נישטאָ — — —

די פאָטאָגראַפיע איז נישטאָ — — —

זאָל כאָטש דער זכרון וועגן זיי בלייבן...

ר׳ זלמן וועגן חילול שבת

אויף דער מוראַנאָווסקע גאַס (אין וואַרשע), וואָס מ׳האָט אויף ייִדיש גערופֿן „די ברייטע מילע״, זענען אין שבת אַלע געוועלבער געווען געשלאָסן. בלויז די איינציקע ראַזורע פֿון סטאַרשי פֿעלדשער, וואָס איז געווען אָפֿן, האָט זיך געפֿונען אויפֿן סאַמע ראָג פֿון די גאַסן מוראַנאָווסקע און זאַמענהאָף. די ייִדן פֿון זאַמענהאָף האָבן געהאַלטן, אַז די ראַזורע געהערט דער מוראַנאָווסקע גאַס, און די ייִדן פֿון מוראַנאָווסקע האָבן דורכאויס געהאַלטן, אַז זי געהערט דער זאַמענהאָף גאַס. אין דער אמתן האָט זי צו ביידע גאַסן נישט געהערט. די טיר פֿון דער ראַזורע, וואָס איבער איר האָבן גע־האַנגען דריי מעשענע טאַצן, איז געווען אַריינגעפּאַסט אויף דעם אָרט, ווו מ׳האָט אָפּגעהאַקט דעם שפּיציקן, שאַרפֿן ווינקל פֿון דער מויער. דער ווינקל איז געוואָרן פּלאַטשיק, ווי אַ צוגע־פּלאַטשטע נאָז צו אַ שויב, און די טיר איז אויף דעם אָרט ווי אַריינגעפֿאַלן אין זיך, און נישט פֿון זאַמענהאָף און נישט פֿון דער מוראַנאָווסקע האָט מען זי נישט אָנגעזען. זי איז געווען אַזוי ווי נישט פֿאַרבונדן מיט קיין שום גאַס, זי איז געווען אַזוי ווי דירעקט פֿאַרבונדן מיטן גיהנום...

אויף דער מוראַנאָווסקע גאַס גופֿא זענען קיין אַפּטייקן, קיין סקלאַד־אַפּטעטשנעס און קיין ראַזורעס נישט געווען. און גאָרנישט האָט געשטערט דער שבתדיקער מנוחה.

די געפּוצטע טירן פֿון די געוועלבער, די טירן מיט באַמאָלענע שילדן, די טירן, וואָס אויף זיי זענען געהאָנגען שמאָלע וויסטאַווע־שענקלעך, — זענען אויף שבת מיט די פּנימער אריין צו זיך, אין

די געוועלבער אַריין. פון דער גאַס האָט מען נאָר געזען זייערע געזונטע פּלייצעס, באַקאָוועטע מיט דיקער בלעך, פאַרלייגט מיט אייזערנע שטאַבעס, ביי וועמענס זייטן כ׳האָבן אַראָפּגעהאָנגען משונהדיקע שלעסער ווי די טשערעפּאַכעס, וואָס האָבן אונטער זייער אייזערנער סקאָרופּע פאַרבאַהאַלטן דעם סוד פון זייער קלוגן מעכאַניזם.

חסידים-שטיבלעך זענען אויף מוראַנאָווסקע גאַס געווען אַ סך. אַ סאָכאַטשעווער שטיבל, אַ גראָזשיסקער, אַ סלאָנימער, אַ ליו-באַוויטשער, א סקערניעוויצער, אַ פּאַריסאָווער, אַ פּעלצעוויזנער, וואָס האָט געהייסן דעם רבין ר׳ משהלעס שטיבל, און אַנדערע.

ווען די חסידים פלעגן שבת נאָכן דאַווענען ארויסגיין פון די שטיבלעך מיט די פּליושענע טליתים-זעקלעך אונטער די אָרעמס — זענען זיי געגאַנגען איבער דער גאַנצער ברייט פונעם טראָטו-אַר. די איינציקע נישט-יידישע איינוווינערס פון דער גאַס, די הויז-וועכטערס (סטרוזשעס), פלעגן באַגריסן, דורכן אַראָפּנעמען די היטלען, די רייכע לאָקאַטאָרן פון זייערע הייזער. די יידן זענען געגאַנגען אין סאַמעט און אין זייד. זייערע בנעימותדיקע טריט האָבן ווייך און היימיש און זיכער געטראָטן די האַרטקייט פון די טראָטואַרן.

אָבער אין איינעם אַ שבת איז די מנוחה פאַרשטערט געוואָרן. און געווען איז דאָס גראָד — שבת-הגדול...

* * *

זעליק איז געווען אַן עלטערער בחור. זיין פאָטער איז שוין געהאַט לאַנג געשטאָרבן. זעליק האָט געוווינט צוזאַמען מיט אַן אלטער מאַמען און א שוועסטער, אַן איבערגעוואָקסן מיידל. ער איז געווען אַ נידעריקער, מיט אַ בלייך פּנים, וואָס איז אָפט פייכט געווען פון שוויים. זיינע פאָדערשטע ציין זענען געווען באַדעקט מיט גאָלדענע קאָראָנעס, און פון דער לינקער זייט מויל האָט אים געפעלט אַ גאַנצע שורה ציין. ער האָט זיך באמיט צו פאַרדעקן

די פֿעלנדיקע שורה ציין און נאָר געּרעדט מיטן רעכטן האַלבן מויל, אַזוי אַז דאָס מויל האָט זיך ביסלעכווייז צוגעווױנט צו זיין אויסגעקרימט. ער האָט אויך געטראָגן בינאָקלען, וואָס זענען געווען פֿאַרלייגט מיט אַ גאָלדן קייטעלע אויפֿן רעכטן אויער.

זיין פֿאָטער האָט אים געהאָט איבערגעלאָזט בירושה אַ קליין פּראָנטאָווע געוועלבל פֿון יידישע היטלען. דערנאָך, אַז יידישע היטלען זענען געוואָרן אויס מסחר, האָט זעליק אַריינגענומען קאַפּעליושן.

דאָס געוועלבל איז געווען אַן אָרעמס, אַן אָפּגעלאָזנס, אַ העלפֿט פֿון דער אַריינגאַנגס־טיר האָט מען געמאַכט פֿאַר אַ וויטרינע, ווו ס׳זענען געלעגן צוויי־דריי איבערפֿאַסאָנירטע קאַפּעליושן.

שבתים און ימים־טובים האָט זעליק געדאַוונט אין רבי ר׳ משהלעס שטיבל, וואָס האָט זיך געפֿונען אַנטקעגנאיבער זיין געוועלב. ס׳איז שוין געווען נאָך דער פּטירה פֿון רבין. אָבער דאָס שטיבל איז געבליבן ווייטער שטיבל, און זעליק פֿלעגט דאָרט גערן אַריינקומען דאַוונען, שאַרן זיך לעבן די חסידים, כאַפּן מיט זיי אַ שמועס און נעמען אַ טרינק בראָנפֿן ביי אַ חסידישן קידוש.

מיטאַמאָל האָט מען געזען, ווי ביי זעליקס געוועלבל הייבט מען אָן אַרבעטן. דאָרט, ווו ס׳איז געווען אַ בלינדע מויער, האָט מען אויסגעהאַקט די ציגל. דאָס קליינע געוועלבל האָט זיך ווי צעשפּרייט און איצט געקוקט מיט צוויי גרויסע וויטאַווערס, ווי מיט צוויי אויסגעשראָקענע אויגן אויף דער ברייטער גאַס אַרוים. אין די וויטאַווערס האָבן געהאָנגען אויף געשטעלעכלעך פֿאַרשידענע קאַפּעליושן, שוואַרצע, ברוינע און גרינע, צו דריי, צו פֿינף און אַפֿילו צו צוועלף זלאָטעס.

זעליק איז געוואָרן אַ חתן און באַקומען נדן.

די וויטאַווערס פֿון זעליקס באַנייט געוועלבל פֿלעגט מען אויף ביינאַכט פֿאַרשטעלן מיט אויף גרין־געמאָלענע ברעטער, פֿאַרלייגן

מיט אייזערנע פּרענטעס און פאַרשליסן מיט שלעסער. די טירן, האָט מען אויך געשלאָסן מיט שלעסער, נאָר מען האָט זיי אויך געקאָנט פאַרמאַכן פון אינעווייניק אויף צוויי גרויסע קייטן.

די ערשטע צייט איז שבת דאָס גאַנצע געוועלב געווען פאַר־מאַכט אויף אַלע זייטן, אויף טיר און פענצטער. שפּעטער, אין א צייט אַרום, האָט מען געזען, ווי דער סטרוזש פון הויז נעמט יעדן שבת אינדערפרי אַוועק די ברעטער פון די וויטטאַוועס און ס'בלייבן אָפן א גאַנצן טאָג די שויפענצטער מיט די קאַפּעליושן פון זעליקס איצט שוין גרויס געוועלב. אָבער די טירן זענען ווייטער געבליבן צו, זעליק איז ווייטער יעדן שבת געקומען אין שטיבל דאַוונען, און קיינעם איז נישט איינגעפאַלן אַז אין זעליקס געוועלב טוט זיך עפּעס אָפּ...

* * *

ביז איינמאָל א שבת, און געווען איז עס גראָד שבת־הגדול... משה טלית־מאַכער, דער גבאי פון רבין ר' משהלעס שטיבל, א ייד א חלוש, וואָס איז געגאַנגען מיט פּאַמעלעכע טריט, האָט באַמערקט, פאַרבייגייענדיק אין שטיבל אַריין פאַר זעליקס געוועלב, אַז ס'עפנט זיך פּאַוואָליע פון דאָרט א טיר און פון געוועלב שאַרט זיך אַרויס א יונגערמאַן מיט א פּאַפּירענעם בייטל פון א קאַפּעליוש, וואָס ער פּרוּווט פאַרבאַהאַלטן אונטער דער קורצער פּאָלע פון רעקל. ר' משהן האָט א שטאָך געטון אין זיין קראַנק האַרץ. אים האָט פאַרפעלט אָטעם. ער איז געבליבן שטיין. דערווייל האָט זיך ווידער אָפּגעבויגן די טיר און ווידער איז אַרויסגעשווומען א יונ־גערמאַן, וואָס האָט געוואָלט פאַרבאָרגן א ווייסן פּאַפּירענעם בייטל פון א קאַפּעליוש. ר' משה האָט שוין פאַרשטאַנען וואָס דאָ געשעעט.

ס'זענען דערווייל צוגעקומען צו דעם אָרט, ווו ר' משה איז געשטאַנען, ר' פּנחסל און ר' כאַסקל, אויך פּעלצעוויזנער חסידים. ס'האָבן זיך אַרום די דריי יידן אָנגעהויבן פאַרזאַמלען אַנדערע.

Kolnik

ס׳איז געוואָרן א שמועס און א גערעדעריי. ס׳האָט אָנגעהויבן ווערן א שטיקל גראַטשקע.

ס׳זענען געפאלן הארבע ווערטער, ס׳האָבן זיך דערהערט די ערשטע קללות, געביילטע פויסטן האָבן זיך געהויבן אין דער הייך.

אין דעם איז אַנגעקומען הענעך, אַ ייד אַ גבר. ער איז גע־ווען א טרעגער אין גרויסע מאנופאקטור־סקלאדעס אויף גענשע גאַס. ער איז אויך געווען פון די דאוונערס פון רבין ר׳ משהלעס שטיבל. דאָס איז געווען אַ פּראָסטער ייד, און דאָך זיך דאָרט געהאַט זיין אָרט און זיין באַזונדערע עבודה. יעדן ערב יום־כפור איז ער געקומען אין שטיבל מיט א שטריק, וואָס מיט אים איז ער געווען א גאנץ יאָר ארומגעגארטלט. יידן האָבן זיך געוואָרפן אויף דער ערד, געזאָגט ווידוי, זיך געקלאַפּט אין הארצן — און הענעך האָט זיי מיט גרויס כוונה אריינגעציילט מלקות.

ווען הענעך איז געוואָר געוואָרן וואָס איז געשען — איז ער געוואָרן מלא כעס, ער האָט געברענט ווי פייער, ער האָט זיך גע־ריסן צום געוועלב. דערווייל האָט זיך ווידער אָפּגעבויגן די טיר פון געוועלב און א קאָפּ מיט א פּאָר דערשראָקענע אויגן האָט זיך באוויזן אין דער עפענונג. הענעך האָט זיך א ריס געגעבן פון אָרט, צו צום געוועלב און מיטן גאנצן כוח אויפגעריסן די טיר.

דער עולם אין דרויסן איז געבליבן שטיין א דערשראָקענער און א צעטומלטער פון דעם, וואָס האָט זיך אנטפּלעקט פאר זייערע אויגן. דאָס געוועלב איז פול געווען מיט יונגעלייט — קונים. זעליק איז געשטאנען אויף א לייטער און אראָפּדערלאנגט וואָס אמאָל פרישע פודלעס (שאכטלען) מיט קאפּעליושן. זיין שוועסטער האָט די קאפּעליושן ארויסגענומען פון די פודלעס און זיי דערלאנגט די יונגעלייט אָנצומעסטן; ביי דער קאסע איז געזעסן זעליקס כלה און גענומען געלט.

ווען זעליק האָט באמערקט וואָס געשעט פארן געוועלב — איז ער אַ רגע געבליבן שטיין אויף דער לייטער מיט אַ שטויס פודלעס אין די הענט. אַ ווייסער ווי קאַלך איז ער גיכער אראָפּגע־

פאַלן ווי אָראָפּגעגאַנגען פון דער לייטער, און שוין נישט באַהאַלטנ־דיק די שורה פעלנדיקע ציין, האָט ער אַ ציטערנדיקער אויפן גאַנצן לייב אויסגעשריגן: יידן, גאַיט אוועק, מאַכטס מאַך נישט אימגליקלעך!

— וואס? די פּושע, עוכר ישראל! — האָבן זיך דערהערט קולות פון אַלע זייטן, און פון אַלע זייטן האָבן זיך אויסגעצויגן פאַר־קראַמפּטע, ציטערנדיקע הענט צו זעליקן.

אין אַ רגע אַרום איז זעליק שוין געשטאַנען אויף דער גאַס אַרומגערינגלט פון אַן עדה צעשריגענע יידן — און אונטער אים האָבן זיך פאַרהאַקט די טירן פון געוועלב.

ר׳ כאַסקל, אַ געזעצטער, מיושבער מענטש, האָט אַ קאָמאַנ־דעווע געטון: — אין שטיבל אַריין! און איידער זעליק האָט זיך באַוויזן אומצוקוקן איז ער שוין געשטאַנען אין שטיבל לעבן שולחן.

* * *

— פּושע באלקי ישראל! — האָט אַ דונער געטון ר׳ פּנחסלס באַסאָווער קול.

— שוין, אויף דעם אָרט מקיים פּסק זיין! — האָבן זיך געהויבן הענעכס געזונטע הענט.

— קורע כדג זיין! — האָט געשריגן דער עולם.

— עוכר ישראל! אויף מוראַנאָווסקע גאַס מחלל שבת זיין בפרהסיא?! הנשמע כזאת בישראל?! איז שוין אַמאָל אַזעלכעס געהערט געוואָרן?! — האָט געשריגן מיטן גאַנצן כוח ר׳ פּנחסל.

ר׳ משה טלית־מאַכער, וואָס איז געווען אַ ייד אַ חלוש, האָט גערעדט צום געוויסן:

— איי, זעליק, זעליק, אין וועמען זאָל דוס איינפאַלן, אַז גרוי־די וועסט זאַן דער פּורץ גדר. און וואס וועט זוגן דאַן טאַטע אָף יענער־וועלט? האַ, זעליק?!

— שוין אויף דעם אָרט מקיים פּסק זיין! — האָבן זיך ווידער אַ רים געטאָן הענעכס געזונטע הענט.

— קורע כדג זיין! — האָט זיך צעליאַרעמט דער עולם.

זעליק איז געשטאַנען אַ בלייכער, פון זיין פּנים האָבן גערונען טראָפּנס שווייס. ער האָט קוים געאָטעמט, געכאַפּט שווער די לופט ווי אַן אָפּשטייענדיקער פיש. ער האָט געעפנט דאָס מויל און עס צוריק צוגעמאַכט. ס׳האָט זיך געדאַכט אַז ער רעדט, נאָר קיין קלאַנג, קיין קול האָט מען נישט געהערט. ער האָט געמאַכט משונהדיק פאַרצווייפלטע באַוועגונגען מיט די הענט. ער האָט ווי עפּעס געבעטן, נאָר מען האָט נישט געוווּסט וואָס.

ר׳ משה טלית־מאַכער, דער גבאי, וואָס איז געווען אַ חלוש, האָט אַ מאַך געטון מיט די הענט און געזאָגט: — יידן, לאָזט אים רעדן.

זעליק האָט אַריינגעצויגן אַ שפּאָרע פּאַרציע אָטעם, עטלעכע מאָל אַ מאַך געטון מיט די ליפּן, ווי ער וואָלט פּרובירט, צי זיי באַוועגן זיך נאָך און פון זיין מויל זענען אַרויס שטילע, צעטומלטע ווערטער:

— יידן, ס׳איז מאָ שווער צו זוגן, נאָר אָן דעם שבתדיקן לייזעכץ קאָן מען קיין איין טוג נישט עקסיסטירן. אַ גאַנצע וואָך לייזט מע נישט קאַ גראָשן. נאָר שבת פאַלט אַראָן אַ בילם פּדיון. זאָל איך צימאַכן ס׳געוועלב אויף שבת קימט אינץ אָם צו שטאַרבן ממש פון הינגער.

— שייגאַץץץץ!!! — האָט אַ דונער געטון די שטימע פון ר׳ פּנחסל און די צדיק פון וואָרט שייגאַץ האָט לאַנג געקלינגען צווישן די ווענט פון שטיבל.

— הערץ נאָר ווּס דו געשעיט? ער איז נאָך גור גערעכט, דער־יער עוכר ישראל. שטוט פּאַלן צי די פיס אין אַראָפּוואַזן חרטה, בעיטן און וויינען, קלאַפּן אין האַרץ אין בעיטן מחילה וכפּרה, זוגט עיער גור אַז ער מיז אין שבת אויפהאַלטן דום געוועלב. פּגרן זאָלט איר פין הינגער אין נישט מחלל־שבת זאַן! — האָט ר׳ פּנחסל שוין אויסער זיך פון כעס געשריגן.

דער עולם, וואָס האָט געדאַוונט אין רבין ר׳ משהלעס שטיבל,

איז געווען אן אָרעמער. דאָס זענען געווען יידן, וואָס האָבן זיך מפרנס געווען בדוחק. זיי האָבן געלעבט פון שווערער האָרעוואַניע. אינדערוואָכנס האָבן זיי נישט געהאַט אפילו גענוג צייט זיך א ביסל מער אָפצוגעבן מיט יידישקייט. דעם שבת פלעגן זיי פּיעש־טשען, צערטלען, ווי דאָס לעצט געבליבן שטיקל צירונג ביי א געוועזענעם גביר. אַ גאַנצע וואָך האָבן זיי געלעבט מיט דער מחשבה וועגן שבת. זעליקס ווערטער, אז ער מוז אויפהאַלטן דאָס געוועלב אין שבת, זענען געפאַלן ווי קאַלט וואַסער אויף צעגליט אייזן, און פון כעס און צער האָט א געשריי, א וויטיקלעך געשריי ארויסגעסיקעט פון זייערע פארקראַמפטע מיילער:

— קורע כדג זיין, אָן רחמנות, קורע כדג זיין!!!

ר׳ משה גבאי, דער חלוש, וואָס פלעגט זיך אָפט אַ כאַפּ טון ביים הארצן, האָט געזען אז ס׳איז ביטער, ס׳קאָן נאָך חלילה קומען צו שפיכת דמים. ער האָט אוועקגערופן ר׳ כאַסקלען און ר׳ פּנחס־לען אין א זייט, זיך מיט זיי אדורכגערעדט אויף גיך, און געהייסן דעם שמש יונה א קלאַפּ טון מיט א פעסטער האַנט אין בעלעמער.

— יונה און הענעך, — האָט ער געזאָגט פּאַמעלעך נאָר גענוג הויך, — גייט מיט זעליקן. זאָל ער אַרויסטרייבן די קונים און תיכף ומיד פארמאַכן דאָס געוועלב. אַלץ זאָל אָפּגעטין ווערן כהרף־עין. אין די, שייגאָץ, — האָט ער זיך געוואָנדן צו דעם דערשראָקענעם זעליקן, — וועסט אויף זיך נעמען בפני כל עם ועדה, אז מהיום והלאה זאָל זיך מער דוּם נישט איבערחזרן. — ער האָט באַזונדערס באַטאָנט דאָס וואָרט „דום״, דאָס זאָל מער נישט געשען. ער האָט נישט געוואָלט ארויסברענגען פארן מויל די ווערטער „חילול שבת״.

זעליק האָט אַ צעטומלטער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ צו אַלץ וואָס ר׳ משה גבאי האָט געזאָגט. ער האָט ארויסגעשטאַמלט דעם צוזאָג, אז מער וועט זיך דאָס נישט איבערחזרן, און גיך האָט ער פארלאָזט דאָס שטיבל צוזאַמען מיט יונה שמש און הענעכן דעם מלקות־געבער.

אין א פּאָר מינוט ארום האָט מען געזען ווי דער הויז-וועכטער טראָגט די ברעטער צו פארשטעלן די וויסטאַוועס און זעליקס געוועלב איז פון אינעווייניק און פון דרויסן פארשלאָסן געוואָרן אויף אלע שלעסער.

* * *

אָבער זעליק האָט זיין צוזאָג נישט געהאלטן. ערב יום-טוב פארנאכט, ווען דער עולם איז שוין געגאנגען אין די שטיבלעך אריין דאווענען, איז זעליקס געוועלב געשטאנען אָפן און קונים זענען אריין און ארויסגעגאנגען. די צוויי וויסטאַווע-פענצטער זענען געווען העל באלויכטן מיט עלעקטרישע לאָמפּן. די קאָלירטע קאַפּעליושן זענען געווען באַפּוצט מיט פענדלעך און אויף יעדן פענדל האָט מיט טריומף געפלאטערט דער ביליקער פרייז פון זעליקס קאַפּעליושן.

יידן האָבן זיך אָפּגעשטעלט. מען האָט גערופן זעליקן. אָבער שטאָט אים, זענען ארויסגעקומען פון געוועלב עטלעכע ווילדע יונגען און געהייסן די חסידים זיך שנעל אָפּטראָגן. זיי האָבן געדראָט מיט פּאָליציי. א פארשעמטער איז דער עולם אוועק מיט גאָרנישט. א גרויסער אומעט האָט זיך געלייגט אויף אלע שטיבלעך און סתם מנינים. מע האָט אויסגעמיטן צו רעדן וועגן דעם וואָס איז געשען, ווי מען מיידט אוים רעדן וועגן א שווער אומגליק, וואָס מע קאָן נישט אָפּווענדן, וואָס איז שוין אומפארמיידלעך.

פון דעמאָלט אָן איז שוין יעדן שבת און יום-טוב זעליקס געוועלב געווען אָפן. שבת און יום-טוב איז דאָס געוועלב געווען אזוי שטארק באלויכטן, ס׳האָט זיך אזוי געוואָרפן אין די אויגן אריין, אז דעם עולם האָט זיך שוין אויסגעדאכט, אַז דאָס געוועלב איז נאָר אָפן אין די שבתים און ימים-טובים, דאַקעגן איז עס געשלאָסן אין די וואָכעדיקע טעג. און אפשר איז עס טאַקע אזוי געווען. אויף די פרומע יידן פלעגט פאַלן אן אימה פון דעם געוועלב, ווי פון צלמים און קלויסטערס. די יידישע מוראַנאָווסקע גאַס האָט פארלוירן איר תקיפות און זיכערקייט.

* * *

דעם שבת-הגדול, ווען זעליק האָט געעפנט זיין געוועלב, איז זלמן, אונדזער סטאָלער אורח, שוין נישט געווען אין וואַרשע. ער איז געווען אין אַלעקסאַנדער, ביים רבין, וווהין ער פלעגט אַלע יאָר פאָרן אויף גאַנץ פסח.

איך האָב אָפּגעוואַרט ר׳ זלמנס צוריקקומען מיט גרויס אומ-געדולד. מיר איז געווען זייער אינטערעסאַנט צו וויסן, וואָס ר׳ זלמן, אָט דער פייערדיקער ייד, וועט זאָגן צו דעם ערשטן חילול שבת בפרהסיא אויף מוראַנאָווסקע גאַס. איך האָב זיך פאָרגע-שטעלט, וואָס וואָלט זיך געטון, ווען ער וואָלט דעם שבת געווען ביי דער געשעעניש.

און אַז ר׳ זלמן איז צוריקגעקומען פון רבין האָב איך זיך קוים דערוואַרט ס׳זאָל שוין זיין שבת, איך זאָל קאָנען מיט זלמנען אַ שמועס טון.

ווען דער שבת איז ענדלעך אָנגעקומען און מיין טאַטע מיט ר׳ זלמנען האָבן זיך באַוויזן אין שטוב פון דאַווענען, האָב איך שנעל אָפּגעגעבן ר׳ זלמנען שלום-עליכם און נישט וואַרטנדיק אפילו ער זאָל מאַכן קידוש זיך צו אים אָנגערופן:

— ווי געפעלט אייך, ר׳ זלמן, די מעשה מיט זעליקן? איר האָט שוין אוודאי געהערט, אַז ער איז מחלל שבת בפרהסיא, אַז ער האָט געעפנט זיין געוועלב אין שבת.

— וועססס? — האָט געפרעגט ר׳ זלמן און זיינע אויגן, גע-ליאַמעוועט מיט רויט, האָבן זיך צונויפגעצויגן, אַז מען האָט נאָר אָנגעזען צוויי דינע רויטע שפּעלטלעך, און פון זיין מויל איז ווידער אַרויס אַ וועססס? מיט אַ סיקנדיקן קלאַנג, ווי ביי אַ בייזער שלאַנג.

מיר איז געוואָרן אומהיימלעך פון זיין „וועס?". דער טאַטע האָט אים אויך עפּעס מאָדנע אָנגעקוקט. ביים טיש איז געוואָרן אַ משונהדיקע שטילקייט.

— וועם האָסטע געזוגט? — האָט ר׳ זלמן מיך נישט אָפּגע־לאָזט, — זוג, וועם האָסטע געזוגט?

איך האָב ווידער אָנגעהויבן שטאַמלענדיק: — נו, איר ווייסט דאָך מן־הסתם, ר׳ זלמן, אז זעליק, דער פון קאַפּעליושן־געוועלב, דער זעליק איז מחלל שבת, האַלט אָפן זיין געוועלב אין שבת.

— שוטה! — האָט ר׳ זלמן געטאָן א געשריי ארוים צו מיר מיט א לייבן-שטימע. אזא קול האָב איך נאָך קיינמאָל ביי אים נישט געהערט. — שוטה מוחלט! — האָט ער ווידער געשריגן און געטופּעט מיט די פיס. — ווער איז מחלל שבת? זעליק? די מיינסט, אז זעליק, דער נישטאָלעץ, דער גאָרנישט-שבגאָרנישט, ער קאָן מחלל זיין דעם שבת? ער קאָן פארשוועכן דעם שבת? טיפש! — האָט ווידער זיך צעשריגן אויף מיר ר׳ זלמן, און זיין גאָמבע און באָרד האָבן געציטערט, די הענט האָבן זיך געצויגן אין דער הויך. — די זאָלסט מיר זוגן, אז דער אַלעקסאַנדער רבי, צי דער פּורימאָ־ווער רבי האָט חלילה מחלל שבת געווען, מילא, פארשטיי יאָך, דוס וואָלט געווען א חילול שבת, אָבער דער זעליק, דער נישט־שבנישט, ער קאָן פאַרשוועכן דעם שבת? ני, בהמה איינע, — און ר׳ זלמן האָט אַ קוק געטון אויף מיר מיט ביטול.

דער טאַטע האָט זיך צעשמייכלט. איך און מיין יונגסטע שוועסטער, וואָס האָבן נאָך זיכער פאַר זעליקן טועם געווען דעם טעם פון חילול שבת, האָבן זיך איבערגעוווּנקען. עפּעס האָבן מיר דערפילט, אז ס׳איז גאָרנישט אזוי לייכט מחלל שבת צו זיין, אז ס׳געהער שוין גאָרנישט צו די פשוטע זאַכן. מיר האָבן אָנגעהויבן אָנען, אז מיר וועלן שוין אפשר קיינמאָל נישט קאָנען מחלל שבת זיין. אַז מיר וועלן שוין קיינמאָל צו דער מדרגה נישט דערגיין... מיר איז פונדעסטוועגן דערפון געוואָרן לייכטער, בעסער, פרייער...

ר׳ זלמן האָט, אזוי ווי ס׳וואָלט גאָרנישט געשען, אויסגעצויגן די האַנט נאָך דעם פלעשל מיט שפּירט. גיסנדיק דעם שפּירט אין בעכער אריין האָט ער אונטערגעברומט א ווורקער ניגון. מע האָט געזען, אז זעליקס חילול שבת האָט אויף אים נישט געמאַכט דעם

מינדעסטן רושם. דער שבת איז אין זיין אומבאַרירלעכקייט געבליבן שטיין הויך און שטאָלץ. דער פּאַטש פון זעליקס צעעפנטע וויסטאָ-ווּעס האָט אים נישט דערגרייכט. און כאַטש די מוראַנאָוּוסקע גאס האָט זיך געפּילט געטראָפן און צעטרייסלט אין איר זיכער-קייט, אָבער ביי אונדז אין שטוב, ביים טיש מיט ר׳ זלמנען, האָט דער שבת געקיניגט זיכער און פעסט...

"פאשאל וואן"

אין אַלעקסאַנדער שטיבל אויף זאַמענהאָף־גאַס (אין וואַר־שע), וועלכעס די חסידים האָבן גערופן „דאָס גרויסע שטיבל", איז איין שטוב, די דריטע פון איינגאַנג, געווען בלויז אויף ספרים. אַרום די ווענט זענען געשטאַנען פשוטע, הויכע, הילצערנע שענק, געמאָלן מיט ברוינער אָלײנע (אייל)־פאַרב, מיט פּאָליצעס פון פאַרשידענער גרייס, אויף וועלכע ס׳זענען געשטאַנען און געלעגן ספרים. אויף די אייבערשטע טירן פון די ספרים־שענק זענען גע־ווען אָנגעקלעפּט מודעות פון רבנימלעך אָן כסא־רבנותן און פון חסידים אָן פרנסה, צו אנשי שלומינו און צו סתם יידן וועגן פאַר־שידענע ענינים. פאַר פסח האָבן געהאָנגען מודעות פון די, וואָס האָבן צו פאַרקויפן מעל אויף מצה־שמורה, געמאָלן אָן עלעווע־טאָרן, כשר למהדרין מן המהדרין. פון פאַר די ימים־נוראים ביז פאַר פסח צו, האָבן געקלעפּט גאַנצע און שטיקלעך מודעות וועגן אתרו־גים און לולבים. ס׳האָט געהאָנגען א „בעקאַנטמאַכונג" אויף יידיש פון איינעם, וואָס האָט זיך געעפנט א „פריזיערניע", ווו מען שערט און מען גאָלט קעפּ, אָבער נישט קיין בערד און אין שבת איז דאָרט שטרענג געשלאָסן. ס׳זענען געווען אָנגעקלעפּט אַדרעסן, ווו מען פאַרקויפט טערקישע טליתים, מזוזות, ציצית און אַנדערע תשמישי קדושה.

די מודעות זענען אַמייסטן געווען געשריבן אין א משונהדיקן, נישט זעלטן פאַרגרייזטן לשון־קודש. אזוי האָט זיך א מודעה וועגן מצה־שמורה געענדיקט מיט די ווערטער: — ואני מברך את אנשי שלומינו וכל בית ישראל בכשרון החג, וואָס דאָס האָט געזאָלט

הייסן אין א מכלומרשט מליצהדיקער שפּראך: — און איך בענטש אנשי שלומינו און דאָס גאנצע הויז פון ישראל מיט א כשרן יום־טוב.

די ספרים־שענק האָבן פאַרנומען דריי ווענט פון דער שטוב און ביי דער פערטער איז געשטאַנען א לאַנגער, שווערער טיש, פון הארט האָלץ. דער טיש איז שטענדיק געווען באַלייגט מיט גמרא׳ס, שולחן־ערוכ׳ס, עין־יעקב׳ס. ס׳זענען דאָרט שטענדיק געלעגן דער „תנא דבי אליהו״ מיטן פירוש „רמתים צופים״ פון ר׳ שמואל שיניוואַער און דער „ישמח ישראל״ פון מיטעלן אלעקסאַנדער רבין.

פון ביידע זייטן טיש זענען געשטאַנען צוויי לאַנגע בענק פון זעלבן שווערן, הארטן האָלץ, וואָס דער טיש. די בענק זענען פון זיצן אויף זיי און פון רייבן זיי, ביים שאָקלען זיך, מיטן שאַרפן שטאָף פון צייגענע הויזן, געווען גליטשיק און געגלאַנצט פון דער ווייטנס.

אויף דער פערטער וואַנט, איבערן טיש, זענען אויף לאַנגע פּאָליצעס געשטאַנען ספרים. אלע ספרים, סיי די פון די שענק, סיי די פון די פּאָליצעס, זענען געווען געבונדן אין גראָבן, גראָ־ברוינעם, היימישן לייווַנט און אויף די רוקנס זענען מיט א טושאָוון (כעמישן) בלייפעדער געווען אויסגעכתיבה׳ט זייערע נעמען.

אַ חברה בחורים, דווקא נישט פון די שאַרפע לערנערס, האָבן זיך פאַרנומען מיטן אַכטונג געבן אויף די ספרים. זיי האָבן געהאַט אַ שטעמפּעלע, אַ טוש־קעסטעלע און אַ קוויטאַנציע־ביכל. ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, ביי א יאָרצייט, סיום, פלעגן זיי זאמלען געלט אויף „תיקון ספרים״, אויף אונטערצוקלעפּן און איבערצובינדן די ספרים, וואָס פון א סך לערנען אין זיי, פון א סך אריינקוקן אין זיי, זענען זיי ארוים פון די איינבינדן, פאַרלוירן די רוקנס און נישט זעלטן אויך די טאָוולען.

די זעלבע חברה בחורים האָבן זיך אויך פאַרנומען מיט זאמלען ביי פאַרשידענע מענטשן ספרים פאַר דעם שטיבל. אזוי אז אויף א סך פאָדער־בלעטער האָט מען געקאָנט לייענען, געשריבן

מיט אַ געציקט כתב: — הספר הזה שייך להחסיד הגביר הלמדן המופלג מוה״ר וכו׳ וכו׳. נישט זעלטן איז דאָס גבירשאַפט און לומדות נישט געווען מער, ווי אַ פאַנטאַזיע אויסגעטרוימט אויפן שער־בלאַט פון ספר. פאַרשידן זענען דאָס געווען די „שייך״עסן. איינער האָט גאָר שטאַרק אויסגענומען צווישן די יונגע ייִנגלעך, און געשריבן האָט ער זיך אַזוי: „הספר הזה שייך. למי שייך? למי ששייך שייך. פאַרט למי שייך? למי שקנה שייך. מי קנה את הספר הזה? מי שקנה קנה. פאַרט מי קנה? למי היו מעות קנה. למי היו מעות? למי שהיו היו. פאַרט למי היו? מעות היו להגביר האדיר, הלמדן המופלג, החסיד המפורסם מוהר״ר פלוני בן אלמוני״.

אין די חסידים־שטיבלעך איז די ספרים־שטוב געווען אַן אָרט פון טיפן ערנסט און געהויבענער פריילעכקייט. אין דער שטוב איז נישט געשטאַנען נישט קיין אָרון־קודש און נישט קיין עמוד. ס׳איז געווען אַ שטוב נישט אַזויפיל פון כוונות ווי פון מחשבות. דאָ איז געווען ווייניקער ווירקלעכקייט און מער פאַנטאַזיע. דאָ פלעגט מען לויזער מאַכן די גאַרטלען און טיילמאָל זיצן אין די בלויזע קאַפּלען. זומער האָט מען זיך געקילט אין די שאָטנס פון די הויכע גמרות־פאָליאַנטן, מען איז געשווומען אין ים־התלמוד. ווינטער האָט מען זיך געוואַרעמט מיט חריפותדיקע פּשטלעך, מיט היציקע פּילפּולים. דער אויוון האָט געברענט, צוויי גרויסע עלעקטרישע לאָמפּן האָבן באַלויכטן דעם טיש מיט די לערנערס, און בחורים האָבן פון אַ גרויסן, בלויען טשייניק געגאָסן הייסע טיי אין גלעזער אַריין. דאָ האָט מען געפּראַוועט סעודות אין די יאָרצייטן נאָך רביים. דאָ האָט מען סתם געגעסן סעודהלעך. דאָ האָט נישט זעלטן אַ חברה יונגעלייטלעך אין אַ שבת, צי אין אַ יום־טוב, נאָכן אָפּ־דאַווענען גאַנץ פרי, זיך אַריינגעכאַפּט מאַכן קידוש, גענומען אַ שטאַרקן טרונק בראָנפן און פאַרבייסן מיט אַ גוט פאַרבייסעכץ.

* * *

אין דער דאָזיקער שטוב פלעגט יעדן פאַרטאָג, סיי ווינטער, סיי זומער, זיצן ר׳ זלמן אויף אַ באַנק, מיטן רוקן צום טיש. אויפן

טיש לעבן אים איז געלעגן אין אַן אויסגעריבענעם טלית־זאַק זיין גרויסער טערקישער טלית מיט אַ ברייטער עטרה און צוויי גרויסע פּאָר תפילין. ר׳ זלמן האָט פיינט געהאַט דינע טליתים, שמאָלע עטרות און קליינע תפילין. אויף קליינע תפילין האָט ער געקוקט מיטן זעלביקן חשד און כעס, ווי אויף אַ געשוירן בערדל. אָט די אַלע „וויגאָדעס״, די לייכטע טליתימלעך און שמאָליטשקע עטרות האָט ער געהאַלטן פאַר אַן אויסדרוק פון קלות. „אַ ייד וואָס וויל אַז זאָן יידישקייט זאָל אים אָנקימען לאַכט, איז אַליין אַ קל״, פלעגט זאָגן ר׳ זלמן. ער האָט קיינמאָל נישט געוואָלט אָנטון קיין לאַטשן. ער איז זומער, אין די גרעסטע היצן, געגאַנגען אין הויכע שטיוול. „יאָך בין ווי אַ סאָלדאַט אויפן פּלאַץ־באַי״ — האָט געענטפערט ר׳ זלמן, ווען מיין טאַטע האָט אים געזאָגט: — ציוווס גייסטי, זלמן, אין אַזעלכע היצן אין שטיוול, איך וועל דיר געבן מאַנס אַ פּאָר לאַטשן.

ר׳ זלמן פלעגט שטענדיק אין די פאַרטאָגן זיצן אַ פאַרכמור־רעטער. זיין צעקנייטשט פּנים איז געווען געווענדט צו דער ערד. די געליאַמעוועטע מיט רויט אויגן, ווי שטענדיק ווען ער איז פון עפּעס נישט צופרידן — כמעט פאַרמאַכט. ער האָט געהאַלטן אין איין רויכערן פּאַפּיראָסן. יעדעס מאָל האָט ער אַ הייב געטון דעם קאָפּ, אַן עפן געטון די אויגן און אַריינגעקוקט דורך דער טיר אין דער צווייטער און דריטער שטוב, וווּ מען האָט געדאַוונט שחרית. מנינים האָבן זיך שנעל געטוישט. ווען איין מנין האָט נאָך נישט געהאַט אינגאַנצן פאַרענדיקט דאָס דאַוונען, האָט שוין אַ צווייטער אָנגעהויבן. ר׳ זלמן איז געזעסן און געברענט פון כעס אויף דער „פאַבריק״ פון דאַוונען. ער האָט נישט פאַרטראָגן די שנעלע באַ־וועגונגען פון טייל יידן ביים אויסטאָן „דאָס לעדער־געצייג״, ווי ער פלעגט שפּאָטיש אָנרופן די תפילין פון די געשווינדע דאַוו־נערס. ער האָט אויך פיינט געהאַט די קוועטשערס, די יידן וואָס האָבן געקוועטשט יעדעס אות פון דאַוונען. ער האָט נישט פאַר־טראָגן זייערע משונהדיקע העוויות, זייער ביילן מיט די פויסטן,

זייער גלאָצן מיט די אויגן. ער האָט נישט סובל געווען די פרומאַ־קעס, וואָס האָבן זיך געקאָרטשעט אין דרייען ביי מודים. ער האָט נישט געגלויבט אין זייער הכנעה. ער איז פול געווען מיט חשדים. אים האָט זיך געדאכט, אז יעדער פון די דאווענערס וויל עפּעס. טייל ווילן פּשוט אָפּנארן און טייל ווילן אויסנארן. און ער, זלמן, אליין א מוראדיקער אָרעמאן אָן אן אייגענעם ביסן ברויט, איז גע־זעסן אָנגעשפּיצט, ווי אַ געטרייער שומר און נישט געוואָלט דער־לאָזן, אז עמעצער זאָל עפּעס באקומען נישט פארדינטערהייט. און אפילו פון פארדינען האָט ער אויך נישט געהאלטן. ער האָט נאָר געוואָלט, אז אלץ זאָל זיין „שלא על מנת לקבל פרס". ווען ער האָט דורך די נאָזלעכער געלאָזט צוויי זיילן אראָמאטישן רויך פון די פּאפּיראָסן — האָט ער זיך געפילט ווי א שותף צום רבונו־של־עולם, ווי א שותף צום כביכולס מעשים, וואָס איז ממונה אכטונג צו געבן אז קיינער זאָל חלילה נישט אָפּנארן, און אוודאי און אוודאי האָט ער נישט געוואָלט דערלאָזן אז עמעצן זאָל דאָ עפּעס אָנקומען לייכטערהייט.

פון צייט צו צייט האָט ר׳ זלמן זיך געגעבן אַ האָסטיקן הייב אויף פון דער באַנק, אויף וועלכער ער איז געזעסן פון פארטאָג אָן, און אַריינגעגאַנגען אין די שטובן פון די דאַווענערס. זיין קליינגעוויקסיקער, געבויגענער גוף האָט זיך געפּלאָנטערט צווישן די טליתים פון די מתפּללים, אַזוי אַז מען האָט נאָר אַרויסגעזען אַ שטיקל פון אים. דאָ האָט זיך באַוויזן אַ זייט פון זיין גרוי פּנים, פּלוצים אַ האַנט אין אַ טונקעלן, טוכענעם געוואַנט, אָדער אַ שטיקל פון זיין קיילעכיקער פּלייצע. ער האָט זיך צווישן גע־דיכטן טליתים־שטאָף געמאַכט אַ וועג און צוגעגאַנגען צו אַ נאָר־וואָס אַריינגעקומענעם יונגנמאַן נעמען אַ פּאַפּיראָס. האָט מען אים געגעבן גאָר אַ גוטן פּאַפּיראָס, ווי „עגיפּסקע", צי „מעדן", האָט ער גענומען און אַריינגעגאַנגען אין ספרים־שטוב אים אויס־רויכערן. האָט מען אים געגעבן אַ שוואַכערן, אַ ביליקערן, למשל,

„גראַנד", האָט ער אים באַהאַלטן און געגאַנגען ווייטער זוכן פּאַפּיראָסן ביי די פריש צוגעקומענע.

אין די פּאַרטאָגן און אין די פריען, ווען ער איז געווען אָנגעכמורעט און אין כעס, האָט ר׳ זלמן גערויכערט בלויז גוטע און שטאַרקע פּאַפּיראָסן, די ביליקע און שוואַכע האָט ער איבער־געלאָזט אויף דער צייט ווען ער איז געווען בעסער אויפגעלייגט, דעמאָלט איז אים נישט געווען קיין נפקא־מינה וואָס ער רויכערט.

אַזוי איז ר׳ זלמן געזעסן אין די פרימאָרגנס שעהן לאַנג. ער האָט ביי זיך באַין אופן נישט געקאָנט פועלן צוזושטיין צו קיין שום מנין. מיטן דאַווענען פון פאַרנט און קריעת־שמע־זאָגן — איז ער שוין לאַנג פּאַרטיק געווען. אָבער אַוועקשטעלן זיך מיטן עולם דאַווענען האָט ער נישט געקאָנט. ס׳איז אים נישט געווען צום האַרצן. ער האָט גערויכערט אַ פּאַפּיראָס נאָך אַ פּאַפּיראָס. דער וואָכעדיקער געפילדער וואָס האָט זיך אריינגעריסן אין שטיבל אריין צוזאמען מיט די דאַווענערס איז אים געווען דערווידער. ער האָט זיך געקאָרטשעט אין דרייען. זיך נישט געפונען קיין אָרט. ער האָט זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן. ער איז געווען אינגאַנצן אויפגעברויזט. און כאָטש דאָס זעלביקע האָט זיך איבערגעחזרט יעדן טאָג, האָט ער דאָס יעדן טאָג איבערגעלעבט פון דאָס ניי.

ס׳האָט אָנגעהויבן ווערן שפּעט. דער עולם דאַווענער איז זיך צעגאַנגען. ס׳זענען געקומען די לעצטע עטלעכע יידן וואָס האָבן צייט, וואָס האָבן זיך נישט וואָס צו יאָגן. ס׳זענען געקומען עטלעכע יידן, וואָס פון זייערע דאגות־פרנסה זענען זיי פאַרבליבן בלויז די דאגות, און צו די דאגות האָבן זיי זיך נישט געיאָגט. אָפט פלעגט מען זיך ארומזען אז מען איז געבליבן אָן אַ מנין. איז מען געלאָפן זוכן אַ צוויי־דריי יידן, זאָל זיין געדאַווענטע, אבי מען זאָל זיי קאָנען צום מנין מצרף זיין. דעמאָלט האָט מען זיך אויך דערמאָנט אין ר׳ זלמנען. מען איז אַריין צו אים אין ספרים־שטוב, געוואַרט ביז ער וועט אויסרויכערן דעם פּאַפּיראָס און אים אַריינגענומען דאַווענען.

ר׳ זלמן האָט פאַנאַנדערגענומען זיין גרויסן, שווערן, טער־קישן טלית. א צופרידנקייט האָט איצט געשפּראָצט אויף זיין פּנים. ס׳איז אים עפּעס לייכטער געוואָרן פון דעם, וואָס ער שטייט שוין צווישן דעם קליינעם עולם דאַווענערס. פון פאַרטאָג אָן האָט ער זיך געעקשנט און געכמורעט. ער איז געווען פול מיט חשד, פול מיט ווידערווילן. ער האָט מורא געהאַט, אַז דאָס וואָס ער זעט און הערט — איז עפּעס נישט דאָס וואָס עס דאַרף זיין. ער איז גע־ווען בייז, געווען אין כעס. ער האָט שוין שפּעטער אפילו נישט געוווסט פאַרוואָס ער כעסט זיך, צו ווערמען ער האָט אייגנטלעך טענות און וואָס ער וויל. אַריין אין משונהדיק שווערן געמיט־צו־שטאַנד און נישט געקאָנט אַרויס. זיך געברוגזט — און אָן אַ סוף, אָן אַן עק. איצט אָבער, ווען ער איז געשטאַנען אַרומגענומען מיטן טלית און געמאַכט די ברכה להתעטף בציצית — איז אים פּלוצים געוואָרן גוט. די גאַנצע בייזקייט איז פאַרשוווּנדן. די מורא איז אַוועק. דאָס שווערע געמיט האָט אויפגעהערט דריקן. ער האָט זיך געפילט ממש גליקלעך. און ווען ער האָט געזאָגט בקול־רם „ברוך שאמר והיה העולם״, האָט ער עס געזאָגט מיט אַזאַ פעסטקייט און זיכערקייט, ווי ער וואָלט געשטאַנען פאַר דער גאַנצער וועלט און אָפּגעגעבן א גבית־עדות פון דעם, וואָס ער אליין האָט געזען: ווי גאָט האָט געזאָגט און ס׳איז געוואָרן די וועלט.

* * *

שבת און יום־טוב האָט ר׳ זלמן געדאַוונט צוזאמען מיט מיין טאַטן ביים צווייטן מנין. אַזאַ סדר איז שוין געווען איינגעשטעלט פון יאָרן, זייט זלמן איז געוואָרן אונדזער סטאַלער אורח. שבת און יום־טוב איז ער געווען פריי פון אַלע פּחדים און חשדים. אין דער פרי פלעגט ער גיין ערגעץ־ווו, דאָרט ווו ס׳איז אים געווען נאָענט, טרינקען טיי און צוריקקומען אין שטיבל אַריין צום צווייטן מנין. געקומען — האָט ער אויסגעטון דעם שוואַרצן פּאַלטן, אָנגעטון דעם טלית און געשטעלט זיך דאַווענען.

שבת און יום־טוב האָט זיך דער גאַנצער עולם פון „גרויסן שטיבל" איינגעטיילט אין בסך־הכל צוויי מנינים. ווען דאָס ערשטע מנין האָט שוין געהאַט פאַרענדיקט דאָס דאַווענען, האָט זיך ערשט דאָס צווייטע געגרייט דערצו און געזוכט וועמען אָוועקצושטעלן פאַרן ברעטל (פאַרן עמוד). ווען דאָס צווייטע מנין האָט געדאַוונט, האָבן זיך נאָך אַ סך יידן פון ערשטן געדרייט אין שטיבל, אָדער גאָר געזעסן און אַריינגעקוקט אין אַ ספר. מען האָט זיך נישט געיאָגט. סיי רייך, סיי אָרעם זענען אין די טעג געווען ווייט פון חשבונות. קיינער האָט דאָ גאָרנישט געוואָלט. מען האָט נאָר גע־וואָלט וואָס לענגער זיין צוזאַמען מיטן עולם.

אין די שבתים און ימים־טובים האָט ר' זלמן זיך געלאָזט מיטרייסן מיטן עולמס אויפגעלייגטקייט. ער האָט געפילט און גע־זען, אַז אין די טעג דאַרף מען אים נישט פאַר קיין שומר. ער האָט פאַנאַנדערגענומען די הענט. ער איז דעמאָלט אפילו גרייט געווען אָוועקצוקוקן און לאָזן באַקומען אימיצן דאָס, וואָס ער האָט גע־האַלטן אַז יענעם קומט עס נישט.

דאָך אינגאַנצן אַראָפּנעמען דאָס אויג פון עולם האָט ער אויך נישט געקאָנט. שבת און יום־טוב האָט ער זיך אויך געהאַט זיינס אַן ענין.

ר' זלמן האָט שטאַרק מקפּיד געווען מען זאָל נישט רעדן בעתן דאַווענען און דער עיקר ביים לייענען די תורה. כאָטש אין אַלע שטובן פונעם שטיבל האָבן געהאָנגען אויפשריפטן אונטער גלאָז: „אסור לדבר בשעת התפילה ובשעת קריאת התורה" — האָבן זיך דאָך אַלעמאָל אַ חברה יונגעלייטלעך און בחורים פאַרגנ־בעט אין די ווינקלען און זיך איבערגעוואָרפן מיט ווערטער. ווען ר' זלמן האָט געדאַוונט, האָט ער נישט געקאָנט אַזוי שטאַרק אַכ־טונג געבן מען זאָל נישט רעדן. אָבער ביים לייענען איז ער געזעסן ביים טיש און כסדר געקוקט צי עמעצער רעדט חלילה נישט אַרויס אַ וואָרט. איטשעלע קובאַץ, דאָס קליינע יידעלע מיט אַ רויט בער־דעלע, ווי דער פלאַם פון אַ נשמה־ליכט, וועלכער האָט שטענדיק

געהאט צו טון מיט זלמנען און ליב געהאט מיט אים צו טשעפּען, האָט געזאָגט, אַז זלמן הערט זיך אַזוי שטאַרק צו, צי מען רעדט נישט, ער איז אַזוי פאַרטון אין כאַפּן עמעצן ביים רעדן, אַז אַליין הערט ער נישט קיין איין וואָרט פון לייענען אין דער תורה...

ווען ר׳ זלמן האָט באַמערקט אַז עמעצער רעדט אַרום אַ וואָרט, האָט ער מיט ביידע הענט געקלאַפּט אין חומש אַריין, וואָס איז פאַר אים געלעגן. ער האָט אויפגעהויבן אַזאַ טומל, אַז מען האָט אַזש געמוזט איבעררייסן דאָס לייענען.

אַחוץ די רעדערס איז אין שטיבל געווען אַ ספּעציעלע חברה קשיה־פרעגערס. דאָ האָט עמעצער פון זיי געהאַט אַ צו לאַנגן „כלי־יקר״ און נישט געקאָנט פון אים אַרויס, דאָ ווידער אַ שווער שטיקל „אור־החיים״, וואָס האָט זיך די נישט וואַזשנע לומדים אויסגעזען צו זיין סתירהדיק, — איז מען געגאַנגען אין מיטן לייענען פרעגן קשיות. געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַט סתם אַ קשיה אויף אַ פּסוק פון דער תורה. אַמייסטן איז מען געגאַנגען פרעגן די קשיות צו משה אפרים־ליפּמאַנס. ער האָט ליב געהאַט מען זאָל אים פרעגן און נאָך מער ליב געהאַט צו ענטפערן. ער איז בטבע געווען אַ גוטער און לייכט אַריינגעפאַלן אין התפעלות. אַמייסטן פלעגט ער נתפעל ווערן פון זיינע אייגענע תירוצים. מען דאַרף אָבער זיין צו אים גערעכט און זאָגן, אַז אים איז ליב געווען וואָס מען קומט, מען פרעגט, מען ענטפערט. אָט דער חשק צו וועלן וויסן, צו וועלן פאַרשטיין, דאָס עוסק זיין אין תורה אפילו פון די, וואָס האָבן ווייניק פאַרשטאַנען, — איז אים געווען נאָענט צום האַרצן. ער איז יעדן, וואָס האָט נאָר געהאַט עפּעס צו פרעגן, אַנטקעגנגע־גאַנגען און זיך גאָרנישט געמאַכט דערפון, וואָס דאָס אַלץ געשעט בעתן לייענען די תורה.

ר׳ זלמן האָט פיינט געהאַט די קשיה־פרעגערס בתכלית השנאה. ער האָט פיינט געהאַט די פרעגערס, ער האָט פיינט גע־האַט משה אפרים ליפּמאַנס מיט זיין אַריינפאַלן אין התפעלות. ער האָט בכלל נישט פאַרטראָגן קיין התפעלות. די סאַמע גרעסטע

געשעעענישן זענען ביי אים געווען נאַטירלעכע זאַכן. אפילו דער גרעסטער מופת פון רבין, אבי דאָס איז נאָר געווען פון זיין רבין, איז ביי אים געווען א זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, א פּשוטע זאַך, פּשוט בתכלית הפּשטות. אלא פון קלייניקייטן? איז דאָך אוודאי נישטאָ וואָס נתפּעל צו ווערן. ער האָט אויך פיינט געהאַט, אז מען ווייסט נישט. „וואָס עפּעס נישט וויסן, האָט ער געשריגן, ביסט נישט חולה יאָ צו וויסן!". ווער שמועסט נאָך עם־הארצים, זיי האָט ער גערודפט עד חרמה, געברענט זייערע טריט, געיאָגט פון זיך, ווי נישט־גוטע.

אמייסטן האָט אים פאַרדראָסן, וואָס די חברה גייען פרעגן זייערע קשיות בשעת קריאת־התורה. אים האָט שרעקלעך געאַרט וואָס ער קאָן זיי אפילו נישט מאַכן קיין סקאַנדאַל. וואָרעם ווי נאָר ער האָט אָנגעהויבן שרייען, קלאַפּן מיט די הענט אין חומש אריין, אז זיי זאָלן אויפהערן רעדן, האָבן זיי אים אָנגעוויזן מיט פאַר־צווייפלטע באַוועגונגען אויף די חומשים, אז דאָ גייט דאָך זיי טאַקע אין דער תורה, אז דאָס מיינען זיי דאָך די תורה. נו, און גיי טו זיי עפּעס.

פאַרשטייט זיך, אז צו ר' זלמנען איז קיינמאָל קיינער נישט צוגעקומען פרעגן קיין קשיה. מען האָט אים אויסגעמיטן אַ מייל פונדערווייטנס. ער האָט געקוקט אויף די קשיה־פרעגערס מיט ביטול, האָט זיי געשפּיזט מיט זיינע בייזע אויגן. ווען עמעצן איז גראָד אויסגעקומען אדורכצוגיין לעבן ר' זלמנען, ווען ער איז גע־גאַנגען מיטן חומש אין דער האַנט פרעגן א קשיה ביי משה אפרים ליפּמאַנס, פלעגט ער זיך אדורכשאַרן דורך דעם אָרט, ווי א שמוג־לער וואָס גנבעט די גרענעץ מיט א גאָר גרויסער קאָנטראַבאַנדע...

* * *

איינמאָל אין א שבת, האָט ברוך־דודן געאַרט א קשיה. ברוך־דוד איז געווען א ייד א נגיד. כאָטש נישט קיין למדן, אָבער אַן איבערגעגעבענער געטרייער אלעקסאַנדער חסיד. ער איז געווען

א מיושבדיקער, א שטילער, אן איידעלער. געווען הויך, געהאט א ברוינע באָרד און געטראָגן גאָלדענעברילן אויף זיין שמאָלער, גלייכער נאָז. ער האָט נישט געהערט צו די „פּראָפעסיאָנעלע קשיה־פרעגערס״, ניין. נאָר גראָד היינט איז אים אין דער סדרה שווער געווען א פסוק. א געפיל אז מען דאַרף אים עפּעס קלאָר מאכן — האָט אים געקוועלט. ער האָט אויפגעהויבן זיינע גרויסע אויגן פון דעם חומש, וואָס ער האָט געהאַלטן אין זיינע אויסגעאיידלטע הענט, און זיך ארומגעקוקט, ווו געפינט זיך דאָ משה אפרים ליפּמאַנס. פּלוצים איז זיין פארטראָגענער בליק געפאלן אויף דעם זיצנדיקן דערנעבן ר׳ זלמן. נישט ווייסנדיק וואָס ער טוט, נישט אָפּגעבנדיק זיך קיין חשבון וואָס עס קאָן געשען, האָט ברוך־דוד זיך פאמעלעך אויפגעשטעלט און מיט דער גאַנצער תמימותדיקייט זיינער צוגע־גאַנגען צו ר׳ זלמנען.

ר׳ זלמן האָט געזען ווי ר׳ ברוך־דוד שטייט לעבן אים. ער האָט פארשטאַנען, אז ער וויל עפּעס און ארויסגעבורמעט א בייזן: — נו?

— זלמן, — האָט אָנגעהויבן ברוך־דוד. — זלמן, כ׳האָב דיך גע־וואָלט עפּעס פרעגן.

— הא? פרעגן? אין גרוד באָס לייענען די תורה? — האָט ר׳ זלמן געוואָרטשעט א בייזער.

— טאַקע וועגן די תורה, — האָט ברוך־דוד שטיל געענטפערט.

— וווּעס האָסטו דאָס צי פרעגן וועגן די תורה? — האָט ר׳ זלמן שוין האלב אין כעס געפרעגט.

— א קשיה האָב איך דיך צי פרעגן, — האָט קוים ארויסגע־שעפּטשעט ברוך־דוד.

— אַ קשיה? — האָט ר׳ זלמן געזאָגט מיט מאַסקירטן צאָרן, — אין אָף ווּעימען האָסטו דוס צו פרעגן אַ קשיה!

— כ׳האָב דיר דאָך גיזוגט, אָף די תורה, — האָט שוין אַ צע־טומלטער אַרויסגעשטאַמלט ברוך־דוד.

ר׳ זלמן האָט זיך מיט איין מאָל געגעבן א שטעל אויף. ער איז געוואָרן אינגאנצן ווילד. זיין איינגעקאָרטשעט פּנים איז גע־

וואָרן נאָך אויף א העלפט קלענער. דאָס מויל האָט זיך ביי אים אויסגעקרימט און דורך זיינע שיטערע ציין איז ארויס א הייזעריק און איינצייטיק קוויטשנדיק קול: — האַ! אַ קשיה אויף די תורה ווילסטו פרעיגן?! קשיות אויף די תורה ביסטו גיקימען פרעיגן?! די האָסט קשיות אויף די תורה? די פרעיגסט קשיות אויף די תורה!! פּאַשאָל וואָן!!

* * *

דער רוסישער „פּאַשאָל-וואָן" אין א מקום-קדוש, אין שבת, בשעת קריאת-התורה, פון ר' זלמנס מויל — איז געווען אַזוי אויס-טערליש, אַז ביים גאַנצן עולם האָט עס אָפּגענומען דעם אָטעם. עפּעס א שרעק איז אלע באַפאַלן. א לאַנגע ווייל האָט אין שטיבל גע-הערש אַ משונהדיקע, מבולבלדיקע שטילקייט. דער בעל-קורא האָט איבערגעריסן דאָס לייענען. ברוך-דוד האָט זיך דערוויל א פּאַר-שעמטער שנעל אָפּגעטראָגן. אין דעם האָט עמעצער אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער האַנט אין א חומש. ס'האָבן זיך דערהערט די ערשטע „ני" און „מנ-עע", און מיטאַמאָל האָט זיך אַ ווילד קלאַפּן אין די חומשים צעטראָגן איבערן גאַנצן שטיבל. די „ני" און „מנעעם" האָבן זיך מיט שטומער בייזקייט געריסן פון אלעמענס מיילער. דער בעל-קורא האָט ווידער אָנגעהויבן לייענען אין ספר.

ר' זלמן האָט נישט געקענט כמעט קיין איין וואָרט גויאיש. די פּאָר ווערטער וואָס ער האָט כלומרשט יאָ געקענט, פלעגן ארויס-גיין פון זיין מויל אזוי צעקאַליעטשעט, אז ס'איז זיי זייער שווער געווען צו פאַרשטיין. אָבער דער „פּאַשאָל-וואָן", וואָס ער האָט גע-וואָרפן ברוך-דודן אין פּנים אריין, האָט ער ארויסגעשריגן מיט אזא ריינעם רוסישן אַקצענט, ווי ער וואָלט געווען א רום פון דור-דורות. דער גאַנצער שרעקלעכער כעס זיינער, זיין טיפסטע עמפּערונג, זיין ארויסגיין פון די כלים, זיין עקסטאַז פון קנאות — האָט אים אונטערגעזאָגט אזא „פּאַשאָל-וואָן", וואָס אפילו אין מויל פון אן אמתן פּאָניע, ווען ער איז אין כעס, איז עס אַ זעלטנהייט. ר' זלמן

האָט זיך אליין דערשראָקן פאַר דער פרעמדקייט פון זיין כעס, פאַר דער גוויאישקייט פון זיינע ווערטער, און ווען דער בעל־קורא האָט שוין ווידער געלייענט אין ספר און דער עולם האָט זיך שוין געהאַט א ביסל בארויקט, האָט נאָך ר׳ זלמן איבערגעחזרט ווי פאַר זיך: — קשיות אָף די תורה וועלן זיי פרעגן... קשיות אָף די תורה...

נאָך דעם דאַווענען האָט זיך אין שטיבל צעפלאקערט א וויכוח וועגן דעם וואָס איז געשען. כמעט אלע חסידים האָבן געהאלטן, אז ר׳ זלמן „פאַזוואָליעט" זיך צו פיל. „אזעלכע שלעכטע, פארשאַטע ווערטער צו רעדן אין א מקום קדוש! אזוי, מיט אזעלכע וויסטע ווערטער מבזה צו זאָן א ייד!" — האָט זיך דער עולם גערעשט. טייל האָבן געהאלטן אַז „דוס איז אַן אויסטערלישע חוצפה פין אזא עני מרוד, פון אזא ביטערן אָרעמאַן ווי זלמן, מבייש צי זאָן אזא נגיד, ווי ברוך־דוד". ר׳ זלמן האָט זיך גאָרנישט געמאַכט פון דעם אלעמען. אים האָבן נישט געאַרט די, וואָס זענען קעגן אים, און נאָך ווייניקער האָבן אים אינטערעסירט די, וואָס נעמען זיך אָן פאר אים. ער איז צוגעגאַנגען צו מיין טאַטן, וועלכער איז געשטאַנען צווישן א קרענצל חסידים און זיך צו אים אָנגערופן: — ני, די גייסט שוין אהיים?

א לאַנגע צייט נאָך דער געשעעניש, האָט זיך די חברה קשיה־פרעגערס אויסגעהיטן פאַר ר׳ זלמנען און נישט געפרעגט קיין קשיות. משה אפרים־ליפּמאַנס איז אין די שבתים געזעסן איינער אליין און קיינער כמעט איז צו אים נישט צוגעגאַנגען. אָבער ר׳ זלמן האָט זיין וואך אויג פון דער חברה נישט אראָפּגענומען. ער האָט זיי נאָך מער געהיטן ווי ביז איצט. אפשר האָט ער אליין געפילט, אז נאָך אזא „פּאַשאָל־וואָן" וועט ער שוין מער נישט ארויסשרייען. און אפשר האָט ער גאָרנישט געוואָלט מער גע־בראכט ווערן צו אזא נסיון. אפשר. ווער ווייס... ווער קאָן דאָס זאָגן... ווער קאָן דאָס וויסן...

ר' זלמן ווען „טריאטער"

איך האָב שוין דעמאָלט נישט געדאַוונט צוזאַמען מיט מיין טאַטן אין מיין טאַטנס שטיבל. איך האָב געדאַוונט אין דעם שטיבל, וואָס די חסידים האָבן שפּאָטיש גערופן „תרשיש", ס'הייסט אין שטיבל פון די אַנטלאָפענע פון גאָט, (ויקם יונה לברח תרשישה מלפני יהוה, יונה א').

און אפשר האָב איך שוין דעמאָלט אין „תרשיש" אויך נישט געדאַוונט. אפשר אינגאַנצן נישט געדאַוונט. קאָן זיין, ס'איז גאַנץ מעגלעך.

אָבער צו דער שבתדיקער סעודה אינדערפרי פלעג איך שטענדיק קומען אַהיים מיט אַ צען־צוואַנציק מינוט פריער איידער מיין טאַטע מיטן אורח ר' זלמן פלעגן קומען פון דאַווענען.

ר' זלמן ווי באַוווּסט איז געווען אונדזער שטענדיקער אורח. מיין יונגסטע שוועסטער, אסתר, האָט אים גערופן אויף פּויליש: „זשיד וויעטשני אורח", דער ייד, דער אייביקער אורח (אַ טראַוועסטאַציע פון „זשיד וויעטשני טולאַטש", דער ייד דער אייביקער וואַנדערער).

דאָסמאָל האָב איך זיך גראָד געהאַט פאַרשפּעטיקט. ווען איך בין אַריינגעקומען אין שטוב אַריין, האָבן שוין דער טאַטע און ר' זלמן געהאַט געמאַכט קידוש און די פיש מיט דער געפרוווירענער פיש־יויך זענען שוין געשטאַנען אויפן טיש.

איך האָב זיך אַביסל איינגעבויגן און דביקותדיק געזאָגט דריי מאָל: גוט שבת, גוט שבת, גוט שבת!

דער טאַטע האָט מיר געענטפערט „„גוט שבת" טרוקן, זאַכ־

לעך, די מאמע — מיט א ביסעלע אן איבערגעטריבענער ווייכקייט און ווארעמקייט, געוואָלט אפּנים פאַרדעקן די אומאַנגענעמע סי־טואציע. ר׳ זלמן — האָט אינגאנצן נישט געענטפערט.

ס׳איז אָבער שוין געווען אין דער צייט ווען מיין טאטע האָט מיך שוין אויפגעהערט קאָנטראָלירן. ער האָט מיך שוין בכלל קיין קשיות נישט געפרעגט.

דאָך איז מיר געווען עפּעס אומבאקוועם. כ׳בין געווען אין א פארלעגנהייט. פּאמעלעך און דעליקאט האָב איך אָפּגערוקט די הויך־געבעטע שטול, זיך פּאוואָליע אוועקגעזעצט נעבן דעם ברייטן טיש געדעקט מיט א שניי־ווייס סערוועטן טישטעך, נישט דרייסט אויסגעשטרעקט די האנט, גענומען דאָס פלעשל ווייַן, זיך אָנגעגאָסן א פול בעכערל און האלב־שטיל אָנגעהויבן: „אם תשיב משבת רגלך"...

ווען איך האָב שוין געהאט געמאכט קידוש, האָב איך זיך דערפילט פרייער, היימישער, כ׳האָב אויפגעהויבן די אויגן און זיך ארומגעקוקט מיט א דרייסטערן בליק איבער דער שטוב.

כ׳האָב דערזען, אז ר׳ זלמן איז דאָס מאָל אויפגערוימטער ווי אלעמאָל, עפּעס געהויבן און צופרידן פון זיך. דאָס סאמעטענע היטל איז אויפגעהאָנגען אויפן „פּאָרענטש" פון דער שטול, דאָס סאמעטענע קאפּל פול מיט פעדערן פון אן אָרעם צעריבן קישן, איז געלעגן צוגעפּלאטשט צו זיין, מיט א מאשינקע אָפּגעשוירענעם קאָפּ. אלע פּאָר רגעס האָט ער מיטן קאפּל א פּעסטן רייב געטאָן די פּאטיליצע, מיט הנאה, מיט פארגעניגן.

ווי געזאָגט האָט שוין ר׳ זלמן געהאט געמאכט קידוש. קידוש פלעגט ער מאכן איבער א בעכער ריינעם פינף־און־ניינציקער. ער פלעגט נישט איבערדרייען אין מויל אריין דעם בעכער מיטן ספּירט, ווי דאָס טוען געוויינלעך טרינקערס, נאָר געזופּט פונעם בעכער נישט געיאָגט, ווי מען טרינקט א לאָיען געטראנק. ווען ער האָט שוין געהאט אראָפּגעזופּט א דריי חלקים פון בעכער פלעגט ער אוועקשטעלן דעם בעכער פון האנט, נעמען א קיבעלע, מאכן

א מזונות, איבערברעכן דאָס קיכעלע, באקוקן עס, ווי ס׳זעט אויס אינעווייניק און פאַוואָליע ארייגלייגן א שטיקל קיכל אין מויל אריין.

איצט איז ער געזעסן א צענומענער, אָן אויפגערוימטער, זיך געשאָקלט און צווישן קידוש און די פיש געזונגען דעם ניגון פון אַלטן וואָרקער רבין, געפּאַטשט מיט די הענט און מער געשריגן ווי געזונגען: אוי-ווי, אוי-וו-יי, אוי-ווי, אוי-וו-יי, אוי-ווי...

איך האָב א ווונק געטון צום טאַטן און אַנוויזנדיק אויף ר׳ זלמנען שטום געפרעגט: הא? וואָס איז דאָס? וואָס איז מיט אים די מער?

דער טאַטע האָט א שמייכל געטון, און ווען זלמן האָט אויפ־געהערט אויף אַ מינוט צו זינגען, האָט דער טאַטע אַ זאָג געטון:

— זלמן האָט היינט געמאַכט אין שטיבל די אמתע מרידה. ס׳האָט זיך דאָס געטון מיט אים היינט.

— הא, ר׳ זלמן, וואָס איז דאָס געווען, ר׳ זלמן, — האָב איך מיט גרויס נייגעריקייט אים געפרעגט.

ר׳ זלמן האָט זיך ברייט צעשמייכלט, אַ שאָקל געטון מיט דער קיילעכיקער פּלייצע, אַ פּאַטש געטון מיט די הענט און אין גרויס התלהבות געשריגן: אוי-ווי, אוי-וו-יי, אויווי...

* * *

און געשען מיט אים איז אָט-וואָס:

ווען דער שמש פון שטיבל, הערש-חיים, האָט אויפגערופן צו רביעי דוד אברהם-ברוך׳ס, דעם געוועזענעם גבאים זון, האָט זיך פון דער באנק, וואָס איז געשטאַנען נעבן אויוון אויפגעהויבן א בלאָנדער, שמאָלער יונגערמאַן. ער האָט דעם דינעם טלית מיט דער שמאָליטשקער עטרה (שוואַכע דורות היינט, ווער האָט כוח צו טראָגן א שווערן טערקישן טלית מיט א ברייטער זילבערנער עטרה?) אריבערגעצויגן מיט דער רעכטער האנט איבערן קאָפּ, צונויפגענומען ביים פּנים די צוויי ברעגעס פון טלית, ס׳זאָל זיך

נישט וואַרפן אין די אויגן אַריין דאָס לייכט-צוגעשווירענע ביי די זייטן בערדל, און מיט איילִיקע טריט און דורכן קירצסטן וועג, ווי דער דין איז, צוגעגאַנגען צום שולחן, וווּ ס'איז געלעגן די תורה איבערגעדעקט מיט אַ טונקל בלוי-סאַמעטן מענטעלע.

ער האָט זיך הכנעהדיק אָנגעבויגן און אויסגעצויגן די האַנט אַראָפּצונעמען דאָס מענטעלע פון דער תורה. פּלוצים איז צווישן אים און דעם שולחן אויסגעוואַקסן ר' זלמן, און מיט געביילטע פויסטן אין דער הויך געשריען:

— די וועסט נישט מאַכן קאַן ברכה איבער דער תורה, יאַך וועל נישט דערלאָזן!

— זלמן, זלמן! וואָס איז געשען, זלמן? — האָט זיך פון אַלע זייטן דערהערט אַ געשריי.

זלמן האָט אַ צערייצטער געוואָרפן מיט די הענט פאַרוּם, געטופּעט מיט די פיס און געשריגן אויפן גאַנצן קול: — דער פושע-ישראל וועט נישט עולה-לתורה זיין!

— זלמן, ווּס טוט זיך מיט דיר, זלמן?! בזיון התורה! זלמן, ווּס זוגסטי עפּעס אויף אַ ייד פושע-ישראל!

זלמנס פּנים האָט זיך אויסגעקרימט פון כעס, ס'איז געוואָרן רויט און מיטאַמאָל אינגאַנצן גראָ. דאָס גראָע פּנים איז אַזוי ווי אַריינגעפאַלן אין דער גראָ-אַשיקער באָרד זיינער. ער האָט זיך ווידער ווילד צעשריגן: — דער פּושע, עוכר-ישראל וועט נישט מאַכן קאַ ברכה איבער דער תורה, נישט באַ מאַן לעבן!

— זלמן, ווּס טוט זיך דו עפּעס? ווּס פאַראַ דעה-זוגער ביסטי דו, זלמן? ווער פרעגט דיך, זלמן, צי ער וועט יאָ עולה-לתורה זיין, צי נישט?

געהערט „ווּס פאַראַ דעה-זוגער ביסטי דו", האָט זיך דער נידעריקער זלמן אויפגעשטעלט אויף די שפּיץ פינגער פון די פיס, צונויפגעצויגן זיינע גראָע, מיט רויט געליאַמעוועטע אויגן, און טייטלענדיק מיט אַ פינגער אויף דעם צום טויט-דערשראָקענעם

יונגנמאַן, אַריינגעשריגן מיט אַ לייבן־שטימע אים גלייך אין פּנים אריין:

— דער פּושע, עוכר־ישראל גייט אין „טריאַטער״ אַראָן!!!

— טריאַטער!!!

אין דער גרויסער מהומה און סומאַטאָכע, וואָס איז אַנטשטאַ־נען נאָכדעם, ווי זלמן האָט ארויסגעזאָגט דאָס וואָרט „טריאַטער״ — איז דערווייל דער יונגערמאַן, דוד אברהם־ברוך׳ס — נעלם גע־וואָרן.

* * *

— יאָ, זאָג איך, „טריאַטער״ איז טאַקע אַ האַרבער ענין, אָבער זייט אזוי גוט, ר׳ זלמן, אפשר קאָנט איר מיר זאָגן, וואָס איז דאָס אזוינס „טריאַטער״?

— כי, כי, — מאַכט ר׳ זלמן, טייטלענדיק מיר מיטן פינגער אין די אויגן אַריין, — די ווייסט נישט ווּס דוס איז אַזוינס „טריאַ־טער״, כי כי!

דער טאַטע האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, די מאַמע האָט פון פארלעגנהייט אָנגעהויבן העכער צו קלאַפּן מיטן געשיר, מיין שוועסטער האָט זיך געמאַכט אויסווישן די אויגן מיט אַ קליין נאָז־טיכעלע.

— זלמן, זאָג איך, וואָס רעדט איר פּארא נארישקייטן, וואָס מיינט איר איך בין חלילה עפּעס אַ „טריאַטער״־גייער. כ׳וואָלט באמת געוואָלט וויסן, וואָס איז דאָס אַזוינס אַ „טריאַטער״?

— כי, כי, — מאַכט ר׳ זלמן. — יאָ, די ווייסט נישט ווּס דוס איז אַ „טריאַטער״. גיי, — זאָגט ער, — דערצייל אים אַ מעשה, ער גייט נישט אין „טריאַטער״! — ווינקט ער מיט די אויגן צו מיין טאַטן.

מיין טאַטנס פּנים איז געוואָרן רויט פון פארשעמטקייט. די מאַמע האָט אָנגעהויבן הויך צו רופן דאָס דינסט־מיידל, זי זאָל עפּעס דערלאַנגען, מיין שוועסטער האָט זיך פאַרשטעלט דאָס פּנים, נישט אויסצושיסן מיט אַ געלעכטער.

— ר׳ זלמן, — זאָג איך, — ווי פאַלט איר עפּעס אוים? ר׳ זלמן, איר מיינט, אַז איך האָב שוין אינגאַנצן פאַרגעסן ווער איך בין, פונוואַנען איך שטאַם? ווי קאָן איך גאָר איינפאַלן, ר׳ זלמן, אַז איך ווייס, וואָס דאָס איז אַזוינס „טריאַטער״?

ר׳ זלמן האָט אַ בליק געטון אויף מיין טאַטן. דעם טאַטנס אַראָפּגעלאָזטער קאָפּ האָט איבערגעהאַקט זיין טראַציק און ביי־סיק שמייכעלע, זיין כיבענדיק געלעכטערל. און אפשר האָט ער אויף מיין טאַטן רחמנות געקריגן, ער האָט זיך צוגעבויגן צו מיין אויער און ערנסט אָנגעהויבן אין מיר אַריינשעפּטשען.

וואָס דאָס איז אַזוינס „טריאַטער״, בין איך פון ר׳ זלמנען נישט געוואָר געוואָרן, נאָר איין זאַך האָט מיר ר׳ זלמן יאָ אויס־געזאָגט. ער האָט מיר דערציילט, אַז „אַזוי ווי מען קימט נאָר אַראָן אין „טריאַטער״ אַראָן טוט מען זיך אָס נאַקעט״...

און אַז ר׳ זלמן האָט מיר אַרויסגעפּליסטערט דעם סוד, האָט אַ טונקעלע כמאַרע באַדעקט זיין צעקנייטשט פּנים. ער האָט שנעל פאַרדעקט די פּיס מיט די פאָלעס פון זיין אַטלעסענער קאַפּאָטע, אַ וויש געטון מיט דער האַנט איבער דעם פאַרשוויצטן שטערן, אַ רייב געטון מיטן קאָפּ דעם קאָפּ, אַרויפגעלייגט אויפן קאָפּ דאָס סאַמעטענע היטל, און מיטן זעלבן ווורקער ניגון אָנגע־הויבן:

— אסדר לסעודתא, בצפרא דשבתא... אויוויי, אוי־וו־יי, אוי־וויי...

„זיצט דער רב ביי דער יורה דעה"

א.

ר׳ זלמן האָט פיינט געהאַט רבנים, געטראָגן אויף זיי עפּעס אַ משונהדיקע שנאה. רבּיִים האָט ער אויך נישט ליב געהאַט. ער פלעגט אָפט זאָגן:

— לעולם זענען די אַלע רבים אפילו נישט ווערט כ׳זאָל אָפּרעדן אָף זיי אַ שלעכט וואָרט. נאָר אויב ס׳איז שוין יאָ דו אַ רבי ווּס איז ווערט כ׳זאָל אָף אים אָפּרעדן, איז עס פּינקט מאַן רבי אין אָף אים טור יעך נישט רעדן.

אַממייננסטן האָט ר׳ זלמן פיינט געהאַט דיקע רביִים, פּעטע, מיט גרויסע בייכער.

איינמאָל איז ער געגאַנגען מבקר חולה זיין אַזאַ דיקן רבין, וואָס האָט יאָרן-לאַנג געוווינט אין וואַרשע און איז געהאַט קראַנק געוואָרן. ווען ר׳ זלמן איז צוריקגעקומען האָט אים דער עולם אין שטיבל געפרעגט:

— ני, זלמן, ווּס האָסטי דאָרט גיזעיען?

— כ׳האָב גיזעיען אַ פיל בעט מיט רבי, — האָט ר׳ זלמן גע־ענטפערט מיט כעס און זיך אָפּגעשאָקלט ווי פון זייער אַ פּזשיק־רער זאַך.

אָבער צו דער שנאה וועלכע ר׳ זלמן האָט געטראָגן אין זיך אויף די רבנים איז עס פאָרט נישט געקומען. רבנים האָט ער פשוט נישט סובל געווען. ער האָט זיי פיינט געהאַט אַלע צוזאַ־מען און יעדן באַזונדער. ער האָט נישט געקאָנט הערן ווען אי־מיצער האָט אַמאָל געזאָגט אויף אַ רב אַ גוט וואָרט. דערפאַר

יעדעס בייז וואָרט, יעדע רכילות האָט ער אויפגעכאַפּט ווי אַן אבן־טוב, ווי אַ ווילדע מציאה און זיך דערמיט געקוויקט, ממש מחיה געווען.

ר׳ זלמן האָט דערציילט אַזאַ מעשה:

נאָך דער פּטירה פון בעל שם טוב איז פאַר די גאַנצע וועלט געווען קלור, אַז דער ממלא מקום זאָנער וועט זאַן ר׳ יעקב יוסף, דער תולדות, דער מחבר פין ספר תולדות יעקב יוסף. ווּס איז אָבער גישעיען? ס׳איז גישעיען אַ זאַך פין וועלכע די וועלט איז נבהל ונשתומם געוואָרן. וואָל נוך דער פּטירה פון בעש״ט האָט די שכינה גינימען איר קלימעקל אין זעך איבערגעטרוגן צים גרויסן מגיד, צים מגיד פין מעזריטש. האָט דעך די גאַנצע וועלט גיפרעיגט: — היתכן? ווּס איז דו גישעיען? האָבן די יודעי טעם וח״ן גיענטפערט, אַז דוס איז דערפאַר, וואָל ר׳ יעקב יוסף איז גיוועזן אַ רב, פילנוער רב, גיגאַנגען אָנגיטין אין אַ זשיפּיצע מיט סאַמעטענע סטראָקעס, אין ס׳איז גלוי וידוע אַז די שכינה האָט פאַנט זשיפּיצעס מיט סטראָקעס, האָט פאַנט רבנים...

ווי באַוווּסט איז ר׳ זלמן געווען אַ חשדן. יעדער איינער איז ביי אים געווען אַ חשוד. די רבנים האָט ער חושד געווען אין כל דבר אסור. דער עיקר האָט ער זיי חושד געווען אַז זיי נעמען שוחד.

ר׳ זלמן האָט דערציילט בדרך הלצה:

אַמול איז גיוועין אַז אַ רב איז אָף דע עלטער גיוואָרן טויב. האָט מען אים געפרעיגט: — היתכן? מילא ווען איר וואָלט חלילה גיוואָרן בלינד, פאַרשטייט מע, וואָל „כי השחד יעוור עיני חכמים״, אַז מע נעמט שוחד וועיעט מע בלינד. אָבער ווי קימט עס אַז איר זאָלט גור ווערן טויב?

האָט אָף דעים דע רב גיענטפערט: — מע האָט מיר נאָר אַלעמאָל ציגעזוגט אין מע האָט מיער קיינמול נישט גיגעיבן.

פאַרשטייט עץ שוין, — האָט ר׳ זלמן זיך צעשמייכלט, — אַז דעיע רב האָט נעבעך גיזינדיקט בלויז מיט די אויערן...

כאָטש, ווי געזאָגט, האָט ר׳ זלמן דערציילט די מעשה בדרך הלצה, האָבן פונדעסטוועגן אַלע געוווּסט, אַז דעם ענין מיט נעמען שוחד מיינט ער זייער ערנסט. ער האָט יעדן רב אין דעם חושד געווען, ווען אפילו אַלע האָבן געהאַלטן, אַז דער רב וועגן וועלכן ער רעדט, איז אַ ייִד אַ צדיק און אַ נקי כפּימניק. פאַר ר׳ זלמנען איז אָבער נישט פאַראַן געווען קיין חילוק. פאַר אים איז גענוג געווען אַז יענער איז אַ רב, אַז ער זאָל שוין זיין ביי אים אַ חשוד אין נעמען שוחד.

ר׳ זלמן האָט סתם געהאַלטן אַז די רבנים מיינען נישט די תורה, מיינען נישט דאָס ייִדישקייט, מיינען נישט די הלכה, נישט די חוקים ומשפּטים. זיי מיינען נאָר דאָס געלט.

ווען איך בין געווען נאָך גאָר אַ קליין ייִנגעלע און ר׳ זלמן איז אויך נאָך ווייט געווען פון זקנה, פלעגט ער מיך צורופן צו זיך, נעמען מיינע הענטלעך, צולייגן זיי צו מיינע אויערן, דאָרט ווו ס׳וואַקסן די פּאות און מיט די פינגער מיינע געלערנט מיך דרייען די מכלומרשטע פּאות און דערביי זינגען:

> זיצט דער רב ביי דער יורה דעה,
> אין דרייט זעך ביי די פּאה,
> אין זיין מיינינג איז נאָר געלט,
> געלט, געלט, געלט!

כ׳ווייס נישט פאַרוואָס, צי דערפאַר ווייל איך האָב דאָס געזונגען מיט אַ סך קינדישן חן, צי דערפאַר ווייל מיין טאַטע האָט סתם ליב געהאַט ר׳ זלמנס קונדסישע שטיק, נאָר דער טאַטע פלעגט מיך אָפט בעטן איך זאָל זינגען דעם „זיצט דער רב ביי דער יורה דעה״.

מיר האָט די ראָל אָנגעהויבן געפעלן צו ווערן. כ׳האָב אָנ־געהויבן אַריינלייגן דערין מיינע אייגענע תנועות, מיין אייגענע קינדישע נשמה. כ׳פלעג זיך שאָקלען מיט גרויס פאַרטראַגנקייט, כ׳האָב געדרייט די מכלומרשטע פּאות פאַמעלעך און פאַרטראַכט, כ׳פלעג שטאַרק צוקוועטשן די אויגן און ציען די ווערטער און דעם

ניגון מיט גרויס דביקות. מיין טאַטע האָט פון מיין זינגען „זיצט דער רב ביי דער יורה דעה” שטאַרק הנאה געהאַט.

* * *

דאָס קליינע יידעלע מיטן רויטן בערדעלע ווי דער פלאַם פון אַ נשמה-ליכט, איטשעלע קובאַץ, האָט געזאָגט, אַז ר' זלמנס שנאה צו די רבנים נעמט זיך פון קנאה. ער איז זיי פשוט מקנא.

— בלויז דע געדאַנק אַליין, אַז אַ רב קאָן באַקימען שוחד, — האָט מסביר געווען פאַר דעם עולם איטשעלע קובאַץ, — שוין דוס אַליין פירט זלמנען אַראָפּ פין די כלים, פירט אים, רחמנא ליצלן, אַרופּ פין זינען. זיין קנאה צי די רבנים האָט גור קאַ גבול נישט.

איטשעלע קובאַץ האָט געהאַלטן, אַז ר' זלמן האָט אַזוי ליב געלט, אַז ווען ער, זלמן, וואָלט חלילה געווען אַ רב, וואָלט ער גע-נומען שוחד ווי נאָר ס'וואָלט זיך געלאָזט. ביי אַ דין-תורה וואָלט ער גענומען פון ביידע צדדים. דאָס וואָס איז אסור וואָלט ער פאַר שוחד מתיר געווען, און דאָס וואָס איז מותר וואָלט ער געאַסרט. אויף טמא וואָלט ער געזאָגט טהור און אויף טהור טמא. אַלץ פאַר געלט. כשרס וואָלט ער געמאַכט טריפה און טריפה וואָלט ער געכשר'ט, אַבי שוחד, אַבי נעמען עפּעס אין דער יד אַריין. אין דעם קליינעם איטשעלעס דמיון איז ר' זלמן אויסגעוואַקסן צו עפּעס אַ גרויסן אומריינעם כוח וואָס איז גרייט פאַר געלט אַ תל צו מאַכן חלילה פון גאַנצן יידישקייט...

ר' זלמן האָט געשריגן אַז איטשעלע קובאַץ איז נישט נאָר אַן עזות פנים, אַ מחוצף, נאָר אויך אַ רשע און אַן עם-הארץ און נאָך אַ בהמה דערצו. ער פאַרשטייט גאָרנישט און מישט זיך אין אַלעם אַריין.

דאָס קליינע יידעלע מיטן רויטן בערדעלע איז שוין אָבער דווקא יאָ געווען אַ ייד אַ בן תורה. פונדעסטוועגן פלעגט ער אויף ר' זלמנס ווערטער, אַז ער איז אַן עם-הארץ, גאָרנישט ענטפערן. דאָס וואָס ער האָט צוליב זיין ביטערער פרנסה, פון וועלכער ער

האָט באַדאַרפט מפרנס זיין אַ משפחה פון ניין נפשות, געמוזט מוותר זיין אויפן לערנען כאָטש אַ פּאָר שעה יעדן טאָג, האָט אים אַזוי דערנידריקט, אים אַזוי משפּיל געווען אין די אייגענע אויגן, אַז ער, וואָס איז געווען דער כל וכל אין שטיבל, וואָס האָט דאָס גאַנצע שטיבל געפירט ביי דער נאָז, וואָס אָן אים האָט מען אין שטיבל גאָרנישט געטון, ער, וואָס איז געווען דעם רבינס „געהיים־אַגענט", פאַר וועלכן אַלע בחורים און יונגעליים אין שטיבל האָבן געציטערט, ער האָט אויפגענומען ר׳ זלמנס פּסק, אַז ער איז אַן עם־הארץ, מיט טיפער הכנעה.

ר׳ זלמן אַליין האָט געטענהט, אַז דערפאַר האָט ער פיינט רבנים, ווייל זיי מאַכן פון דער תורה אַ קרדום לחפור בה, זיי מאַכן פון דער תורה אַן ענין פון פרנסה.

ווען אַן אַלעקסאַנדער חסיד איז אַמאָל געווען אַ רב אין אַ שטעטל, האָט עס אין ר׳ זלמנען געקאָכט און געזאָטן:

— וועס? אַ רב איז עיער? אַ רעב ללחם איז עיער! ער דאַרף ברויט און ער מאַכט פין די תורה ברויט. דער רב דאַרף פרנסה אין די רביצין דאַרף שוין אויך מותרות אין אַזוי אַרים קימט מע צי נעמען שוחד.

דער עולם אין אַלעקסאַנדער שטיבל האָט מיט אים איינגע־טענהט:

— זלמן, פאַרשטייסט דאָך, זלמן, אַז ס׳מיזן זאַן רבנים. יעדע עדה, יעדע שטוט, יעדעס שטעיטל מיז הובן אַ רב, מיז הובן אַ מרא דאתרא, טאָ ווּס וואָלסטי גיוואָלט אַז אַלע רבנים זאָלן זאַן גערער חסידים אין די אַלעקסאַנדערער זאָלן נישט הובן קאַ איין רב?

— זעט עין, — האָט ר׳ זלמן געענטפערט מיט אַ שמייכל, — קאַ חסידים פאַרגין יעך עם טאָקע נישט, דעם גערער, אָבער רבנים — וויפל ער וויל. די מציאה פאַרגין יעך אים מיטן גאַנצן האַרץ. ווען ער וועט הובן אַ פור הינדערט רבנים, וועלן זיי עם שוין מאַכן אָם רבי...

ר׳ זלמן האָט געהאַלטן, אַז דאָס וואָס דער יונגער עולם ווערט קאַליע, גייט אַוועק פון חסידות, גייט אַוועק פון יידישקייט, וואָס ביי ר׳ זלמנען איז דאָס געווען הינו הך, נעמט זיך דערפון, וואָס מען לערנט נישט מער קיין תורה לשמה. מען האָט געמאַכט פון דער תורה אַן ענין פון תכלית.

— תורה אַליין איז תכלית, דער בעסטער תכלית! אוי, יידן! האָט מע דום גימאַכט אַ תכלית פין דעים תכלית! אוי, האָט מע דום פאַרטאַכליעוועט דעם תכלית! — האָט ר׳ זלמן געשריגן און געליאַרעמט בקולי קולות.

ווען ס׳פלעגט אַמאָל אַרויפקומען אין שטיבל אַריין דאַוונען אַ רב אַן אַלעקסאַנדער חסיד, וועלכער איז געהאַט געקומען קיין וואַרשע, האָט אים ר׳ זלמן פשוט גערודפט, מבזה געווען. ווען מען האָט דעם רב אין שבת אויפגערופן צו דער תורה מיט אַ „מורה מורינו״, פלעגט ר׳ זלמן זיך אַוועקשטעלן אַנטקייגן דעם רב און אים שפּאָטיש קוקן גלייך אין די אויגן אַריין. ער פלעגט דערביי זאָגן הויך אויפן קול, אַז אַלע זאָלן הערן:

— קיקטס נאָר און דעם מורה מורנו, אַ וואַזשנע מורה מורנו! אַ שיין פּנים האָבן מיער אַז דום איז אַ מורה מורנו!

ווען אַן אַלעקסאַנדער חסיד פלעגט ווערן אַ רב אין אַ שטעטל, איז כאָטש פריער האָט אים דער גאַנצער עולם געזאָגט ווי גע־וויינלעך „די״, אָבער פון דעם טאָג פון וועלכן ער איז געוואָרן רב, האָבן אים אַלע אָנגעהויבן „אירצן״, אָדער גאָר גערופן „רב״, צו־געבנדיק דערצו דעם נאָמען פון שטעטל אין וועלכן ער האָט פאַר־נומען דעם כסא רבנות, ווי למשל טשעכאַנאָווער רב, אַלעקסאַנדער רב וכדומה.

לא כן ר׳ זלמן. ר׳ זלמן האָט אַזוי נישט געטון. אים איז נישט אָנגעגאַנגען וואָס יענער איז געוואָרן רב און לפני כל עם ועדה אים ווייטער געזאָגט „די״.

ס׳האָט נישט געהאָלפן וואָס מען האָט ר׳ זלמנען דערמאָנט, אַז אַזאַ צדיק יסוד עולם ווי דער „אוהב ישראל״, איז געווען

אַפּטער רב, וואָס דער „קדושת לוי" איז געווען רב אין בערדיטשעוו און וואָס דער שׂרף, ר׳ אורי סטרעליסקער, איז אויך געווען אַ רב.

— דוס אַלץ איז גיוועין אַמול, האַנט איז דוס שוין מעיער נישט דו. די האַנטיקע רבנים מיינען נאָר כבוד אין געלט, רח"ש אין סתם שוחד אין וועיר ווייסט ווּס נאָך.

— אין ווּספּאַרא טעם האָט דוס לערנען פין די האַנטיקע רבנים? — איז ר׳ זלמן אָנגעגאַנגען מיט זיינע טענות, — אין ווּיע פין זיי זיכט האַנט אין דער גמרא דעם יסוד צי פּסקנען אַ שאלה? אין ווי איז האַנט דו אַ ריינע דין-תורה? סוחריי איז עס, שפּעקילאַציע איז עס — נישט קאַ דין-תורה! אין ווּס מיינט עך לערנען זיי, די רבנים? גמרא מיט תוספות מיט אַנדערע מפרשים לערנען זיי? אַ נעכטיקע טוג, ס׳איז מאַן דכר שמיה. אין די אַרבע שולחן-ערוכ׳ם לערנען זיי דען יאָ? מע לערנט דעם „פּרי מגדים", מען לערנט שוין דעם „קיצור פּרי מגדים" — אין דוס איז עס. די יונגע רבנים האָט ר׳ זלמן גערופן די „קיצור פּרי מגדימ׳ניקעס". — קיקטס נאָר און דעם „קיצור פּרי מגדימניק"! — האָט ר׳ זלמן געמאַכט קולות און געטייטלט מיטן פינגער אויף משה אפרים ליפמאַנס זון, וואָס האָט זיך געגרייט צו ווערן רב, צי באַקומען סמיכות.

טאָמער האָט אַן אַלטער רב געפאָדערט פון זיין קהילה, אַז לאחר מאה ועשרים זאָל זיינס אַ זון אָדער איידעם פאַרנעמען זיין אָרט, איבערנעמען זיין כסא רבנות, — האָט דאָס ר׳ זלמנען שוין גאָר אַרויסגעפירט פון די כלים.

— ווּס?! עיער האָט שוין גינימען די תורה אין אַרענדע? ווּס?! ער וויל שוין די תורה מאַכן ירשנען אַנדערע?! עיער האָט שוין אַזוי די תורה אין די האַנט אַז עיער וויל זי שוין איבערלאָזן בירושה זאַנע קינדער?!

ווען אַ רבישער זון, וואָס ביז נישט לאַנג צוריק איז ער געווען אַ מעורב בין הבריות, אַרומגערודערט, אַרומגעקונדסעוועט מיט אַלע חסידישע יונגעלייטלעך, ווען אַזאַ רבישער זון האָט מיט-אַמאָל אָנגעהויבן ווערן „אַ סטאַטיק", אָנגעהויבן גיין אין פּאַטערס

דרכים, האַלטן זיך פונדערווייטנס, רעדן פּאַמעלעך, גיין בנעימות־דיק, אַרויסשטופּנדיק דאָס בייכל פאָרויס, ווען ער האָט אָנגעהויבן זיך פורש צו זיין פון ציבור חסידים, זיך אָפּשליסן אינמיטן טאָג אין אַ באַזונדערן חדר, האָט ר׳ זלמן געזאָגט: — ני, ער קוואַקעט שוין אויף רבי...

אָבער ווען אַזאַ רביש קינד, האָט אָנגעטון אַ רבנישן ספּאָ־דיק, זיך אָנגעהויבן דרייען ביים בית־דין שטיבל, אָנגעהויבן זיך פאַרנעמען מיט קהלישע ענינים, האָט עס ר׳ זלמן געהאַלטן פאַר פּשוטע רמאות, פאַר שווינדלעריי.

דורך איטשעלע קובאַץ איז דערגאַנגען צום אַלעקסאַנדער רבין, אַז ר׳ זלמן איז מבזה רבנים און רעדט אויף זיי אוים אסור לדבר. האָט דאָס דעם רבין שטאַרק געאַרט, ער האָט געהאַט דער־פון גרויס עגמת־נפש. דער רבי האָט געהאַלטן פאַרקערט. דער רבי האָט געהאַלטן אַז וואָס מער חסידים דאַרפן ווערן רבנים. ביי אים איז געווען בדוק ומנוסה אַז נאָר חסידישע רבנים, נישט מתנגדישע, קאָנען אָפּראַטעווען דאָס יידישקייט. און אויב שוין חסידישע רבנים, טאָ פאַרוואָס זאָלן די אַלעקסאַנדער חסידים נישט האָבן דערין זייער חלק?

ווען ר׳ זלמן איז אויף די ימים־נוראים געקומען צום רבין, האָט אים דער רבי ביים שלום לאַנג אויסגעמיטן און אים נישט דערלאַנגט די האַנט. ר׳ זלמנס דיקע נאָז פאַרענדיקט מיט אַ שפּיץ איז ביי אים געוואָרן ווייס ווי ביי אַ מת. מען האָט נאָר נישט געוווּסט, צי איז אים די נאָז ווייס געוואָרן פון מורא, צי פון כעס.

כאָטש ר׳ זלמן האָט געהאַלטן אין איין טענהן אַז זיין התנגדות צו די רבנים נעמט זיך פון דעם, וואָס זיי מאַכן פון דער תורה אַ קרדום לחפור בה, אָבער דאָס וואָס ער פלעגט אַזוי אָפּט רעדן וועגן נעמען שוחד, האָט דעם עולם אונטערגערוקט דעם געדאַנק, אַז גערעכט איז טאַקע דאָס קליינע איטשעלע קובאַץ, אַז ר׳ זלמנס

שנאה צו רבנים נעמט זיך טאַקע פון קנאה. ער איז פשוט מקנא די רבנים פונעם בלויזן רעיון אַז זיי קאָנען נעמען שוחד...

נאָך דער מעשה וואָס איז געשען ביים רבין, נאָך דעם ווי דער רבי האָט ר׳ זלמנען לאַנג געלאָזט שטיין און אים נישט דער־לאַנגט קיין שלום, האָט דער עולם אָנגעהויבן צו טראַכטן ווי אַזוי, וואָס פאַרא שפּיצל אָפּצוטון ר׳ זלמנען, ווי אַזוי אים אָנלערנען, אַז ס׳זאָל זיך אים איינמאָל פאַר אַלעמאָל אָפּגלוסטן אויסצורעדן רכילות אויף רבנים...

דער עיקר האָט זיך דערמיט פאַרנומען דאָס קליינע יידעלע מיטן רויטן בערדעלע, איטשעלע קובאַץ.

ב.

ווען ס׳האָט זיך דערנענטערט פּורים, איז שוין ביי איטשעלע קובאַץ געווען פאַרטיק דער גאַנצער פּלאַן מיט אַלע פּרטים, מיט אַלע פּיטשעווקעס.

דאָס קליינע איטשעלע האָט זיך וועגן דעם פּלאַן מיישב געווען מיט עטלעכע יונגעלייט פון שטיבל, און ביי זיי האָט דער פּלאַן נושא חן געווען, שטאַרק ביי זיי אויסגענומען, זיי זענען פשוט געווען פון אים נתפּעל.

האַרט פאַר פּורים האָט שוין דער גאַנצער עולם אין שטיבל, מיטן גבאי און משמש, געוווּסט וואָס עס גרייט זיך אויף ר׳ זלמנען. נאָר איינער האָט וועגן דעם גאָרנישט געוווּסט, ר׳ זלמן אַליין...

פּורים ביינאַכט, נאָך מעריב און פאַר דעם לייענען די מגילה, ווען אויבן־אָן פון אַ לאַנגן טיש האָבן זיך אַוועקגעזעצט ר׳ שלמה גבאי און עטלעכע שיינע יידן פון שטיבל, ווען הערש־חיים, דער משמש, האָט פאַר זיי אַוועקגעשטעלט די קערות אויף מחצית־השקל־געלט, און ר׳ שלמה גבאי האָט אין איין קערה אַריינגעלייגט דריי אַלטע, זילבערנע, רוסישע מטבעות פון ניקאָלאַי דעם ערשטנס ציימן, במקום האַלבע שקלים, ווען איינער פון די שיינע שטיבל־

יידן, ר׳ אברהם ברוך, וואָס איז געזעסן נעבן דעם גבאי, האָט אַרויסגענומען פון קעשענע און אָוועקגעלייגט פאַר זיך אַ לאַנג, ווייס פּאַפּיר מיט אַ בלייער אויף פאַרשרייבן וויפל יעדער פונעם עולם איז זיך מתחייב צו געבן אויף מעות חטין, האָט זיך צום אויבן־אָן פונעם טיש אָנגעהויבן דערנענטערן ר׳ זלמן.

געוויינלעך, יעדעס יאָר ווען ר׳ זלמן האָט געוואָלט צוגיין צום טיש און זיך אַוועקזעצן נעבן ר׳ שלמה גבאי און די שיינע־יידן און אָנהויבן זאָגן דעות וויפל דער אָדער יענער דאַרף געבן מחצית־השקל־געלט און וויפל מעות חטין, — איז עס אים נישט לייכט אָנגעקומען.

ס׳זענען געווען די ערשטע יאָרן זינט ר׳ זלמן איז געוואָרן אַ תושב אין וואַרשעווער אַלעקסאַנדער גרויסן שטיבל. קיין זקן איז ער נאָך דעמאָלט אויך נישט געווען. קיין גרויס דרך־ארץ האָט מען פאַר אים אין שטיבל נישט געהאַט. פאַרקערט, יעדער איינער האָט געהאַלטן פאַר אַ העזה פון ר׳ זלמנס זייט וואָס ער, אַ פרעמדער און אַזאַ ביטערער אָרעמאַן, שטופּט זיך אויבן־אָן און וויל דווקא זיין אַ גאַנצער דעה־זאָגער וויפל אימיצער דאַרף געבן צדקה.

וואָס אָן אמת האָט ר׳ זלמן זיך נישט געלאָזט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט, ער האָט געאַרבעט מעשים, געלייגט וועלטן, אַז מען זאָל אים יאָ צולאָזן צום טיש. ער פלעגט זיך טיילמאָל דערשלאָגן דאָרט אָן אָרט פשוט מיט כוח. אָבער נישט אַלעמאָל איז עס אים געראָטן. ס׳פלעגט טרעפן אַז ר׳ זלמן האָט זיך געמוזט באַגנוגענען מיטן שטיין נעבן טיש, צי אפילו נאָך אַביסל ווייטער, און פון דאָרט שיקן זיינע שטעך־ווערטלעך צו די נגידים־קמצנים.

דאָס מאָל, ווען ווען ס׳רעדט זיך דאָ, איז עס געווען לגמרי אַנדערש.

דאָס מאָל, ווען ר׳ זלמן האָט זיך אָנגעהויבן דערנענטערן צום טיש, האָט ער זיך נישט נאָר נישט באַדאַרפן מיט כוח אַדורכצו־שטופּן, נאָר דער עולם האָט זיך פונאַנדערגערוקט און נאָר גע־מאַכט פאַר אים אַ וואַרע, ממש אַ וואַרע!

ווען ר׳ זלמן איז צוגעקומען צום אויבן־אָן, האָבן ר׳ שלמה גבאי און ר׳ אברהם ברוך, דער נגיד און חלוש, זיך פֿוגאַנדערגע־רוקט און געמאַכט פּאַר ר׳ זלמנען אַן אָרט צווישן זיך.

אַ רגע איז ר׳ זלמן געבליבן זיצן אַביסל מטושטש, צוליב דעם אומגעריכטן כבוד וואָס מען האָט אים אָנגעטון. אָבער נאָר אַ רגע. זיין אמונה אין זיך איז געווען אַזוי גרויס, אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט באַלד אָנגעהויבן קוקן אויף דעם כבוד ווי אויף אַ פּשוטער זאַך, ווי אויף אַ זאַך וואָס עס קומט אים. ער האָט זיך נאָר געחי־דושט פֿאַרוואָס מען האָט אים ביז איצט נישט אָנגעטון דעם כבוד.

ר׳ זלמן האָט מעשה בעל־הבית גענומען דאָס לאַנגע פּאַפּיר, וואָס איז געלעגן פּאַר ר׳ אברהם ברוכן און עס אוועקגעלייגט נעבן זיך. אַזוי אַרום האָט ר׳ זלמן געוויזן דעם גאַנצן עולם, אַז מען וועט ביי קיינעמען נישט נעמען קיין מעות חטין אָן דעם, אַז מען זאָל פֿריער ביי אים נישט אָנפֿרעגן וויפֿל צו נעמען.

ר׳ אברהם ברוך האָט אויף דעם, וואָס ר׳ זלמן האָט געטון, נישט מחולק געווען. ער האָט נישט אַרויסגעוויזן דאָס מינדעסטע פֿאַרחידושטקייט דערפֿון. פֿאַרקערט, ער האָט גענומען דעם בלייער און אים אויך אַוועקגעלייגט נעבן ר׳ זלמנען.

ווען דער עולם פֿלעגט צוקומען צום טיש געבן מחצית־השקל־געלט, האָט ר׳ שלמה גבאי יעדעס מאָל אַרויסגענומען פֿון איין קערה די דריי אַלטע זילבערנע מטבעות און זיי אַריינגעלייגט דעם געבער אין דער האַנט אַריין. דער וואָס האָט געגעבן דאָס מחצית־השקל־געלט פֿלעגט צולייגן צו די מטבעות לפֿי יכולתו זיין גאָב און אַלץ צוזאַמען אַריינוואַרפֿן אין אַ צווייטער קערה.

אַזוי פֿלעגט ר׳ שלמה גבאי טון ביי יעדן איינעם. קיינער האָט נישט מעיז געווען זיך אַליין צו נעמען פֿון דער קערה די מטבעות. דאָס איז געווען ר׳ שלמה גבאי׳ס עבודה אין יעדן פּורים, דאָס איז געווען זיין זכות און זיין חזקה. ער פֿלעגט דאָס טון בנעי־מות, נישט געיאָגט און מיט גרויס חשיבות צו זיך אַליין און צו דעם וואָס ער טוט.

איצט, ווען ר׳ זלמן האָט זיך אַוועקגעזעצט צווישן אים און ר׳ אברהם ברוכן, האָט ר׳ שלמה גבאי מוותר געווען אויף זיין כבוד, אויף זיין חזקה און מיטן דערלאַנגען יעדן איינעם די זיל־בערנע מטבעות מכבד געווען ר׳ זלמנען.

נאָר אַנשטאָט מיט שמחה, ווי ר׳ שלמה פלעגט דאָס טון, האָט ר׳ זלמן צוגערוקט צו זיך די קערה מיט די זילבערנע מטבעות מיט רוגזה. איידער ער האָט אימעצן דערלאַנגט די מטבעות, האָט ער יענעם אָפּטאַקסירט מיט אַ בייזן בליק, ווי ער וואָלט זיך ישובן: געטרויען יענעמען דאָס זילבער, צי נישט...

געוויינלעך פלעגט מען זיך ביי מחצית־השקל־געלט נישט דינגען. מעז האָט געוואָרפן דאָס געלט אין דער קערה. אָבער ר׳ זלמן האָט יעדן געקוקט אויף די הענט און וויפל יענער זאָל נישט געבן האָט ער געבורטשעט אַ נישט צופרידענער.

ר׳ זלמן האָט געזען אַז דער עולם קוקט אים עפּעס משונהדיק אָן. ער איז געווען זיכער, אַז זיי קוקן אויף אים מיט קנאה, אַז זיי זענען אים מקנא פאַר די כיבודים וועלכע מען טוט אים אָן. דאָס האָט אים צוגעגעבן קוראַזש, ער איז געוואָרן ביי זיך גאָר גע־הויבן, געקוקט אויפן עולם מיט גדלות, פון אויבן אַראָפּ, און לסוף געמאַכט זיך אויפן עולם אינגאַנצן נישט קוקן.

דער עולם האָט טאַקע געקוקט משונהדיק אויף ר׳ זלמנען, אָבער צוליב גאָר אַן אַנדערן טעם. ווי אים האָט זיך דאָס אויס־געדאַכטן...

* * *

פּורים ביינאַכט, ווען צווישן עולם אין שטיבל איז געווען אַ שפּאַר ביסל יידן וואָס האָבן געפאַסט תענית אסתר און געוואַרט מען זאָל שוין לייענען די מגילה, אַז זיי זאָלן קאָנען עפּעס איבער־כאַפּן, זיך אונטערלענען דאָס הארץ נאָכן תענית, האָט מען צוליב זיי לאַנג נישט געצעגערט מיטן מחצית־השקל־געלט און נישט

מיט מעות חטין. דער עיקר האָט מען דאָס אָפּגעלייגט אויף פּורים אינדערפרי.

פּורים באַלד אינדערפרי, האָט ר׳ זלמן זיך אָוועקגעזעצט אויבן־אָן ביים טיש. ער האָט זיך שוין איצט נישט פאַרנומען מיטן מחצית־השקל־געלט, דאָס איז נישט געווען פאַר אים קיין ענין. ער האָט זיך נאָר פאַרנומען מיטן מעות חטין. ער האָט געהאַלטן דאָס פּאַפּיר מיטן בלייער און ווען אימיצער איז צוגעקומען האָט אים ר׳ זלמן נישט געפרעגט וויפל ער וויל געבן, נאָר אַליין, נישט גע־פרעגט, אַריינגעשטעלט אין צעטל אַ סכום געלט.

די סכומים, וועלכע ר׳ זלמן האָט אַריינגעשריבן אין צעטל, זענען געווען אַזוי גרויס, לגמרי נישט לויט דער יכולת פון די מענטשן וואָס האָבן באַדאַרפט די סכומים צו באַצאָלן. דער עולם איז געשטאַנען איבער ר׳ זלמנען און הכנעהדיק אים געבעטן ער זאָל נישט זיין אַזאַ גזלן און זאָל עפּעס אַראָפּלאָזן פון די סכומים געלט, וועלכע זיי זענען נישט בכוח צו געבן.

אָבער ר׳ זלמן האָט דערפילט מאַכט, דערפילט כוח. ס׳איז אין אים אַריין אַ ווילד תקיפות. ער האָט נישט געלאָזט צו זיך רעדן. ער האָט דערפילט אַז ס׳איז געקומען זיין טאָג, און אים האָט זיך אויסגעדאַכטן אַז ער פליט איבער די קעפּ פון גאַנצן עולם מיטן ווייסן צעטל און מיטן בלייער אין די הענט...

דער עולם האָט געשריגן: — זלמן, ביזט דעך אַ גזלן! האָסט דעך גורנישט קאַ יידיש, נאָר אַ טוטעריש האַרץ! ווי איז מען אַזאַ אַכזר, בפרט ביי צדקה־זאַכן.

— זלמן, ווּס ווילסטי פין מיר אַזויפיל מעות חטין אַז יעך אַליין האָב נאָך נישט אָף פּסח. ווּס מיינסטי וועסט באַ מיר נעמען בעגזלעוואַי? ! — האָט געשריגן זייער אַ געקוועלטער ייד, וואָס האָט זיך מפרנס געווען שטאַרק בדוחק.

אָבער ר׳ זלמן איז געווען גרויס ביי זיך, אַ תקיף, ער האָט נישט געוואָלט הערן וואָס יענע טענהן. — אַז עך וועט וועלן געיבן וועט עך הובן, — האָט ער אָפּגעפּסקנט.

ר׳ שלמה גבאי און די אַנדערע שיינע יידן, וואָס זענען געזעסן בשעת מעשה ביים טיש, האָבן אַריינגעשמייכלט אין די ברייט־צעקעמטע בערד זייערע. ר׳ זלמן האָט געמיינט אַז דאָס שמייכלען זיי פון צופרידנקייט, פון זיין אויסטויגן זיך, אַז זיי האָבן הנאה פון זיין פירן דעם ענין ביד חזקה, פון דעם, וואָס דאָס יאָר וועט זיין אַ הון רב צו צעטיילן מעות חטין.

אָבער געשמייכלט האָבן זיי פון גאָר עפּעס אַנדערש...

ווי געזאָגט, איז דאָס אַלץ געשען אין איינעם פון די ערשטע יאָרן פון ר׳ זלמנס ווערן אַ תושב אין אַלעקסאַנדער שטיבל אין וואַרשע. ס׳איז געווען דאָס ערשטע יאָר ווי ער איז געוואָרן אונ־דזער סטאָלער אורח.

מיין טאַטע האָט געוואַרט אויף ר׳ זלמנען בכדי אים מיטנע־מען אַהיים צו דער אינדערפריאיקער סעודה. אָבער ר׳ זלמן איז געווען אַזוי פאַרקאָכט אין די געלט-ענינים, אַז ער האָט אפילו מיין טאַטן נישט באַמערקט.

דער טאַטע מיינער איז צוגעגאַנגען צו ר׳ זלמנען און אים געזאָגט: — זלמן, איך גיי אַהיים. ווען די וועסט פאַרטיק ווערן זאָלסטו תיכף קימען. מעט וואַרטן אַף דיר.

מיט די פיש האָבן מיר נישט געוואַרט. אָבער מיט די קרעפּ־לעך האָט מען טאַקע יאָ געוואַרט. ר׳ זלמן איז געקומען צו אונדז אַ פריילעכער, אַ צעזונגענער, אַ געהויבענער ביי זיך. ער האָט געפּאַטשט מיט די הענט ווי אַ פויגל וואָס פּאַטשט מיט די פליגל איידער ער נעמט זיך אַ פלי טון.

ר׳ זלמן האָט שוין געהאַט גענומען אין שטיבל נישט איין טרונק בראָנפן. ער איז שוין געווען אַביסל בגילופין. אָבער דער עיקר האָט אים צעשפּאַרט דאָס גדלות, די כבודים וואָס מען האָט אים אָנגעטון, און דאָס אַלץ וואָס ער אַליין האָט געהאַט אויפגעטון דעם פורים.

ר׳ זלמן האָט זיך געוואַשן. גענומען ווידער אַ טרונק בראָנפן און אָבער אַ טרונק בראָנפן, געגעסן מיט גרויס הנאה די פיש מיט

דער פרישער אייער-חלה, די קרעפּלעך מיט דער פעטער יויך, דאָס פלייש און דעם ספּעציעלן פּורימדיקן צימעס. ער האָט פאַרוויכערט אַ שטאַרקן פּאַפּיראָס, זיך טיף פאַרצויגן, געלאָזט צוויי זיילן גע־דיכטן רויך דורך די צוויי שטיף אָנגעצויגענע נאָזלעכער. ס׳איז געווען — ליהודים. ער האָט דערביי נישט פאַרגעסן אַ טשעפּע צו טון מיט רבנים.

— דע פריש געבאַקענער מורה הוראה, ראובן, האָט זיך גי־וואָלט אַראָסדרייען פין מעות-חטין. האָב יעך עם גיזאָגט: הענאַ די, די מיינסט אַז אויב די ביסט גיוואָרן אַ חיה רעה ביזט די שוין פּטור פין צדקה? אין יעך האָב עים אַראָנגעשטעלט אַ סכום געלט אין צעטל אַראָן אַז ער וועט וויינען אין ציילן. נישט יעך וועל האַלטן זאָן פּסק, נאָר עיער וועט האַלטן מאָן פּסק, — האָט ר׳ זלמן דער־ציילט באַרימעריש.

ר׳ זלמן האָט אָנגעהויבן זינגען „שושנת יעקב" מיט דעם איינציקן חסידישן וווּרקער ניגון וואָס ער האָט געקענט. אָבער דער ניגון וואָס איז געווען גוט פאַר „אזמר בשבחין" און פאַר „בני היכלא" איז נישט געווען געפּאַסט פאַר „שושנת יעקב". ס׳איז עפּעס אַרויסגעקומען אַ פריילעך געאָכצעניש. מיין טאַטע האָט זיך גענומען איינקנעלן מיט ר׳ זלמנען אַ פריילעכס פאַר דעם „שושנת יעקב", אָבער ר׳ זלמן האָט געהאַט „אַ גראָבן קאָפּ" צו ניגונים, און דער טאַטע האָט אים צורו געלאָזט.

מען האָט דעם טאַטן טעלעפאָניש אַרויסגערופן אין געשעפט אַריין, האָט מען געבענטשט. ר׳ זלמן איז אויך אָוועקגעגאַנגען, געגאַנגען צו ר׳ שלמה גבאי ווידער אַמאָל איבערעדן וועגן מעות חטין.

ג.

איידער ס׳איז צוגעפאַלן די נאַכט, איידער ס׳האָבן זיך באַ־וויזן אין הימל די ערשטע שטערן, האָט מען זיך געזעצט צו דער גרויסער פּורימדיקער סעודה.

איבערן ווייס געדעקטן טיש האָבן געברענט אַלע לאָמפּן און אויפן טיש האָבן געברענט ליכט אין אַ קאַנדעלאַבער און אין לייכטער. דער טיש איז געווען באַשטעלט מיט אַ געמיש פון מאכלים מיט די פאַרשידנסטע טעמים, זיס, זויערס, געזאַלצנס און געפעפערטס. ס'איז געשטאַנען אַ טונקל-ברוינער, כמעט שוואַרצער שאָקאָלאַדע-טאָרט, אַרומגענומען מיט אַ קרוין פון ווייסן קרעם און באַלייגט מיט געצוקערטע עפּל, באַרנעס און פלוימען. דער האָניק-לעקעך מיט אַ דיקער, ברוין-גאָלדיקער, גלאַנצנדיקער סקאָרופּע האָט געשמעקט אַ חוץ מיט האָניק אויך מיט צוגעבאַקענע זיסע מאַנדלען, מיט נעגעלעך און פּאָמעראַנצן-שאָלעכץ. אויף אַ קלאָש זענען געלעגן מאַנדל-קיכלעך געשניטן אין דער שיף, און פּירעקי-קע שטיקלעך שטרודל. אין אַ גלעזערנער, געשליפענער שיסל זענען געשטאַנען המן-טאַשן, ברוין-גלאַנצנדיקע, געפילטע מיט מאָן און פון געלבלעכן, מערביקן טייג, געפילט מיט צעהאַקטע רויטע בורי-קעס און געווייקטע אין האָניק. דאָס איז געווען מיין באָבע בריינ-דלס ספּעציאַליטעט, און איך האָב דאָס אמיינסטן ליב געהאַט. ס'זענען געשטאַנען אַ חוץ דעם האָניק-טייגלעך און פאַרפל, וואָס האָבן זיך געווייקט אין גאָלדענעם האָניק.

פון דער גאָלדיקייט פון די האָניק-מאכלים און פון די הויכע קעלישקעס אָנגעגאָסענע מיט גאָלדיקן אונגאַרישן וויין און מיט אַלטן ,שווערן מעד, און פון דעם ברייט-צעלייגטן זילבערנעם גע-שיר, האָט דער גאַנצער העל-באַלויכטענער טיש שעמערירט מיט גאָלד און מיט זילבער און געשיינט מיט רחבות און נגידישקייט.

פאַר די געסט וואָס זענען געקומען נאָר אויף אַ ווייל, אָדער פאַר די, וואָס זענען געקומען קלייבן נדבות, זענען אַ חוץ דעם געשטאַנען מאַרינירטע הערינג וואָס האָבן צוגעצויגן דאָס אויג מיט זייער אויסגעאיידלטער בלוי-זילבערנער הויט. פון דער קיך האָט מען כסדר געבראַכט פרישן, לייכטן ווי פּאַפּיר, כרוסט, באַשאָטע-נעם מיט אַ דינעם מעל-צוקער.

ס'זענען געשטאַנען אויפן טיש, אויף פּולמיסקעס און טעלער

פיש, געפילטע און אומגעפילטע, געקאָכט אויפן וואַרשעווער שטייגער, אויף זיס, און געזאַלצענע און געפעפערטע לויטן ליטווישן שטייגער. די ליטווישע פיש האָט מען ביי אונדז ספּעציעל געקאָכט פאַר אונדזערע שכנים פון הויף אויף פאַקאָרנע, פאַר דעם אַדוואָקאַט און פאַר ברייטמאַנען, וואָס זיי ביידע זענען געווען ליטוואַקעס. אַ חוץ דעם זענען נאָך געווען מאַרינירטע פיש.

ס׳זענען געשטאַנען פאַרשידענע פלייש-פּאַשטעטן און דער עיקר, דער הויפּט פון דער פורימדיקער סעודה, אַ זייטל אויף ברוין פאַרבראָטן יונג קעלבערנס אָוועקגעלייגט אויף אַ גרויסן פּלאַט און באַפּוצט מיט פאַרשידענע ירקות.

דער טאַטע איז געזעסן אויבן-אָן אין דער אַטלאַסענער קאַפּאָטע און סאַמעטן היטל און אויפגעשטעלט פאַר זיך שטויסן מיט זילבער-געלט. מיט זילבערנע גילדנס, צוואַנציקער-קאָפּיקעס, האַלבע און גאַנצע רובלס. אַ חוץ דעם האָט ער זיך אָנגעגרייט אין דער בוזעם-קעשענע פון דער אַטלעסענער קאַפּאָטע, פּאַפּירן-געלט.

ס׳האָט אָפט אַ קלינג געטון ביי דער אַריינגאַנג-טיר און ס׳איז אַריינגעפאַלן אַ כאַפּטע צעזונגענע חסידים. זיי האָבן פון קאָרידאָר אַריינגעטאַנצט אין שטוב אַריין מיטן געזאַנג פון „שושנת יעקב״. אָפּגעטאַנצט, זיך אַוועקגעזעצט, עפּעס טועם געווען, געחוזקט פון דעם טאָרט, געזאָגט מבינות אויף דעם שטרודל און געגאַנגען ווייטער.

ס׳זענען אַריינגעקומען שטיבל-יידן, צו צווייען, מיט פאַרדאַגהטע פּנימער, גאָר נישט קיין פורימדיקע. זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט נעבן טאַטן, פּאַמעלעך געגעסן דעם כיבוד, גערעדט מיטן טאַטן עפּעס זייער ערנסט. דערנאָך האָט דער טאַטע זיי דערלאַנגט פון די שטויסן געלט, אָדער גאָר אַרויסגעצויגן פון דער קעשענע אַ פּאַפּירל, אַ גרעסערע מטבע, יעדן לויט זיין מדרגה.

ס׳איז געשטאַנען אויף אַ טיש נעבן דער וואַנט דאָס באַקומענע שלח-מנות. טאָרטן, לענגלעכע פודלעס טייטלען, וויין, מעד, קאָניאַק. די פלעשער קאָניאַק זענען אָמייסטן געווען אַרומגעפלאָכטן

מיט אַ מין גלאַנצנדיקן שטרוי, און צו דער פלאַש איז געווען צו־געקלעפּט אַ בלויער עטיקעט, אויף וועלכן מען האָט געזען ווי צוויי ייִדן אין לאַנגע קליידער און באָרוועסע טראָגן אויף אַ שטאַנג אַ גרויס, שווער בינטל ווייַנטרויבן. אויף די לענגלעכע פּודלעס טייטלען האָט מען געזען אַן אונטערגייענדיקע, נידעריקע זון, אַ קאַראַוואַנע קעמלען און עטלעכע טייטלביימער.

מיך איז נישט אָנגעגאַנגען נישט דאָס עסן, אפילו נישט דאָס שלח־מנות און נישט די געסט. איך האָב געוואַרט אויף די פּורים־שפּילער וואָס דאַרפן קומען. אָבער מיין טאַטע האָט פיינט געהאַט פּורים־שפּילער. ער פלעגט זיי נישט הייסן אַריינלאָזן, נאָר ביי דער טיר זיי געבן אַ מטבע און הייסן גיין ווייטער.

זייער זעלטן פלעגט זיך איינגעבן אַ חברה פּורים־שפּילער זיך אַריינצורייסן מיט כוח אין שטוב אַריין. אָבער זיי פלעגן נאָר באַווייזן אָפּזינגען די ערשטע פּאָר שורות פון אַ ליד:

נאַדיר אַוועק מאַן לעצט ביסעלע קאַשע
אַבי לאָמיך לערנען אַ בלעטעלע רש״י.
טי ראַזבאָיניק מאַלאַדיעץ!
יאַ ראַזבאָיניק מאַלאַדיעץ!

און שוין האָט דער טאַטע געשטופּט זיי גלייך אין דער האַנט אַריין און געהייסן מוחל זיין.

דאָס יאָר האָב איך מיט אַ ספּעציעלן נייגער געוואַרט אויף די פּורים־שפּילערס. כ׳האָב געהערט, אַז אונדזער שכנס, בראָדעס, יונגען מיטן שמוקלערס און באָוואַרניקס יינגלעך, האָבן געמאַכט יד־אחת און אַלע צוזאַמען וועלן פאָרשטעלן אַ שטיק פון דער תורה, וואָס הייסט: מכירת יוסף.

כ׳האָב לאַנג געוואַרט און זיך דערוואַרט. ס׳האָט אַ שאַרפן קלינג געטון אין דער טיר און אין שטוב אַריין האָט זיך אַריינגע־ריסן אַ הויכער יונג אין אַ לאַנג העמד אַרומגענומען מיט אַ גאַרטל, מיט אַ רויטער קאַסקע אויפן קאָפּ און מיט אַ הויכן שטעקן אין

דער האַנט. דער פאַרשטעלטער האָט אַ קלאַפּ געטון מיטן שטעקן אין דער פּאָדלאָגע און אַרויסגעזונגען מיט אַ געמאַכטן באַס:

ראַמין אַם, ראַמין אַם
פין אַלע פיער זייטאַן!
ס׳קימט אַראַן דער פעטער יאַנקל
מיט זיינען צוועלעף לייטאַן!

אָבער דעם פעטער יאַנקל מיט זיינען צוועלעף לייטאַן האָב איך נישט געזען. דער טאַטע האָט אָפּגעחורשט דעם הויכן יונג מיט אַ גרעסערער מטבע און זיי האָבן ביי אונדז נישט געשפּילט. איך האָב געהאַט אַ פאַרשטערטן פּורים. כ׳בין געווען אָנגעברוגזט אויפן טאַטן. כ׳האָב אָבער געהערט אַז אונדזער שכן בראַודע איז אויך ברוגז, ווייל מיין טאַטע האָט נישט שיין באַהאַנדלט זיינע זין. נישט אַריינגעלאָזט צו זיך אין שטוב.

* * *

ר׳ זלמן איז געזעסן מיט אונדז ביים טיש פון פאַרנאַכט אָן אַ צעשטראַלטער. ער האָט ווייניק געגעסן נאָר געטרונקען ווייַן און מעד און כסדר גערייכערט שטאַרקע פּאַפּיראָסן „סמירנאַ״ אין ברוינע גילזן.

זיין גרוי־אַשיק פּנים איז איצט געווען פאַררויטלט און גלאַנ־ציק. דער ווייַן און מעד האָבן אים אינגאַנצן צענומען. ער האָט אַראָפּגענומען דאָס היטל און געבליבן זיצן אין אַ סאַמעטענעם פאַרפּעדערטן קאַפּל. ער האָט זיך צעלייגט ברייוח אויף דער גע־בעטער שטול און געפילט ווי יעדעם אבר וואָלט געווען אַ באַשע־פעניש פאַר זיך, אַ בריה בפני עצמה.

פון דעם אויסגעטרונקענעם אַ גאַנצן טאָג בראָנפן, ווייַן און מעד, פון די כיבודים וועלכע מען האָט אים אָנגעטון, האָט זיך ר׳ זלמנס מוח איינגעהילט ווי אין אַ געדיכטן נעפּל. און אין דעם נעפּל האָבן זיך געפּלאָנטערט די פאַרשידנסטע מחשבות. מחשבות וועגן

טעג גרויסע און געהויבענע. ער האָט געפילט, אַז ס'איז געשען אַ געוואַלטיקער שינוי אין שטיבל לטובתו, פאַר זיין טובה וועגן. ער האָט זיך געפילט ווי מרדכי הצדיק, וועלכן מען טוט אָן יקר וגדולה. די מינוטן מיט די שעהן האָבן זיך געצויגן פּאַמעלעך ווי דער וויין, וועלכן ער האָט פּאַמעלעך געצויגן פון גלעזל. ר' זלמן האָט פאַרגעסן אַז ער וועט דאַרפן אַוועקגיין צוריק אין שטיבל און זיך לייגן אויף דער האַרטער באַנק. אים האָט זיך אויסגעדאַכטן אַז דער היינטיקער פּורים איז מלא וגדוש מיט ניסים און וועט אייביק דויערן...

דער טאַטע האָט כסדר צוגעגאָסן ר' זלמנען צום גלעזל. ער האָט דאָס אפילו נישט באַמערקט. אים האָט זיך אויסגעדאַכטן, אַז אין גלעזל ווערט נישט ווייניקער, אַז יעדער זופּ זיינער איז דער ערשטער. ער האָט אינגאַנצן פאַרלוירן דאָס געפיל פאַר צייט און צאָל. ער האָט אָנגעהויבן פאַרלירן דעם באָדן אונטער די פיס, די וועלט האָט אָנגעהויבן שווימען, פאַרבייפליסן...

אין אָנהויב האָט ר' זלמן געקוקט מיט אַ קרום, נישט-פאַרגי־נעריש אויג אויף דעם, וואָס דער טאַטע מיינער צעטיילט די שטויסן געלט, וועלכע ער האָט אַוועקגעשטעלט לעבן זיך. אָבער וואָס מער ר' זלמן האָט געטרונקען אַלץ לייטזעליקער איז ער געוואָרן. ער האָט אפילו אָנגעהויבן צושמייכלען ווען דער טאַטע האָט געגעבן דאָס געלט, ווי ער, זלמן, וואָלט געגעבן דערויף זיין הסכמה. פונדעסטוועגן, ווען דער טאַטע פלעגט אַריינלייגן די האַנט אין בוזעם־קעשענע און אַרויסנעמען פון דאָרט אַ גרעסערע פּאַפּירענע מטבע, האָט עס ר' זלמנען ערגעץ-ווו אַ ציפּ-געטון...

ס'האָבן אָנגעהויבן קומען חסידים. טייל האָבן נישט געוואָלט קיין וויין, נאָר ביר. האָט מען דערלאַנגט צום ביר אַרבעס. ווייכע און האַרטע מיט געריבצלטער הויט ווי ביי זקנים, און געדיכט באַשפּרענקלט מיט פעפער. אַלע האָבן זיך געפרייט מיט ר' זלמנען, געטרונקען מיט אים לחיים, אים געווינטשן און גערימט זיינע אויפטוען ביים נעמען מעות חטין.

דער עולם חסידים איז ביי אונדז געווען נישט קיין גרויסער, נאָר אַ געקליבענער, גאָר אַ היימישער. צווישן זיי איז אויך געווען דאָס קליינע יידעלע מיטן רויטן בערדעלע, איטשעלע קובאַץ. ער איז געווען משונהדיק אויפגערוימט, פריילעך, כאָטש ער האָט ווייניק געטרונקען. ער האָט געזונגען אויף פאַרשידענע אופנים און ניגונים דעם „שושנת יעקב״, דערנאָך האָט ער מיט זיינע דריבנע פיסעלעך געטאַנצט אין די זאָקן אויפן אָנגעשטעלטן טיש.

אינדעם זענען צוויי צעיאָכמערטע יונגעלייט פון שטיבל אריינגעפאַלן מיט אַ געפילדער:

— זלמן! ווי ביסטו? ! ס׳גאַנצע שטיבל וואַרט דער אַף דיער! דער עולם איז שוין לאַנג דו, נאָר די איינער זיצט זער ווי גאָר־נישט! מאַט אינץ גיגעיבן געלט אַף אַ דראָשקע אַמישנע פורן דער כרענגין. זלמן, ווי האָסטו דעים פאַלטן? קים, די דראָשקע וואַרט!

ווי ר׳ זלמן איז נישט געווען פאַרנעפּלט און זיך שוין נישט אָפּגעגעבן קיין קלאָרן חשבון פון דעם וואָס ס׳געשעט, האָט ער עפּעס פאַרט דערפילט אַז די מעשה איז נישט קיין פשוטע. ער האָט זיך נישט געקאָנט דערמאָנען, אַז פורים זאָל זיך דער עולם האָבן אַמאָל צונויפגעקומען אין שטיבל טרינקען. פורים איז יעדער איי־נער אָדער געבליבן ביי זיך מיט דער משפחה, אָדער געגאַנגען צו אַ חסיד, אַ נגיד, ווו ס׳איז זיך צונויפגעקומען אַ קליינער עולם היימישע חסידים. אַ חוץ אַלעם האָט ר׳ זלמנען זיך סתם נישט געגלוסט אַוועקצוגיין פון אונדז. אויך האָבן אים די פיס שוין נישט געטראָגן.

אָבער דער זאָג: „זלמן, דוס גאַנצע שטיבל וואַרט אַף דער״ און דאָס וואָס מען איז געקומען נאָך אים ספּעציעל מיט אַ דאָ־ראָזשקע, האָט אים נישט געלאָזט איינזיצן. די כיבודים פון פורים ביינאַכט און אינדערפרי האָבן אים פאַרפירט. ער האָט אָנגעהויבן טראַכטן, אַז אויב דאָס גאַנצע שטיבל וואַרט אויף אים, דאַרף מען אפשר טאַקע גיין.

און ווען די יונגעלייט האָבן ווידער אָנגעהויבן: — זלמן!

ווּוס באַלמיטשעסטי ? ! זלמן, דער עולם וואַרט ! און ווען איטשע־לע קובאַץ האָט אַ געשריי געטון : — קים, זלמן ! יעך גיי אַך ! דוד ! שלמה ! אהרן ! קיממס, לאָמער אַלע גיין אין שטיבל אַראַן ! — האָט ר׳ זלמן נישט אויסגעהאַלטן און זיך אויפגעשטעלט.

מען האָט אים אָנגעטון דעם פּאַלטן. מען האָט אים גיכער אַראָפּגעטראָגן פון די שטיגן, ווי אַראָפּגעפירט, מען האָט אים אַריינגעזעצט אין דער דראָזשקע אַריין און אַוועק מיט אים אין שטיבל.

ד.

ווען ר׳ זלמן איז אָנגעקומען אין שטיבל, האָבן אַלע בליץ־לאָמפּן און אַן אַ שיער ליכט געברענט. ס׳איז געווען שטאַרק ליכטיק, ווי אין שמחת־תורה.

אין שטיבל זענען נישט געווען ר׳ שלמה גבאי, נישט ר׳ אברהם ברוך און נישט קיין איינער פון די שיינע יידן, וואָס זענען געזעסן ביים טיש מיט ר׳ זלמנען ביים מחצית־השקל־געלט. ס׳זענען געווען בלויז יונגעלייט. ר׳ זלמנען איז דאָס דווקא שטאַרק געפעלן געוואָרן. ער האָט ליב געהאַט די חברותא פון יונגעלייט און בחורים.

די באַגלייטערס האָבן אַ געשריי געטון : — מאַכטס אַ וואַרע פאַר ר׳ זלמנען ! מאַכטס אַ וואַרע !

אַלע האָבן זיך פונאַנדערגערוקט און אַדורכגעלאָזט ר׳ זלמנען, וועלכן די באַגלייטערס, מיט איטשעלע קובאַץ אין דער שפּיץ, האָבן באַזעצט אויבן־אָן.

מען האָט געעפנט אַ פריש פעסעלע ביר און ר׳ זלמנען דער־לאַנגט דאָס ערשטע גלאָז. נאָך דעם וויין און מעד וואָס האָט אים געמאַכט לייכט, ווי ער וואָלט גאָר קיין וואָג נישט געהאַט, אַזוי אַז ער האָט אינגאַנצן נישט געפילט זיין גוף, האָט דאָס איינציקע גלאָז ביר אים געמאַכט מיטאַמאָל שווער, ווי פּודן בליי וואָלטן זיך אין אים אַריינגעגאָסן. ער איז געבליבן זיצן ווי אַ געלעמטער.

מען האָט ר׳ זלמנען דערלאַנגט אַ צווייט גלאָז ביר. אין דעם גלאָז האָט שוין דאָס קליינע יידעלע, איטשעלע קובאַץ, אַריינגע־גאָסן אויך אַ ביסל ספּירט. ר׳ זלמן, וועלכער האָט געהאַט אין מויל אַ געמיש פון די פאַרשידענע טעמים פון ספּירט. ווייַן, קאָניאַק און מעד, האָט שוין נישט געפילט, אַז דאָס מאָל איז עס עפּעס נישט קיין געוויינלעך ביר.

מען האָט אים דערלאַנגט נאָך אַ גלאָז און באַלד נאָך אַ גלאָז. ר׳ זלמן האָט דערפילט ווי עפּעס האָט זיך אין אים אָנגעצונדן, ווי דער מוח ברענט ביי אים. אָבער באַלד איז אַלץ אין אים פאַרלאָשן געוואָרן. אין קאָפּ האָט ער געהאַט אַ שווערן טונקעלן וואָלקן, אין מויל אַ ראַציקע טרוקעניש, די שמאָלע רויט-גליאַמעוועטע אויגן זענען געווען ווי דינטשיקע שפּעלטלעך, די אויערן ווי פאַרשטופּט מיט שטיקער וואַטע און די קולות זענען צו אים דערגאַנגען ווי עכאָס, וואָס קומען פון זייער ווייט.

ר׳ זלמן האָט שטאַרק געוואָלט טרונקען. ס׳האָט אים מורא־דיק געדאָרשטן, אָבער אַ חוץ וואַסער האָט מען אים שוין מער גאָרנישט געוואָלט געבן.

דער יונגער עולם האָט דערווייל געזונגען „שושנת יעקב" און געטאַנצט.

אינדעם האָט אימיצער פון די יונגעלייט אַ שריי־געטון:

— אַ רב! אַ רב! — און דער גאַנצער עולם האָט מיטגעשריגן: — אַ רב! אַ רב! אַ פּורים-רב! מע דאַרף האָבן אַ פּורים-רב!

צו ר׳ זלמנען איז דאָס וואָרט „רב" כמעט נישט דערגאַנגען. ער האָט נאָר געהערט ווי ס׳טראָגט זיך אַ ווילד ברומעניש: אוווּ־ווּו! אוווּ-ווּו! ווי אַ ווינט, ווי אַ וויגע, און ער האָט געפילט ווי אַ קעלט וואָלט אים אַדורכגענומען ביז צו די ביינער.

— זלמן! ר׳ זלמן, רב! ר׳ זלמן וועט זאַן רב! ר׳ זלמן, ר׳ זלמן!! — דער עולם איז אַרוים פון די כלים, געשריגן, געליאַרעמט ווי באַנומענע.

באַלד איז דאָס קליינע יידעלע, איטשעלע קובאַץ, מיט נאָך

עטלעכע יונגעלייט געשטאַנען נעבן ר׳ זלמנען. זיי האָבן אים אויפגעשטעלט, אַרויסגענומען אַ פון פריער צוגעגרייטן, רבנישן ספּאָדיק און אַ זיידענע זשיפּיצע מיט סאַמעטענע סטראָקעס, און אין געציילטע רגעס איז ר׳ זלמן שוין געווען אָנגעטון אין די בגדי שרד.

זיי האָבן אים צוריק אַוועקגעזעצט. ר׳ זלמן איז צוגעפאַלן צו זיין זיין־אָרט, ווי ער וואָלט מיט איין מאָל אַראָפּגעלאָדן פון זיך אַ ריזיקע משא. ער האָט געפּאַכעט מיט די רויט־צעצונדענע אויגן־לעפלעך, ווי ער וואָלט געוואָלט מיט זיי אויפכאַפּן וואָס דאָ טוט זיך.

דער עולם דערזעענדיק ר׳ זלמנען אין רבנישן טראַכט, האָט געמאַכט אַזעלכע ווילדע יעלות, אַרויסגעגעבן פון זיך אַזעלכע משונהדיקע קולות, אַז מען האָט געקאָנט מיינען אַז זיי זענען אַלע משוגע געוואָרן, פּשוט אַראָפּ פון זינען.

איטשעלע קובאַץ האָט אַ קלאַפּ געטון אין שולחן, אַ געשריי געטון: — שאַטץ, שקצים! באַלד האָבן זיך פון אַלע זייטן געטראָגן קולות: שאַטץ! שטיל זאָל זאַן! שאַטץ!

איטשעלע קובאַץ האָט אַ רוף אויס געטון מיט זיין שפּיציק קולכל: — ר׳ זלמן פּורים־רב איז מכובד מיט האַלטן אַ דרשה!

— אַ דרשה! אַ דרשה! אַ ד ר ש ה!! — האָט דער עולם געליאַרעמט.

איטשעלע קובאַץ האָט זיך איינגעבויגן און אַריינגעשריגן אין ר׳ זלמנס פּאַרטויבטע אויער: אַ דרשה!!

ר׳ זלמן האָט געמאַכט מיטן מויל ווי אַן אָפּשטייענדיקער פיש. עפּעס האָט ער אַרויסגעוואָרפן פון זיך געציילטע ווערטער: ראשונים, אחרונים, שאלות ותשובות, אורים ותומים, כרתי ופלתי, אָבער קיין געדאַנק איז אין זיינע ווערטער נישט געווען. קיינער האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס ער זאָגט און וואָס ער וויל.

איטשעלע קובאַץ האָט אַ געשריי געטון: — גענוג! גענוג!

מזל־טוב! מזל־טוב! — און דער עולם האָט זיך צעהילעכט: מזל־טוב! רב! מזל־טוב, פּורים־רב! מזל־טוב, מזל־טוב!!

פון דעם גרויסן טומל און רעש, האָט ר׳ זלמן דערפילט אַ גרויסע פאַרלוירנקייט. אָבער גראָד דעמאָלט האָבן זיך דורך זיין פאַרטונקלטן מוח אָנגעהויבן אַדורכרייסן רעשטלעך פון זכרון. ער האָט זיך אָנגעהויבן דערמאָנען, אַז מען האָט אים אָנגעטון גרויסע כיבודים, און ווי אַ שווער קראַנקער וואָס דערפילט פּלוצים אין זיין פאַרלוירנקייט, אַז גוטע, געטרייע הענט זענען זיך מטפּל מיט אים, האָט ר׳ זלמן אַ קוק געטון אויפן עולם וואָס איז געשטאַנען אַרום אים, און ער האָט זיך ברייט צעשמייכלט.

פון אַ ווינקל פון שטיבל איז אַרויס אַן איבערגעטועטער פאַרשוין מיט אַ האַרטער, רויטער באָרד, אין אַ כאַלאַט פון וועלכן מען האָט אַרויסגעזען אַ שוואַרצן פאַרפעצטן שפּענצער. לעבן אים איז געגאַנגען אַ צווייטער מיט אַ גרויסער שוואַרצער באָרד, און אויך אין אַ כאַלאַט מיט אַ שפּענצער. פאַר זיי איז געגאַנגען אַ דאַר יידל מיט אַ שפּיציק בערדל מיט אַן אויסגעשראָקן פּנים און געהאַלטן אין דער האַנט ביי דער קנה אַ ברוין־בלויע ריאה (אַ לונג) פון אַ גסה.

זיי זענען צוגעקומען צו ר׳ זלמנען און דאָס דאַרע יידל האָט געזאָגט טרויעריק: — רבי, אַ שאלת ריאה.

איטשעלע קובאַץ האָט גענומען די ריאה פון דעם דאַרן יידלס הענט, דערלאַנגט זי ר׳ זלמנען און אַ באַפעל געטון: בלאָזט!

ר׳ זלמן, איננאַנצן אַ מטושטשער, האָט אָנגעהויבן בלאָזן. אָבער ער האָט נישט געהאַט קיין כוח. ער האָט געסאָפּעט און געפירכעט אָבער נישט געבלאָזן. דער ייד מיט דער רויטער באָרד האָט געקוקט אויף ר׳ זלמנען ווי אַ גזלן. ער האָט פונאַנדערגעשפּרייט דעם כאַלאַט און אַרויס מיט אַ מענה לשון:

— רבי! טאָמער מאַכט איר מיר טריף די בהמה, דאַרף יאָך גיין מיט מאַן וואַב מיט די קינדער אין די האַזער! רבי, האָט רחמנות!

ר׳ זלמן האָט אַוועקגענומען די קנה פון מויל, און אַ קוק געטון אויף דעם ייד. דער ייד איז צוגעגאַנגען נאָנט צו ר׳ זלמנען און אים אַריינגערוקט אין האַנט אַ האַרטע, זילבערנע מטבע.

ר׳ זלמן האָט גיך באַהאַלטן די מטבע אין דער בוזעם־קעשע־נע פון דער זיידענער זשיפּיצע.

באַלד נאָך דעם איז אַרויס דער ייד מיט דער גרויסער, שוואַרצער באָרד און מיט אַ הייזעריק קול אַ רעווע געטון:

— רבי! יאָך בין אַ שותּף צו דער גסה. רבי! טאָמער מאַכט איר טריף די בהמה, בלאַבט מיאָ מעיאָ גור נישט איבאָ, ווי זעך נעמען אין זעך קוילענען! — און ער איז צוגעגאַנגען צו ר׳ זלמנען און אים אַריינגערוקט אַ מטבע אין האַנט.

איטשעלע קובאַץ האָט אַ כאַפּ אַרויס געטון די ריאה פון ר׳ זלמנס הענט און אַ געשריי געטון: כשר! כשר! — און דער גאַנ־צער עולם האָט זיך צעליאַרעמט: כשר! כשר! מען האָט אויפ־געזונגען „שושנת יעקב" און דער עולם האָט געטאַנצט.

דערווייל האָט זיך אַ יונגערמאַן פאַרשטעלט פאַר אַ נקבה. ער האָט זיך מיט אַ טיכל אַרומגעבונדן די באַקן, ווי די ציין וואָלטן אים וויי געטון. אַזוי אַרום האָט ער זיך פאַרשטעלט דאָס בערדל. ער האָט מיט דעם גאַרטל אַזוי קונציק פאַרלייגט די פּאָלעס פון דער זיידענער קאַפּאָטע, אַז ס'האָט אויסגעזען ווי ער טראָגט אַ ספּודניצע. דעם קאָפּ האָט ער זיך אַרומגעבונדן מיט אַ גרויס האַנטעך, וואָס זיינע עקן האָבן צוגעדעקט דעם אויבערשטן טייל פון דער זשיפּיצע. די „נקבה" איז געקומען מיטן „מאַן" צו ר׳ זלמנען וועגן אַ גט.

דאָס קליינע יידעלע, איטשעלע קובאַץ, האָט אָנגעהויבן אויספרעגן די „אישה" וועגן דברים שבינו לבינה, און דער עולם, וואָס איז שוין געווען אַ שפּאָר ביסל בגילופין, האָט זיך געקאַטשעט פאַר געלעכטער. דערווייל איז צוגעגאַנגען די „נקבה" און אַריינ־געשטופּט ר׳ זלמנען אַ מטבע אין האַנט. איטשעלע קובאַץ האָט אַ געשריי געטון: — די אישה אַביסל וואַטער! דערנאָך איז צוגע־

גאַנגען דער מאַן און אויך אַריינגעשטופּט ר׳ זלמנען אַ מטבע. דעמאָלט האָט איטשעלע אַ רוף אוים געטון: קימטס מאָרגן נאָכן פּסק!

ס׳האָבן אָנגעהויבן צום פּורים-רב צוקומען נאָך יידן מיט שאלות, מיט דין-תורות, און יעדער איינער האָט געשטופּט ר׳ זלמנען אַ מטבע אין האַנט. ר׳ זלמן האָט גענומען דאָס געלט מיט אַ בלינדער באַוועגונג, עפּעס נישט ווויסנדיק און דאָך גיריק. יעדעס מאָל האָט ער דאָס געלט באַהאַלטן אין דער בוזעם-קעשענע פון דער זיידענער זשיפּיצע.

ווען ר׳ זלמן האָט שוין געהאַט אַ קעשענע מיט געלט, האָט דאָס קליינע יידעלע, איטשעלע קובאַץ, אַ קאָמאַנדעווע געטון:

— עולם זינגטס!

ר׳ זלמנען האָט זיך אויסגעדאַכטן אַז ער הערט זינגען „זיצט דער רב ביי דער יורה דעה". אָבער דער עולם האָט געזונגען:

זיצט ר׳ זלמן ביי דער יורה דעה,
אין דרייט זעך ביי דער פּאה,
און זיין מיינינג איז נאָר געלט,
געלט, געלט, געלט!

אָפּגעזונגען איז איטשעלע קובאַץ אַרויף אויפן טיש און געטון אַזוי צו זאָגן:

— זלמן, זלמן! העיער זלמן! לעולם קימט דיער יעצט אַ משכנתא. אין נישט סתם אַ משכנתא, נאָר טאַקע אמתע מלקות. פּורים — כיום הכיפּורים. אין פּורים קאָן מע בעיטן מחילה וסליחה פאַר אַלע חטאים ועוונות פּינקט ווי אין יום-כיפּור. וואָלט מע דעך באַדאַרפן, זלמן, אַוועקלייגן אין דיר אַראַנציִמבלען ארבעים ושתיים אין די זאָלסט זעך קלאַפּן אין האַרץ אַראָן על-חטא דערפאַר, ווּוס ביסט מבזה דעם כבוד פון רבנים און במילא ביסטו מבזה דעם כבוד התורה.

— נאָר, אויב מע מאַכט דיער נישט, זלמן, קאַ משכנתא, איז

עס דערפּאַר, וואָל וויסן זאָלסטי זאַן, זלמן, אַז מע באַדאַרף האָבן דרך־ארץ, מע דאַרף חס זאַן אויפן כבוד נישט נאָר פין אַן אמתן רב, נאָר אפילו פין אַ פּורים־רב!

— אין די, זלמן, האָסט אפילו האָנט מבזה גיווען אינדזוער נייעם מורה הוראה, ר׳ ראובנען! שטוט מורה הוראה — האָסטי אָף עים גישריגן: חיה רעה. שטוט מורה צדק — מורה זודיק. זאָלסט וויסן זאַן, זלמן, אַז שבת וועסטי אין די שקאַרפּעטקעס מיזן ציגיין צי עים אין מקבל נזיפה זאַן. טאָמער וועסטי דוס נישט טיען, וועסט די קריגן דעם אמתן פּסק אין מע וועט דעך אינגאַנצן מרחק זאַן פין שטיבל.

— אין נאָך זאָלסטי וויסן זאַן, זלמן, אַז אַ ייד טור נישט זאַן קאַ אכזר, אפילו נישט אין אַ דבר צדקה. דוס גאַנצע צעטל, ווּס די האָסט גימאַכט אויף מעות חטין, איז בטול ומבוטל, וואָל די האָסט עס גימאַכט מיט אכזריות. — דאָ האָט איטשעלע אַרויסגעצויגן דעם לאַנגן צעטל מיט די גרויסע סכומים געלט, וועלכן ר׳ זלמן האָט מיט אַזויפיל שטאָלץ צונויפגעשטעלט, און עס צעריסן פאַר ר׳ זלמנס אויגן: — צעליב דיער, וועט ר׳ שלמה גבאי אין דער חלוש, אברהם ברוך, מיזן גיין צי יעדן שטיבל־ייד באַזונדער אין ערשט צינויפשטעלן דעם אמתן צעטל אויף מעות חטין, און אכזריות.

— אין יעצט העיער זיך גיט צי, זלמן. די האָסט אָסגערעדט אָף די רבנים כל דבר אסור. דער עיקר האָסט אָסגערעדט, אַז זיי נעמען שוחד, כאָטש די האָסט עס זעכער קיינמול נישט גיזעען. אָבער מיאָ האָבן יאָ גיזעען ווי די האָסט אָן שום בושה, לפני כל עם ועדה, גענימען שוחד. האָסט געכשרט אַ בפירוש טריפהנע בהמה, אָף טמא האָסטי געזוגט טהור, האָסט אפילו גינימען שוחד פין אַ נקבה׳ס האַנד!

— זיי־זשע מוחל, זלמן, אין גיב אַוועק ציריק דעם שוחד ווּס האָסט גינימען, טרוג כאָטש נישט אַרים די עבודה־זרה אין די קעשענע פין דיין זיידענע קאַפּאָטע!

ווי ר׳ זלמן איז נישט געווען פון טרינקען מטושטש און זיכער נישט געקאָנט מבחין זיין בין ברוך מרדכי לארור המן, איז ער אָבער, הערנדיק אַז ער דאַרף צוריקגעבן דאָס געלט, אויף אַ רגע געוואָרן אינגאַנצן ניכטער. ער האָט אַ געשריי געטון צו איטשעלע קובאַץ מיט אַ ווילדן כעס: — גזלן! רוצח!!

— האַ, צ׳זעיט! — האָט איטשעלע אויסגעשריגן, — די גמרא זאָגט: בשלשה דברים אדם ניכר, בכוסו, בכיסו ובכעסו, אין דריי זאַכן דערקענט מע אַ מענטש, ווען עיער טרינקט, ווען ס׳גייט אין זאַן קעשענע אין ווען עיער איז אין כעס. דיעך, זלמן, האָט מע דערקענט ביי אַלע דריי זאַכן! יעצט ווייסט מע שוין פאַרוואָס די האָסט אָסגערעדט אַף רבנים, האָסט זיי נישט פאַרגינען טאָמער נעמען זיי, חלילה, שוחד... נעמץ עים! — האָט איטשעלע ווידער אַ קאָמאַנדעווע געטון. עטלעכע יונגעלייט זענען צוגעפאַלן צו ר׳ זלמנען, אַרויסגענומען ביי אים בגוואַלט אַלץ וואָס ער האָט געהאַט אין אַלע קעשענעס, אפילו זיין אייגן ביסל קליינגעלט, און מיטאַמאָל נעלם געוואָרן.

ר׳ זלמן איז צוגעפאַלן צו דער באַנק אויף וועלכער ער איז געזעסן, און איינגעשלאָפן מיט אַ שווערן, האַרטן, לאַנגן שלאָף. הערש-חיים דער משמש האָט דערציילט, אַז ווען ער איז צומאָר־גנס שפּעט אויפן טאָג געקומען אין שטיבל אַריין, איז נאָך ר׳ זלמן טיף געשלאָפן און ער האָט אים קוים פון שלאָף אויפגעריסן.

* * *

ווען מען האָט שפּעטער דערציילט ר׳ זלמנען די מעשה, וואָס איז מיט אים דעם פּורים געשען, האָט ער געזאָגט, אַז לא היה ולא נברא, אַז ער איז קיינמאָל שיכור נישט געווען, אַז ער איז קיינמאָל קיין פּורים-רב נישט געווען, אַז ער האָט קיינמאָל קיין שוחד נישט גענומען, אַז דאָס אַלץ איז אַן אויסטראַכטעניש פון דעם קליינעם עזות-פּנים, פון דעם שייגאַץ, איטשעלע קובאַץ, וואָס האָט זיך אָנגעזעצט אויף אים און גיט אים נישט קיין מנוחה.

פאַרשטייט זיך, אַז ר' זלמן איז פאָרט געווען ר' זלמן, און קיינער האָט חלילה פון אים נישט פאַרלאַנגט, אַז ער זאָל גיין מקבל נזיפה זיין ביי ראובנען דעם מורה הוראה. פאַרשטייט זיך, אַז ס'איז קיינעם נישט איינגעפאַלן אפילו, אַז מען זאָל חלילה ר' זלמנען מרחק זיין פון שטיבל. פאַרקערט, געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז איטשעלע קובאַץ האָט זיך אַביסל צופיל פאַז־וואָליעט, צופיל חוצפה אַרויסגעוויזן קעגן ר' זלמנען, אפילו אין פורים. פונדעסטוועגן, היות ס'איז געווען פורים און דער עולם איז געווען אין אַ מצב עד דלא ידע, האָט מען איטשעלען מוחל געווען זיינע שקאָצישע שטיק.

צוויי זאַכן זענען אָבער דעם פורים יאָ מתקן געוואָרן:

ר' זלמן האָט ווייטער אויסגערעדט אויף אַלע רבים, אַ חוץ אויף זיינעם, ער האָט אויסגערעדט אויף מתנגדים, אויף חסידים, אויף נגידים און אויף אָרעמעלייט, בכלל אויף יעדן ווו און ווען ס'האָט זיך נאָר געלאָזט, אָבער אויף קיין רבנים האָט ער מער נישט אויסגערעדט. וואָס ער האָט זיך וועגן זיי געטראַכט אין האַרץ, האָט קיינער, פאַרשטייט זיך, נישט געוווּסט, אָבער בפרהסיא האָט ר' זלמן דאָס מער נישט געטון.

און נאָך עפּעס: ר' זלמן האָט זיך צומאָרגנס, שושן פורים, דערמאָנט, אַז ער האָט נעכטן, אין פורים, פאַרגעסן צו דאַווענען מעריב. היות מען האָט זיך געזעצט צום טיש פאַר שקיעת החמה און ער האָט זיך באַלד גענומען טרינקען, און דערנאָך האָט מען אים גענומען אין שטיבל אַריין, האָט ער פאַרגעסן מעריב צו דאַווענען.

פון דעמאָלט אָן האָט ר' זלמן גענומען אויף זיך יעדן פורים אויסצורופן אין שטיבל, אַז באַלד ווי ס'וועלן זיך באַווייזן די ערשטע שטערן, נאָך איידער דער עולם איז מרבה באכילה ושתיה, זאָל מען זיך שטעלן דאַווענען מעריב. די דאָזיקע עבודה זיינע האָט ר' זלמן שטאַרק אָפּגעהיטן עד סוף ימיו.

ר׳ זלמן

נאָך זיין פּטירה, ווען דער עולם פלעגט פּורים זיצן ביים טיש, ווער ביי אַ קרוב און ווער ביי אַ היימישן חסיד, פלעגט שטענדיק איינער ביים טיש אַ זאָג טון דאָס איין-איינציקע וואָרט: ר׳ זלמן. דעמאָלט פלעגן זיך אַלע אויפהייבן און זיך שטעלן דאַווענען מעריב.

ר' זלמן א סוחר

א.

ר׳ זלמן איז געווען אַ געוואַלטיק שטאַרקער רויכערער. ער האָט כמעט נישט אַרויסגעלאָזט דעם פּאַפּיראָס פון מויל, אַ גאַנצן טאָג געהאַלטן אין איין רויכערן. אָפטמאָל פלעגט ער פאַרויכערן איין פּאַפּיראָס אין צווייטן, דעם פרישן פּאַפּיראָס פלעגט ער אָנצינדן ביים לעצטן צי, ביים סאַמע סוף פון דעם נאָר-וואָס אויסגערויכערטן. דאָס שטיקל פון זיינע געדיכטע, ווייסע וואָנסעס איבערן מיטן פון מויל איז פון רויך געווען געל, פאַרברענט און אויסגעזען ווי אַ שטיקל אייזן-וואַטע צוגעלייגט צו דער נאָז.

ר׳ זלמן איז געווען אַ מומחה אין פאַרציען זיך. ער פלעגט אַראָפּלאָזן ערגעץ זייער טיף דעם רויך, אַ לאַנגע צייט אים דאָרט האַלטן און דערווייל שמועסן אָדער לערנען אויפן קול. נאָר מיט־אַמאָל האָט מען געזען ווי די ווערטער גייען אַרויס פון זיין מויל איינגעוויקלטע אין גלייכמעסיק פאַרקיילעכדיקטע ווייס-גרויע וואָלקנדלעך רויך. זיין אָטעם איז געווען אַ פאַרויכערטער און ווען ער האָט גערעדט צו אימיצן פון דער נאָנט האָט מען גע־שפּירט אַ שאַרפן ריח פון פאַרשידענע מינים טיטין.

פאַרשטייט זיך אַז ר׳ זלמן האָט די פּאַפּיראָסן וואָס ער האָט גערויכערט — נישט געקויפט. ער איז געווען אַ מוראדיקער אָרעמאַן, און פּאַפּיראָסן זענען שוין גאָר נישט געווען קיין ביליקע זאַך. ר׳ זלמן האָט די פּאַפּיראָסן פשוט געגנומען.

ווי נאָר ס׳פלעגט אַריינקומען אימיצער אין שטיבל אַריין

און ר׳ זלמן האָט געוווּסט אַז יענער איז אַ רויכערער, איז ער שוין נעבן אים געשטאַנען און זיך געהייסן געבן אַ פּאַפּיראָס. אַזוי איז ר׳ זלמן נישט מיד געוואָרן אַ גאַנצן טאָג פון נעמען פּאַפּיראָסן. נישט זעלטן פלעגט ער אין איין אָוונט צוגיין צום זעלבן מענטש עטלעכע מאָל.

דאָס קליינע יידעלע מיטן רויטן בערדעלע ווי דער פלאָם פון אַ נשמה-ליכט, איטשעלע קובאַץ, וואָס האָט זייער ליב געהאַט ר׳ זלמנען צו דאַקוטשען, האָט געזאָגט, אַז ר׳ זלמן גיט זיך צופיל נאָך דער תאווה פון רויכערן. און אַז אַ ייד גיט זיך נאָך איין תאווה — גיט ער זיך נאָך אַ סך תאוות. דאָס קליינע יידעלע, איטשעלע, האָט געהאַלטן אַז ר׳ זלמן איז בכלל אַ בעל-תאווה. מי יודע וואָספאַראַ תאוות ער האָט אַלץ, דער זלמן...

ר׳ זלמן האָט גוט געוווּסט וואָס איטשעלע רעדט וועגן אים. ער האָט געשמייכלט. ס׳איז אים דאָס לחלוטין נישט אָנגעגאַנגען. ס׳איז געווען מאָדנע ווי דעם זלמן, וואָס פלעגט זיך אָנצינדן, ווערן אש להבה, ווען מען האָט אויף אים געוואָרפן אַ שאָטן פון אַ חשד אַז ער איז, למשל, נישט קיין גענוג שאַרפער חסיד, האָט לחלוטין נישט געאַרט ווען איטשעלע האָט אים חושד געווען אין תאוות, אדרבה, ס׳האָט אויסגעזען ווי ר׳ זלמן וואָלט פון דעם חשד גאָר הנאה געהאַט...

פאַרשטייט זיך, אַז קיינער פלעגט ר׳ זלמנען נישט אָפּזאָגן קיין פּאַפּיראָס, צי גאָר עטלעכע. מען האָט אָבער אָנגעהויבן צו שמועסן אין שטיבל, אַז ר׳ זלמן איז זיך צופיל משפיל, אַז ער איז זיך אַליין מבייש צוליב דעם בעטן פּאַפּיראָסן.

ר׳ זלמן אַליין האָט דאָס נישט געפילט. ער האָט שוין נישט געפילט די קוועל פון נעמען ביי יענעמען. אים האָט נאָר טיילמאָל געאַרט פאַרוואָס מען גיט אים נישט אַליין, נאָר ער מוז גיין מאָנען. אָבער דאָס נעמען גופא איז שוין ביי אים נישט געווען קיין ענין, אויף וועלכן ס׳איז זיך כדאי צו פאַרטראַכטן. כיבע

אין פאַלן ווען זיין כבוד איז שטאַרק געוואָרן אָנגערירט, דעמאָלט פלעגט ער שפּריצן מיט פייערדיקע ווערטער, ער איז גרייט געווען יענעמען צו פאַרברענען ממש.

עטלעכע חסידים פון שטיבל האָבן אָנגעהויבן האַלטן צווישן זיך א ישוב הדעת ווי אַזוי מאַכן, וואָס עפּעס אַזוינס אויפטועז, אַז ר׳ זלמן זאָל זיך פאַרדינען כאָטש אויף דער הוצאה פון פאַ־פּיראָסן פאַר זיך, אויב נישט אויף דער גאַנצער הוצאה, איז כאָטש אויף אַ טייל פּאַפּיראָסן וואָס ער דאַרף רייכערן.

מען האָט ר׳ זלמנען אָנגעשלאָגן אַן אָרט פון אַ קוויטל־שרייבער ביי אַ רבין וואָס נעמט אָן ווייבער. אָבער ר׳ זלמן האָט פון דעם נישט געוואָלט הערן. — נאָך הובן צי טיען מיט ווייבער, ה׳ ישמרנו! — האָט ר׳ זלמן זיך אָפּגעשאָקלט ווי פון עפּעס זייער אַ פּזשיקרער זאַך. ער האָט אויך נישט געוואָלט ווערן קיין אונ־טער־שמש ביי הערש־חיימען, וואָס האָט שוין צענדליקער יאָרן פאַרנומען דאָס אָרט פון אַ משמש אין גרויסן אַלעקסאַנדער שטיבל אין וואַרשע. ר׳ זלמן האָט קיין משמש נישט בדעה געהאַט צו ווערן, מכל שכן אַן אונטער־שמש אוודאי און אוודאי נישט.

איז מיין טאַטן, וועלכער האָט שטאַרק געהאַלטן פון סוח־רישן שטאַנד, איינגעפאַלן אַז ר׳ זלמן זאָל ווערן אַ סוחר...

אין שטיבל האָבן יעדן טאָג עטלעכע מתפללים געהאַט יאָר־צייט. ביי יעדער יאָרצייט פלעגט מען אינדערפרי נאָכן שחרית נעמען אַ טרינק בראָנפן, תיקון. יעדעס מאָל האָט מען געמוזט אַראָפּשיקן אימעצן אין גאַס קויפן בראָנפן מיט קיכלעך. האָט דער טאַטע מיינער געזאָגט, אַז זלמן זאָל זיך מאַכן אין שטיבל אַזאַ מין „שענקל", ווו ער וועט האַלטן בראָנפן מיט פאַרבייסעכץ. ער וועט נעמען עפּעס מער ווי ס׳קאָסט אין שענק, און פון דעם ריווח וועט ער פון צייט צו צייט זיך קאָנען קויפן פאַר אייגן געלט אַ פּעקל פּאַפּיראָסן.

ר׳ זלמנען איז דער עסק געפעלן געוואָרן. מיט בראָנפן און צובייסעכץ האָט ער זעט אוים יאָ געוואָלט האָבן צו טון. ער איז

געוועז פון דער מעשה שטאַרק אויפגעראַמט, גאָר צופרידן. אַרומ־געגאַנגען אַ פרייליכער. זיך געריבן די הענט.

ס'איז געווען אומר ועושה, געזאָגט און געטון. מיין מאַמע האָט ר' זלמנען געשענקט צוויי סלאָיען מיט הערינג. איינעם מיט שמאַלץ־הערינג און דעם צווייטן מיט מאַרינירטע. מען האָט גע־שאַפט געלט און ר' זלמנען געקויפט עטלעכע פערטל־ליטראָווע פלעשלעך ספּירט, דרייסיק וואַסער־פלעצלעך און צען אייער־קיכלעך. הערש־חיים האָט אויסגערייניקט פון ספרים־שאַנק אַ שופלאַד, ווו ס'זענען פריער געלעגן שיימעס, און דאָרט אַריינגע־שטעלט דאָס גאַנצע איינגעקויפטע „שענקל", און ר' זלמן איז געוואָרן אַ — סוחר.

ב

ר' זלמן האָט גענומען זיין מיסחר זייער ערנסט. ער האָט זיך מיט זיין שענק און מיט זיין סחורה געהאַלטן גאָר גרויס. אינדער־פרי האָבן אין שטיבל געדאַוונט אַ סך מנינים און ר' זלמן האָט גוט געוווסט, אַז ביי יעדן כמעט מנין איז דאָ אַ יאָרצייט. אָבער ער איז נישט צוגעקומען פרעגן צי מען דאַרף עפּעס פון זיין שענק. ער איז זיך געזעסן איז דער לעצטער שטוב, אין דער ספרים־שטוב, און געוואַרט מען זאָל אים קומען בעטן ער זאָל טון אַ חסד און עפּעס פאַרקויפן. ווען מען פלעגט אַריינקומען צו אים און אים זאָגן: — ני זלמן, גיב שוין עפּעס אין מאָל אַראָן, — האָט ער גע־קוקט זייער בייז אויפן עולם, פּאַמעלעך זיך אויפגעהויבן, צוגע־גאַנגען מיט פלאַטשיקע טריט צום שופלאַד. אים פּאַוואָליע געעפנט, אַרויסגענומען פון דאָרט און אַריינגעלייגט זיך אין בוזעם אַ פלעשל מיט ספּירט, אונטער די אָרעמס גענומען די סלאָיען, אין די הענט גענומען די פלעצלעך מיט די אייער־קיכלעך — און אַריינגעגאַנגען אין דער גרויסער שטוב ווו דער עולם האָט שוין געוואַרט אויפן תיקון.

ר' זלמן האָט אַלץ אַוועקגעשטעלט און אַוועקגעלייגט אויפן

טיש און דער בעל־ היאָרצייט האָט לפי יכולתו געהייסן דעם עולם טועם זיין פון ר׳ זלמנס „שענקל״.

ווי באַוווּסט איז ר׳ זלמן געווען אַ שטאַרקער חשדן. פון קיינעם נישט געהאַלטן און קיינעם גאָרנישט נישט אָנגעטרויט. איצט, ווען ער פלעגט אויפן טיש אַרויפשטעלן און אַרויסלייגן זיינע סחורות, האָט ער „געהאַלטן קאָפּ״. ער האָט נישט אַראָפּ־געלאָזט קיין אויג פון דעם וואָס ס׳טוט זיך אַרום אים. ער האָט געציילט די גלעזלעך בראָנפן וואָס דער עולם האָט געטרונקען, געציילט די שטיקלעך הערינג און די פלעצלעך וואָס דער עולם עסט. דאָס קליינע יידעלע, איטשעלע קובאַץ, וואָס האָט ליב געהאַט ר׳ זלמנען צו דאָקוטשען, פלעגט אים יעדעם מאָל וועלן פאַרדרייען דעם חשבון. דאָ האָט ער געכאַפּט צוויי שטיקלעך הערינג מיט אַמאָל, דאָ האָט ער גענומען אַן איבריק גלעזל בראָנפן און עס פאַרלייקנט, אַבי צו האָבן מיט ר׳ זלמנען צו טון. ער פלעגט אים אַריינברענגען אין אַזאַ כעס, אַז ר׳ זלמן פלעגט אַראָפּכאַפּן פון טיש דאָס פלעשל ספּירט, צוכאַפּן דאָס פאַרבייסעכץ, פאַרמאַכן זיין שענק און נישט וועלן גאָרנישט פאַרקויפן, אפילו ווען מען האָט געוואָלט אים באַצאָלן דאָס געלט פאַרויס. ערשט נאָך לאַנגע תחנונים האָט ער באַוויליקט צוריק צו עפענען זיין שענק און געבן דעם עולם עפּעס אין מויל אַריין.

ר׳ זלמן פלעגט פאַרקויפן זיין סחורה נאָר פאַר באַר געלט. ווען מען האָט אָפּגעטרונקען און אָפּגעגעסן פלעגט ער מאַכן אַ חשבון און דער בעל היאָרצייט האָט אויפן אָרט משלם געווען. ער האָט נישט נאָר נישט געוואָלט געבן אויף באָרג, נאָר ער האָט אפילו נישט געוואָלט געבן אויף אַ משכון. נאָר כסף ממש, האָט ער געטענהט.

גראָד איז דעמאָלט, ווען ר׳ זלמן האָט זיך געעפנט דאָס שענקל אין שטיבל, געקומען קיין וואַרשע דער אַלעקסאַנדער רבי. דער רבי האָט גוט געקענט זלמנען און געוווּסט וועגן זיין אביונישקייט. ער האָט אים קיינמאָל נישט געפרעגט וועגן זיין פּרנסה, און ר׳

זלמן האָט זיך קיינמאָל אויף פּרנסה נישט באַקלאָגט און קיינמאָל אויף קיין פּרנסה נישט געבעטן. דער באַגריף פּרנסה איז שוין געווען מחוץ לגדר פון זיין, ר׳ זלמנס, טראַכטן און וועלן. אָבער דאָס מאָל האָט שוין אַפּנים דער רבי געוווּסט וועגן זלמנס סוחריי. און ווען ר׳ זלמן האָט דעם רבין דערלאַנגט שלום, האָט אים דער רבי געפרעגט:

— ני זלמן, ווי גייט עס דיער עפּעס?

ר׳ זלמן איז גאָרנישט נתפעל געוואָרן פון דעם רבינס שאלה און געענטפערט מניה וביה:

— ס׳גייט מיר ב״ה זייער גיט. כ׳האָב זעך געמאַכט אין שטיבל אַ שענקל. לייז יעך — איז גיט, וויבאַלד נישט — עס יעך אליין אָפּ.

דער רבי האָט זיך איינגעהאַלטן מיט אַלע כוחות נישט צו לאַכן אויפן קול. ער האָט זיך געבויגן אויף דער שטיל הין און צוריק. די ראַנדן פון זיין ברייטן פלושענעם קאַפּעלוש האָבן זיך איינמאָל אָנגעשפּאַרט אויף זיין רעכטן אַקסל, דאָס אַנדערע מאָל אויף זיין לינקן אַקסל. — ני, — האָט דער רבי געזאָגט, — דוס ערשטע מול זאָט לאַנגע יורן טרעפט זיך מער אַז אַ ייד קלוגט זעך נישט אָף פּרנסה. פּאַרקערט, ער זוגט גור אַז ס׳גייט אים ב״ה גיט.

זייט די מעשה מיטן רבין איז ר׳ זלמנס שענקל געוואָרן אַ שם דבר. אפילו פון אַנדערע אַלעקסאַנדער שטיבלעך האָט מען אָנגעהויבן קומען צו ר׳ זלמנען נעמען אַ טרינק בראַנפן. ר׳ זלמן האָט זיך שטאַרק אַריינגעטון אין מיסחר. עטלעכע אַלטע חסידים האָבן אָנגעהויבן אונטערמורמלען, אַז דער עולם פאַרנעמט זיך שוין צופיל מיט ר׳ זלמנס שענק און מען איז מבטל פון לערנען. מען האָט שוין אָנגעהויבן נעמען צו „בּיסלעך" נישט נאָר נאָך שחרית, נאָר אמאָל נאָך מעריב אויך. דער יונגער עולם האָט זיך צעהוליעט. בחורים, וועלכע מען פלעגט בדרך כלל נישט צולאָזן צום טרינקען, האָבן זיך ביסלעכווייז אָנגעהויבן מיטצוכאַפּן מיטן עלטערן עולם. טייל האָבן קיין געלט נישט געהאַט און געבאָרגט

ביי זייערע חברים. אזוי אָרום זענען זיי אַריין אין חובות. ס׳האָט זיך געקאָכט אין שטיבל מיט ר׳ זלמנס שענק און דער מיסחר זיינער איז אַוועק גאָר וואַזשנע...

אָבער קיין פּאַפּיראָסן האָט ר׳ זלמן פאַר זיין אייגן געלט זיך נישט געקויפט, אפילו קיין איינעם נישט. ער האָט נאָך אַלץ גע־בעטן פּאַפּיראָסן ביי אַנדערע. ווען מען האָט אים געפרעגט: — היתכן? ווי שיקט זעך דאָס אַז זאָלסט אפילו איין מול זעך נישט קויפן קאַ פּעקל פּאַפּיראָסן? — האָט זלמן תמימותדיק געענטפערט, אַז ער האָט נישט קיין געלט.

נישט נאָר האָט ר׳ זלמן נישט געהאַט קיין געלט אויף זיך קויפן פּאַפּיראָסן, נאָר ווען מען האָט באַדאַרפן קויפן אַ פרישן זאַפּאַס ספּירט, צי קיכלעך, האָט ר׳ זלמנען שטענדיק צוגעפעלט געלט. אינאָנהויב איז עס געווען אַ פּלא. אָבער גיך האָט דער עולם זיך אָנגעשטויסן, אַז ר׳ זלמן איז טועם פון זיין שענקל נישט נאָר דעמאָלט ווען ער לייזט נישט, נאָר נאָך מער דעמאָלט, ווען ער לייזט יאָ...

דאָס קליינע יידעלע, איטשעלע קובאַץ, וועלכער האָט גע־האַלטן ר׳ זלמנען פאַר אַ בעל־תאווה, האָט געטענהט אַז צו אַלע תאוות איז נאָך ר׳ זלמן איצט געוואָרן אַ זולל וסובא...

* * *

מאַכט זיך אַ מעשה, אַז אַ נגידישער יונגערמאַן פון שטיבל, וואָס האָט צוליב עפּעס אַ סיבה געהייסן ר׳ זלמנען שטעלן פאַר דעם עולם בראָנפן און פאַרבייסעכץ ביד רחבה, לאָזט זיך אַנרעדן פון דעם קליינעם יידעלע, איטשעלע, אויף אַ קונדסיש שפּיצל.

נאָך דעם ווי דער עולם האָט אויפן חשבון הגביר געהאַט גע־טרונקען און געגעסן, און ר׳ זלמן האָט געוואַרט מען זאָל אים געבן די מזומנים, האָט זיך דער יונגערמאַן אָנגערופן:

— זלמן, כ׳האָב נישט באַ זעך קאַ געלט. כ׳וועל דיר באַצולן ביי מנחה. כ׳האָב פאַרגעסן דעם באַטל מיט געלט אינדערהיים.

ר׳ זלמן איז געוואָרן ברוין און בלוי פון כעס. דערנאָך האָט ער זיך געגעבן א צינד אָן, געוואָרן מלא חימה. ער האָט געשליי־דערט און געוואָרפן אַלץ וואָס איז געקומען אונטער דער האַנט. ער האָט געזידלט דעם יונגנמאַן כאחד הריקים. ער האָט געמאַכט פון אים אויסצודריידן. געשאָטן אויף אים פעך און שוועבל.

דער עולם אין שטיבל האָט זיך אָנגענומען דעם כבוד פון נגידישן יונגנמאַן. זיי האָבן געשריגן צו זלמנען:

— זלמן, ווּוס טוט זעך מיט דער? ! וועיגן וועימען רעדסט די? וועימען האָסט די דוס מורא צו באָרגן? הלוואי וואָלט ער דיער אַזויפיל שילדיק גיוועין, וויפל די וואָלסט אים געמעיגט באָרגן.

אָבער ר׳ זלמן האָט נישט געלאָזט צו זיך טענהן. אינגאַנצן געווען צערודערט, אויפגעקאָכט. גאָרנישט איז צו אים נישט דערגאַנגען.

דער יונגערמאַן האָט שוין חרטה געהאַט אויפן גאַנצן עסק. ער איז געווען אין כעס אויף איטשעלען וואָס האָט אים אָנגערעדט צו זאָגן ר׳ זלמנען אַז ער האָט נישט קיין געלט און גורם געווען אזא בהלה, אזא פאַרקאָכעניש. ער האָט שוין בדעה געהאַט זאָגן ר׳ זלמנען אַז ער האָט נאָר חוזק געמאַכט, נאָר געמאַכט ליצנות, און אָרויסנעמען דעם בייטל און באַצאָלן ר׳ זלמנען וואָס ס׳קומט אים. אָבער די נגידישע גאווה האָט זיך אין אים אָנגערופן און ער האָט געזאָגט צו ר׳ זלמנען מיט אַ קאַלטער, נידריקער שטימע:

— ני, זלמן, יעצט ווּעסט די שוין באַ מיער וואַרטן אָף געלט ביז איבערמאָרגן.

— פאַר מאַן סטאָלבן קענסט די באַצאָלן לאחר ביאת הגואל,

— האָט אים ר׳ זלמן געענטפערט מיט יאוש.

דער יונגערמאַן האָט נישט גערוואַרט מיטן באַצאָלן אויף איבערמאָרגן, אפילו נישט ביז מנחה. אַ האַלבע שעה נאָכדעם ווי ער האָט פאַרלאָזט דאָס שטיבל, איז ער צוריקגעקומען און ר׳ זלמנען באַצאָלט דאָס געלט וואָס אים איז געקומען. אָבער פאַר

ר׳ זלמנען איז דאָס געווען א קנאַפּע נחמה. ער האָט גענומען דאָס געלט, אָבער קיין הנאה פון נעמען דאָס געלט, ווי אַלעמאָל, האָט ער נישט געהאַט. ער האָט אפילו דאָס געלט נישט איבערגעציילט. ער האָט געפילט, אַז מען האָט ביי אים פּורץ גדר געווען, אַז עפּעס האָט מען ביי אים מהרס געווען... ער האָט געפילט אַז ס׳איז געשען נישט קיין גוטע זאַך...

ג

און אַזוויוווי ר׳ זלמן האָט מרגיש געווען, אַזוויוווי ר׳ זלמן האָט פאַרויסגעפילט, אַזוי איז עס געווען.

פון דעם טאָג אָן, זייט דער יונגערמאַן האָט געמאַכט די „חכמה" מיטן נישט באַצאָלן באַלד דאָס געלט, האָט כמעט יעדעס מאָל, ווען ס׳איז געקומען צו באַצאָלן ר׳ זלמנען פאַר דעם בראָנפן מיט פאַרבייסעכץ, וואָס מען האָט ביי אים גענומען, צוגעפּעלט דעם באַצאָלער געלט צו סילוקן דעם גאַנצן חשבון. ס׳האָט זיך שוין אַלע מאָל אזוי געמאַכט אַז דער בעל־היאָרצייט, דער, וואָס האָט געשטעלט דעם תיקון — האָט נישט געהאַט גענוג געלט צו באַצאָלן ר׳ זלמנען פאַר דעם אַלעם וואָס ער האָט ביי אים גענומען.

אין אָנהויב איז עס געווען אַ קלייניקייט. ס׳האָט צוגעפּעלט צוואַנציק גראָשן, אַ האַלבן גילדן, אַמאָל אַ גילדן. אָבער שפּעטער, וואָס לענגער דאָס האָט געדויערט, אַלץ מער און אָפטער האָבן זיך געטראָפן די פאַלן פון צופעלן געלט. ס׳איז דערגאַנגען דערצו, אַז איינער אַ חסיד, שוין גאָרנישט קיין נגיד, האָט נאָכן נעמען פאַרן עולם בראָנפן מיט פאַרבייסעכץ געזאָגט צו ר׳ זלמנען:

— זלמן, קאַ געלט האָב יעך האַנט נישט. כעל דער באַ די נאָנטסטע געלעגנהייט באַצולן.

בלית ברירה האָט ר׳ זלמן אָנגעהויבן פירן „בוכאַלטעריע". אין אָנהויב האָט ער אַלע חובות געהאַלטן אויפן קאָפּ. אָבער ווען דאָס קליינע יידעלע, איטשעלע קובאַץ, וואָס האָט ליב געהאַט ר׳ זלמנען צו דאָקוטשען, האָט זיך אַמאָל צוגעטשעפּעט צו אים און

געזאָגט לפני כל עם ועדה אַז ער, זלמן, מאָנט צוויי מאָל פאַר דעם זעלבן, האָט ר׳ זלמן אָנגעהויבן פאַרשרייבן די חובות אויף אַ בלעטל פּאַפּיר.

אָבער פאַר דעם קליינעם יידעלע, איטשעלע, איז דאָס נאָך אַלץ געווען ווייניק. ער האָט אָנגערעדט אַ חברה יינגלעך, וואָס האָבן נאָך געהאַט יונגע שמאָלע הענטלעך, אַז זיי זאָלן ביי ר׳ זלמנען אַרויסציען דעם חשבון מיט די חובות, וועלכן ער פלעגט האַלטן פאַרשטעקט אין דער אונטערשטער קעשענע פון דער קאַפּאָטע.

די יינגלעך פלעגן מיט גרויס חשק פאָלגן וואָס איטשעלע האָט זיי געהייסן טון. זיי האָבן ליב געהאַט דאָס קליינע יידעלע פאַר זיין פרייליכקייט, פאַר זיינע שטיפערייען און קונדסישע שטיק. ר׳ זלמנען האָבן זיי פיינט געהאַט פאַר זיין אָפט כעסן זיך, פאַרן טרייבן זיי פון זיך.

און אַז ר׳ זלמן האָט זיך געכאַפּט אַז מען האָט ביי אים אַרויס־געצויגן דעם חשבון מיט די חובות האָט זיך געטון חושך. ער האָט געשריגן אַז מען שטעלט אים בדיל הדל, אַז מען נאַרט אים אָפּ, אַז מען באַגנבעט אים, אַז דאָס שענקל „גייט אָן". — אַכבעראָש! זולל וסובאניק! באַנקראָטניק! — האָט ער געמאַכט קולות אויף איטשעלע קובאַץ וואָס האָט אָנגעפירט מיטן גאַנצן רעדל אַרום אים.

איצט, נאָך דעם ווי דער עולם האָט וואָס עפּטער גענומען ביי ר׳ זלמנען אין שענקל אויף קרעדיט, האָט שוין ר׳ זלמן כמעט אינ־גאַנצן נישט געהאַט קיין געלט ווען דער ספּירט, צי דאָס פאַרביי־סעכץ האָט זיך אויסגעלאָזט און מען האָט באַדאַרפן קויפן פרישע זאַפּאַסן. יעדעס מאָל, פאַר יעדן פרישן איינקויף, האָט מען גע־מוזט צווישן עולם צוזאַמענעמען געלט פאַרן שענקל. וועגן דעם אַז ר׳ זלמן זאָל פון דעם ריווח קויפן פאַר זיך אַמאָל אַ פּעקל פּאַפּי־ראָסן, דאָס האָט מען שוין געהאַט לאַנג פאַרגעסן, וועגן דעם האָט שוין אפילו קיינער נישט דערמאָנט.

קיין גרויסן טעם אין אויפהאַלטן דאָס שענקל אין שטיבל האָט דער עולם וואָס אַן אמת שוין נישט געזען. אָבער פּונקט ווי זלמן, איז זיין שענקל געוואָרן אַ טייל פון שטיבל און דעם עולם איז שוין שווער געווען דערפון זיך אָפּצוזאָגן.

* * *

ר׳ זלמן פלעגט שטענדיק אינדערוואָכנס דאַווגען מיטן לעצטן מנין. צו דעם מנין פלעגן קומען עלטערע, אָמיינסטן אָרעמע, יידן, וואָס האָבן זיך נישט געהאַט וואָס צו יאָגן. דאָס מנין איז געווען אַ קליינס, קוים צען יידן, פון זיי, נישט זעלטן, עטלעכע שוין געדאַוונטע.

פאַרשטייט זיך, אַז אין אַזאַ קליין מנין איז נישט אָפט געווען אַ יאָרצייט. און ווען אימיצער האָט שוין יאָ געהאַט יאָרצייט, האָט ער זעלטן געגעבן בראָנפן אויף תיקון, ווייל די יידן פון דעם מנין זענען פשוט געווען אָרעמעלייט.

אַזוי לאַנג ווי ר׳ זלמן האָט פאַרקויפט בראָנפן מיט פאַרבייסעכץ נאָר פאַר באַר-געלט, איז אים נישט אָנגעגאַנגען וואָס דער אָרעמער מנין טרינקט נישט קיין בראָנפן, אפילו דעמאָלט ווען אימיצער פון די מתפללים האָט יאָרצייט. דאָס איז ביי אים געווען אַ דבר פשוט, ס׳איז געווען מובן מאליו, אַז מען האָט נישט קיין געלט טרינקט מען נישט קיין בראָנפן. אָבער ווען די ערשטע, גרויסע מנינים האָבן אָנגעהויבן צוצובאָרגן, צי גאָר נעמען אינגאַנצן אויף קרעדיט, איז עס ר׳ זלמנען געוואָרן שטאַרק נישט ניחא וואָס דער אָרעמער מנין טרינקט נישט קיין בראָנפן אויף תיקון. ס׳איז אים געוואָרן ללא נשוא, ממש נישט צום פאַרטראָגן.

האָט ר׳ זלמן געגעבן דעם מנין אַן עצה, אַז יעדן טאָג זאָל מען צוזאַמענגעמען צווישן זיך צו אַ פּאָר גראָשן, בכדי אַז ווען אימיצער וועט האָבן אַ יאָרצייט, זאָל זיין פאַרוואָס צו נעמען אַ ביסל בראָנפן. מען האָט ר׳ זלמנען געפאָלגט, מען האָט זיך אָנגע־

הויבן צונויפלייגן צו פּאָר גראָשנס, אָבער ווען ס'איז געקומען צו אַ יאָרצייט האָט צוגעפּעלט געלט אויף בראָנפן מיט פּאַרבייסעכץ.

ר' זלמן האָט אַליין אָנגעשלאָגן אַז ער וועט די רעשט צו־באָרגן. ביסלעכווייז איז דאָס אָרעמע מנין אריין אין חובות ביי ר' זלמנען. פון די צונויפגענומענע גראָשנס האָט מען גענומען צאָלן די חובות, אָבער ס'האָט נישט געסטייעט. איינמאָל האָט איי־נער פון דעם מנין געהאַט יאָרצייט און ס'איז נישט געווען קיין גראָשן אויף תיקון. ר' זלמן האָט דאַסמאָל אינגאַנצן געגעבן אויף קרעדיט.

זייט דעמאָלט האָט ר' זלמן פאַרלוירן דעם גאַנצן חשק צום מיסחר. ער האָט געקוקט אויף זיין שענקל ווי אויף אַ זאַך וואָס איז מהורס געוואָרן, עפּעס אַ שברי כלי, נישט־אַהין נישט־אַהער, נישט טויט — נישט לעבעדיק, עפּעס אַ האַלבע זאַך, און „דבר ולא חצי דבר". עפּעס איז ביי אים דער גאַנצער עניין פּסול געוואָרן.

ר' זלמן איז געווען אַ קיצוני, ער האָט ליב געהאַט אַלץ ביד חזקה, פיינט געהאַט פּשרות, ליב געהאַט גאַנצע זאַכן, שלימותדיקע.

ר' זלמן האָט אויפגעהערט ציילן די גלעזלעך בראָנפן וואָס דער עולם טרינקט, אויפגעהערט ציילן די קיכלעך, צי די פּלעצ־לעך, וואָס דער עולם עסט. ער האָט זיך אָנגעהויבן פאַרלאָזן אויף יענעמס יושר. וויפל מען האָט אים געזאָגט אַז מען האָט געגעסן און געטרונקען האָט ער געגלויבט. מיט דער צייט האָט ער אויפ־געהערט פאַרשרייבן די חובות. ער האָט געגלייבט אויפן וואָרט. ס'איז דערגאַנגען דערצו אַז ער האָט אויפגעהערט אינגאַנצן צו מאָנען חובות. האָט מען אים באַצאָלט איז געווען גוט, האָט מען אים נישט באַצאָלט — איז אויך געווען גוט. ס'איז אים געווען אַלץ איינס.

ווען דער עולם האָט זיך געכאַפּט אַז מיט ר' זלמנען איז גע־שען אַזאַ שינוי, אַז עפּעס איז אין אים פאָרגעקומען אַ מהפכה, אַז ער איז גאָרנישט דער וואָס ער איז געווען, האָט מען אים אָנ־געהויבן צאָלן די חובות גיכער און פּינקטלעכער. קיינער האָט נישט

געוואָרט אַז ר׳ זלמן זאָל ציילן וויפל מען עסט און טרינקט, נאָר אימיצער פון די טרינקערס אַליין האָט אַכטונג געגעבן מען זאָל נישט פאַרגעסן עפּעס צוצורעכענען. דער עולם אַליין האָט אויך געמאַכט דעם חשבון און ר׳ זלמנען געגעבן דאָס געלט אין האַנט אַריין. מען האָט אָנגעהויבן וויניקער צוצובאָרגן, עפּטער געצאָלט באַר-געלט.

אָבער ר׳ זלמנען איז שוין דער גאַנצער ענין נישט אָנגעגאַנגען, ס׳איז אים געוואָרן פרעמד. עפּעס ווי דאָס שענקל וואָלט מיטאַמאָל אויסגעהויכט די נשמה. ער האָט נאָר איצט וואָס עפּ-טער געגעבן צו טרינקען דעם אָרעמען מנין אינגאַנצן בחינם.

דער עולם האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס איז מיט ר׳ זלמנען געשען. אַמיינסטן טשעקאַווע איז געווען דאָס קליינע יידעלע מיטן רויטן בערדעלע, איטשעלע קובאַץ, וואָס האָט ליב געהאַט ר׳ זלמנען צו דאָקוטשען. ער האָט נישט געקאָנט תופס זיין וואָס איז געשען וואָס ר׳ זלמן האָט אַזוי פאַרלוירן דעם חשק צו מיסחר און געלט. ער האָט געהאַלטן אַז ר׳ זלמן האָט אַזוי ליב געלט, אַז ער האָט אַמאָל געזאָגט בדרך הלצה, אַז ווען ר׳ זלמן זאָל האָבן אַ געוועלב, וואָלט ער עס אָפּגעהאַלטן אין שבת...

ער האָט בשום פנים ואופן זיך נישט געקאָנט מסביר זיין, נישט געקאָנט באַנעמען מיטן שכל וואָס ס׳האָט געטראָפן מיט ר׳ זלמנען. ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ שמועה, אַז ר׳ זלמן איז חלילה עפּעס נישט אינגאַנצן...

ד.

איינמאָל, אַ פרייטיק-פאַרנאַכט פאַר מנחה, איז דער עולם אין שטיבל געוואָר געוואָרן אַז ר׳ זלמן האָט שבת יאָרצייט און גרייט זיך צו דאַוונען פאַרן עמוד.

ביז איצט האָט קיינער נישט געהערט אַז ר׳ זלמן זאָל אַמאָל האָבן יאָרצייט. מן הסתם האָט ער יאָ געהאַט, נאָר ער האָט קיינעם וועגן דעם נישט געזאָגט, אפילו קיין עליה זיך נישט געהייסן געבן

און ערגעץ אין אַ ווינקל פון שטיבל אינדערשטיל אָפּגעזאָגט קדיש. דאָסמאָל האָט ער נישט נאָר דערציילט אַז ער האָט יאָרצייט, נאָר אפילו געזאָגט אַז ער וויל דאַווענען פאַרן עמוד.

פאַר קבלת שבת האָט ר׳ זלמן קיינעם נישט געפרעגט און נישט געוואָרט מען זאָל אים פרעגן, נאָר צוגעגאַנגען צום שולחן ווי ס׳איז געלעגן דער טלית וועלכן דער משמש הערש חיים האָט צוגעגרייט פאַרן בעל־תפילה, גענומען אים אין די הענט, גיך אים פונאַנדערגעשפּרייט און זיך פאַרוואָרפן אויף די אַקסלען. איידער דער עולם האָט באַוויזן פון גרויס חידוש אַרויס־צוזאָגן אַ וואָרט, איז שוין ר׳ זלמן געשטאַנען פאַרן עמוד און מיט אַ הייזעריקער שטימע מער געשריגן ווי געזאָגט: לכו נרננה.

ר׳ זלמן האָט נישט געקענט זינגען. ער האָט נאָר געקענט איין ווורקער ניגון, וועלכן ער פלעגט גיכער אויסשרייען און אויס־פּאַטשן מיט די הענט, ווי זינגען. איצט, אַז ס׳איז געקומען צו „לכה דודי״ האָט ער ווידער געוואָלט אויסקרייען און אויספּאַטשן מיט די הענט דעם ווורקער ניגון. אָבער דער עולם האָט אויפגע־זונגען אַ פריילעכן מאַרש, זיי האָבן געזונגען אַזוי הויך, אַז מען האָט אינגאַנצן נישט געהערט די ווערטער פון „לכה דודי״, וואָס האָבן צעטומלטע און פאַרטויבטע זיך געריסן פון ר׳ זלמנס מויל.

שבת אינדערפרי האָט ר׳ זלמן זיך געשטעלט דאַווענען שחרית פאַרן עמוד. ס׳איז פאַר אַלע געווען קלאָר, אַז ער וועט דאַווענען ביז „שוכן עד״ און דערנאָך וועט ער אָפּטרעטן דאָס אָרט אימעצן וואָס קאָן דאַווענען פאַר אַן עולם, וואָס האָט אַ קול און קען זינגען, ווי דאָס האָט זיך ביז איצט געפירט אין שטיבל. אָבער אַז עס איז געקומען צו „שוכן עד״ און דער עולם האָט אָנגעהויבן צו קלאַפּן מיט די הענט אין די טישן און אין בעלעמער, אַז ר׳ זלמן זאָל מאַכן אַ׳ הפסקה און זאָל אַן אַנדערן צולאָזן צום עמוד, האָט ר׳ זלמן זיך געמאַכט נישט וויסן, ווי נישט אים מיינט מען דאָס. ער האָט מיט דער רעכטער האַנט זיך אָנגענומען ביים רעכטן אויער און זיך געריסן: שוכן עד!

מילא, דער עולם האָט צו דעם קיין עצה נישט געהאַט. דער־פאַר ווען ר׳ זלמן האָט זיך געוואָלט אַדורכשוואַרצן ביי „אל אדון״ מיט בלויז זאָגן, האָט דער עולם אויפגעזונגען א ניגון פון אַ באַר־קאַראַלע, וועלכע איז, ווער ווייס דורך וואָספאַראַ וועגן, מגולגל געוואָרן אין אַלעקסאנדער שטיבל אריין. ר׳ זלמן איז געשטאַנען אַ מבולבלער און נישט געוווּסט ווי אַזוי אַריינפּאַסן די ווערטער אין ניגון.

ביי קריאת התורה איז ר׳ זלמן צוגעשטאַנען צו ר׳ שלמה גבאי ער זאָל אים דווקא געבן מפטיר. מפטיר פלעגט מען פאַר־קויפן אין שמחת תורה אויף א גאַנץ יאָר. אויב א בעל־היאָרצייט איז געגאַנגען בנפשו ער זאָל דווקא האָבן מפטיר, האָט ער געמוזט אַדורכקומען מיט דעם, וואָס האָט דעם מפטיר געהאַט געקויפט און צו וועמען ער האָט געהערט. ר׳ זלמן האָט איינגעליגט וועלטן און מען האָט אים אויפגערופן צום מפטיר.

מוסף האָט ר׳ זלמן, פאַרשטייט זיך, ווידער געדאַוונט פאַרן עמוד. און ווי נאָר ער האָט געענדיקט די לעצטע ווערטער פון קדיש יתום, איז ער צוגעלאָפן צום שולחן און מיט אַ פעסטן קלאַפּ מיט דער האַנט אויסגערופן בקול רם, אַז ער בעט דעם גאַנצן עולם אויף קידוש און ס׳זאָל קיינער למען השם נישט אַוועקגיין.

פון דעם איז דער עולם שוין גאָר געוואָרן נבהל ונשתומם. שוין דאָס דאַוונען פאַרן עמוד, אפילו דאָס אַליין וואָס ר׳ זלמן האָט דערציילט אז ער האָט יאָרצייט, איז שוין געווען אַ חידוש. אָבער אַז זלמן בעט אויף קידוש און דערצו דעם גאַנצן עולם דאָס איז שוין געווען למעלה מן השכל. טאַקע צוליב דעם זענען אפילו די נגידים, וואָס פלעגן קיינמאָל נישט בלייבן ווען אימיצער האָט גע־מאַכט א קידוש אין שטיבל, אפילו זיי זענען איצט געבליבן, כאָטש בלויז פון נייגעריקייט.

ר׳ זלמן האָט גיך אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם טלית און אַ נישט־צונויפגעלייגטן אים אַוועקגעלייגט ערגעץ־ווו אויף א באַנק. ער איז אַריין אין דער שטוב ווו ס׳זענען געשטאַנען די ספרים

צום לערנען, דאָרט ווו מען פלעגט מאַכן די קידושים, און אַראָפּ־געכאַפּט אַלע ספרים פון טיש, אויסגעגליכן דאָס טישטוך וואָס איז דאָרט שבת געלעגן, אויסגעשטעלט אַרום דעם טיש די בענק. ער האָט דאָס אַלץ געטון מיט אַ פלינקייט און געשיקטקייט פון גאָר אַ יונגן מאַן. דערנאָך האָט ער אַרויסגענומען פון שופלאָד אַלץ וואָס ער האָט געהאַט אין זיין „שענק", אַלץ וואָס איז דאָרט גע־ווען, נישט איבערלאָזנדיק גאָרנישט.

ער איז אריין אין די שטובן ווו דער עולם האָט איצט פאַמעלעך אויסגעטון די טליתים און זיי געלייגט אין די טלית־זעקלעך. — עולם, ני! דער קידוש וואַרט! — האָט ר' זלמן געשריגן אַן אויפ־גערוימטער. דער עולם האָט אָנגעהויבן זיך אַרומזעצן אַרום דעם טיש. אויפן טיש זענען געשטאַנען פינף פלעשלעך ספירט, ס'זע־נען געלעגן אייער־קיכלעך און פלעצלעך, ס'זענען געשטאַנען הע־רינג, פשוטע און מאַרינירטע. אַלץ איז געווען אויף אַזוי פיל, אַז ס'זאָל סטייען פאַר אַלע. ר' זלמן האָט זיך שטאַרק געפּאָרעט און זיך גאָר איבערגענומען מיט דער מצווה פון הכנסת אורחים. ער האָט מקפיד געווען אַז יעדער זאָל האָבן אַן אָרט צו זיצן, צוגעהיטן אַז יעדער זאָל האָבן בראָנפן און קיינעם זאָל נישט אויספעלן קיין פאַרבייסעכץ.

ר' זלמנען איז גאָרנישט געווען צו דערקענען. ער האָט אינגאַנצן געברענט פון אהבת ישראל. דעם קליינעם יידעלע, איטשעלע קו־באַץ, וואָס פלעגט מיט אים שטענדיק האָבן צו טון און אים נישט לאָזן במנוחה, האָט ער אליין צוגעטראָגן אַ גלעזל ספירט און גע־שטאַנען איבער אים ער זאָל מאַכן קידוש.

ער אליין, ר' זלמן, האָט געמאַכט קידוש און פאַרביסן שטייענ־דיקערהייט. „והוא עמד עליהם" (און ער איז געשטאַנען נעבן זיי, ווי ס'שטייט ביי אברהם אבינו מיט די מלאכים) — האָט ר' זלמן פריילעך אויסגעשריגן. ער, וואָס האָט געקאָנט א סך טרינקען, אַריינגיסן אין זיך אַן אַ שיעור גלעזלעך ספירט, און ס'איז געווען „ולא נודע כי באו אל קרבנה", מען האָט דאָס אויף אים לגמרי נישט

דערקענט, איז דאָס מאָל פון דעם ערשטן גלעזל געוואָרן שטאַרק בגילופין. ער איז געגאַנגען פון איינעם צום צווייטן און געבעטן מען זאָל עסן און טרינקען.

צופיל צו עסן און טרינקען איז וואָס אַן אמת נישט געווען, און דער עולם האָט זיך גיך אָפּגעפּאַרטיקט. מען האָט געווּנטשן אַן עלית נשמה דעם נפטר, ר׳ זלמנען אריכת ימים און אַז זיין מיסחר, זיין „שענקל" זאָל גיין הלוך וגדל. איטשעלע קובאַץ האָט אפילו איצט נישט פאַרגעסן וועד ער איז. פּלוצים גיט ער זיך אַ רוף אָן צו ר׳ זלמנען:

— זלמן, זוג מע נאַר, נוך ווּעימען האָסט די דום האָנט יור־צאַט ?

ר׳ זלמן איז געבליבן שטיין אַ צעררודערטער, אין אַ גרויסער מבוכה. ער האָט זיך אָבער גיך געכאַפּט און געענטפערט:

— למאי נפקא מינה. טרינק לחיים.

ווען דער עולם האָט זיך שוין אָנגעהויבן אויפשטעלן און מאַכן הכנות אַהיימצוגיין, איז ר׳ זלמן מיטאַמאָל אַרויס פון די כלים און זיך געלאָזט אין אַ טאַנץ. אזא משונהדיקע זאַך, ווי טאַנצן אויף אַ יאָרצייט, האָט מען קיינמאָל אין אלעקסאַנדער שטיבל נישט געזען. די פּלא איז געווען נאָך גרעסער דערמיט, וואָס ר׳ זלמן פלעגט בכלל קיינמאָל נישט טאַנצן. אפילו נישט אין יום־טוב. ווען דער עולם פלעגט זיך צונויפקומען אין שטיבל אָדער ביי איינעם אַ חסיד טרינקען וויין, און מען האָט זיך געלאָזט אין א ריקוד, אין אַ טאַנץ, איז ר׳ זלמן געזעסן פונדערווייטנס און נישט געלאָזט זיך בשום אופן אַריינגעמען אין טאַנץ. ווען די חסידים האָבן אים גע־וואָלט נעמען מיט כוח, האָט ער זיך געבייזערט, געוואָרפן, נישט געלאָזט זיך אָנרירן.

ר׳ זלמן האָט פיינט געהאַט התפעלות. פיינט געהאַט ווען מען גייט אַרויס פון די כלים. כעס פלעגט אים יאָ אַרויספירן פון די כלים, אָבער שמחה — נישט. — כעס, — האָט ר׳ זלמן געזאָגט, — כעס דאַרף מען אַראָפּוואַרפן פון זיך. מע דאַרף זיך אַראָפּוואַרפן

ציזאַמען מיטן כעס. אָבער שמחה, שמחה איז אַ דבר שבפנימיות, שמחה איז אַ זאַך פון אינעווייניק. שמחה דאַרף מע האַלטן אין זיך. בפרט אַז אויף די וועלט איז פאַראַן אַזוי ווייניק שמחה, דאַרף מען זי אוודאי האַלטן אינעווייניק.

— רקוד (טאַנץ) — האָט ר׳ זלמן געזאָגט, — לייגט זיך אָם פון די זעלבע אותיות ווי דורק (דוראַק). אַ נאַר טאַנצט, אַ קליגער טאַנצט נישט. פון געזאַנג האָט ר׳ זלמן שטאַרק געהאַלטן, פון טאַנץ — נישט.

איצט איז ר׳ זלמן אַליין פאַרגאַנגען אין אַ טאַנץ. ער האָט געטאַנצט ווי אַ באַנומענער. מען האָט נישט געוווסט צי איז ער שיכור צי ניכטערן. ער האָט לאַנג געטאַנצט און דער עולם איז געשטאַנען און נישט געוווסט וואָס מיט אים איז געשען.

ר׳ זלמן האָט אָפּגעטאַנצט. און ווי ס׳וואָלט גאָרנישט געווען האָט ער מיט דער לינקער האַנט אונטערגעהויבן דאָס סאַמעטענע היטל, מיט דער רעכטער האַנט אַ שאַרפן רייב געטון מיטן פאַר־פעדערטן סאַמעטענעם קאַפּל דעם קאָפּ וואָס איז געווען אָפּגע־שוירן נידריק ביי דער סאַמער הויט, צוריק אַרויפגעלייגט דאָס היטל אויפן קאָפּ, געזאָגט אַ „גוט שבת", אָנגעטון דעם פּאַלטן און געגאַנגען מיט מיין טאַטן צו אונדז אַהיים, צו דער שבתדיקער סעודה.

* * *

דער עולם אין שטיבל האָט גוט געזען אַז ר׳ זלמן האָט גע־געבן אויסצוטרינקען און אויפצועסן אַלץ וואָס ער האָט געהאַט אין זיין „שענקל". זיי האָבן געפילט אַז דער היינטיקער קידוש איז ווי אַן „עלינו לשבח", דער סוף פון ר׳ זלמנס דערלאַנגען בראָנפן מיט פאַרבייסעכץ. דאָס מאָל איז דער עולם פון שטיבל נישט געגאַנגען אַהיים איינציקווייז, נאָר זיי זענען געגאַנגען אויף דער גאַס חברות׳ווייז און געשמועסט, ווי דאָס פלעגט טרעפן ווען אין שטיבל איז געשען אַ גרויס געשעעניש.

דאָס קליינע יידעלע, איטשעלע קובאַץ, דער חסידישער קונ־דס, איז געלאָפן פון איין חבֿרה חסידים צו דער צווייטער און גע־שריגן:

— יידן! נישט אמת! זלמן האָט גור נישט גיהאַט קאַ יור־צאַט!... דאָס האָט ער נוך זאַן שענקל, נוכן בראָנפן מיטן פאַרבאַ־סעכץ, געזוגט קדיש...

און ר׳ זלמן איז טאַקע געוואָרן אוים סוחר...

ר׳ זלמן ביי א פרעמדן טיש

ר׳ זלמן איז יאָרנלאַנג געווען אונדזער סטאַלער אורח. יעדן פרייטיק־צונאַכטס און יעדן שבת אינדערפרי איז ער געזעסן מיט אונדז אַלע צוזאַמען ביים געדעקטן טיש. ער פלעגט קומען צוזאַמען מיטן שבת און צוזאַמען מיטן שבת אַוועקגיין. טיילמאָל פלעגט ער זיך אַריינכאַפּן צו אונדז אינמיטן דער וואָך אויך. דאָס איז געווען נאָר דעמאָלט, ווען ער האָט גאָר שטאַרק באַדאַרפן אַ האַלבע זלאָטע, אָדער גאָר אַ העמד צו גיין אין מקווה אַריין.

דער טאַטע, די מאַמע און מיר קינדער, זענען געווען אַזוי צוגעוווינט צו ר׳ זלמנען, אַז מיר האָבן זיך שוין נישט געקאָנט פאָרשטעלן אַ שבתדיקן, צי אַ יום־טובדיקן טיש אָן אים. כ׳געדענק נישט אַז ס׳זאָל אַמאָל האָבן געשען, אַז ער זאָל נישט קומען צו אַ שבתדיקער, אָדער יום־טובדיקער סעודה. אַחוץ אין פּסח, אויף וועלכן ער פלעגט יעדעס יאָר פאָרן קיין אַלעקסאַנדער צום רבין, האָט ער קיינמאָל נישט פאַרמיטן צו קומען. ווען ר׳ זלמן פלעגט אַמאָל קראַנק ווערן, האָט שוין אַלעמאָל אַזוי געטראָפן, אַז אויף שבת, צי אויף יום־טוב איז ער געזונט געוואָרן.

ר׳ זלמן האָט ליב געהאַט אונדזער טיש, צו וועלכן מען פלעגט אַלץ דערלאַנגען מיט אַ ברייטער האַנט. דער נידעריקער, איינגע־בויגענער און אויסגעטריקנטער ר׳ זלמן, וואָס איז אַ גאַנצע וואָך אָפּגעקומען מיט בילע־וואָס, האָט שבת דווקא ליב געהאַט גוט אָפּצועסן. ער האָט ליב געהאַט מיין מאַמעס אייער־חלות, געבאַ־קענע אין היימישן אויוון. ווען ער האָט גענומען דאָס מוציא־מעסער, וואָס איז געווען אויסגעזעצט מיט פערלמוטער און אויף

וועלכן ס'איז געווען אויסגראַווירט: „שבת קודש", און עם אַריינ־געשניטן אין דער ברוינער, גלאַנצנדיקער הויט פון דער געפלאָכ־טענער חלה, האָט ער עם געטון מיט חשק, מיט הנאה. אַחוץ פיש און פלייש האָט מען מער גאָרנישט צוגעטיילט, האָט ער געקאָנט עסן וויפל ער האָט געוואָלט. לעקעך און קיכלעך שבת אינדערפרי צו קידוש, הערינג צי שפּראָטן, צי גאָר נאָך אַ פּאָרציע טשאָלנט — האָט קיינער זלמנען נישט געזשאַלעוועט. ער האָט געגעסן וויפל זיין האַרץ האָט געגלוסט.

צום בעסטן האָט ער ליב געהאַט די יום־טובדיקע סעודות, ווען מען פלעגט נאָכן עסן, אָדער פאַרן צימעס, צי קאָמפּאָט, פאַר־רויכערן פּאַפּיראָסן. ר' זלמן איז געווען אַ גרויסער רייכערער. ער האָט ליב געהאַט שטאַרקע פּאַפּיראָסן. איך פלעג אים קויפן אויף יעדן יום־טוב אַ פּעקל „עגיפּסקיע" און אים עס דערלאַנגען אַ מתנה ביים עסן. ר' זלמן פלעגט גיך באַהאַלטן די מתנה אין קעשענע אַריין און נעמען פּאַפּיראָסן צו רייכערן ביים טיש פון מיין טאַטן.

אַזוי איז ר' זלמן כמעט אַ קיילעכיק יאָר געזעסן ביי אונדזער טיש שבת און יום־טוב.

יאָ, כמעט, ווייל פאַר די ימים נוראים, ווען מיין טאַטע פלעגט יעדעס יאָר פאָרן אויף אַ פיר־זעקס וואָכן אין די וואַרעם־בעדער אַריין, האָט ר' זלמן ביי אונדז נישט געגעסן.

איך בין געווען אַ בן־יחיד און אַז דער טאַטע פלעגט אַוועק־פאָרן בין איך געבליבן דער איינציקער מאַנצפּערשוין אין שטוב. איך בין נאָך דעמאָלט געווען גאָר אַ יונג ייִנגל און ר' זלמן האָט בשום אופן נישט געוואָלט בלייבן מיט מיר פירן אַ „וואַבערישן טיש", ביי וועלכן אַחוץ מיין מאַמען זענען געזעסן מיינע פינף שוועסטער און נישט זעלטן אימיצער פון זייערע „קאָלעזשאַנקעס" (חברטעס). ווי ליב ס'איז ר' זלמנען נישט געווען אונדזער שטוב, האָט ער זי דאָך גערופן „די וואַבער שיל". ער האָט בכלל געהאַט אַ גרינגשעצנדיקע באַציונג צו ווייבער. כ'דערמאָן מיך נישט ער זאָל במשך דער לאַנגער צייט, וואָס ער האָט ביי אונדז געגעסן,

כּאָטש איינמאָל זיך האָבן געוואָנדן צו מיין מאַמען. אפילו נישט אין דעם אופן, ווי דאָס פלעגן טון אַנדערע חסידים, רופנדיק זי אויף איר מאַנס נאָמען: ר׳ איטשע-מאירס וואַב, (למשל ר׳ איטשע-מאירס וואַב, דער שטראָדל האָט טויזנט טעמים, אָדער, וואָס מאַכט איר אין געזונט, ר׳ איטשע-מאירס וואַב?). ר׳ זלמן האָט גוט געוווּסט, אַז מיין מאַמע איז אַ שטאַרק אָפּגעהיטענע, אַ פרומע און אַ חסידיתטע. אָבער דאָס אַלץ האָט אפילו לגבי מיין מאַמען נישט געקאָנט לינדערן דעם האַרבן פסק, וועלכן ער האָט געהאַט אַרויסגעגעבן אויף אַלע ווייבער.

ווען ס׳פלעגט אַמאָל ביים עסן קומען צו אונדז צו גאַסט אַ יונג. חסידיש, נאָר שוין אַ ביסל מאָדערן פאַרפאַלק, און ר׳ זלמן האָט דערזען, אַז דער יונגערמאַן לאָזט גיין דאָס יונגע ווייבל זיינס פאָרויס, פלעגט ער אים לאַכן שפּאָטיש אין די אויגן אַריין. צו מיר פלעגט ער זאָגן מכלומרשט שטילערהייט, אָבער אַזוי, אַז אַלע זאָלן הערן: „חיל, דע אינגערמאַן מיז זאַן נישט קאַ קליינער עם-האָרץ, ווייסטי פאַוואָס? וואַל אויפן פסוק אין שופטים „וילך מנוח אחרי אשתו״, זוגט די גמרא „מנוח עם הארץ היה״, (מנוח איז געווען אַן עם הארץ) ווייסטי פאַוואָס? וואַל שהלך אחרי אשתו, וואַל ער איז נאָכגיגאַנגין נאָכן וואַב״.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס פלעגט אַרויסרופן אַ צעמישונג, אַ פשיקרע לאַגע. דער יונגערמאַן פלעגט רויט ווערן פאַר בושה. מיינע שוועסטערן, וואָס האָבן נישט פאַרשטאַנען, וואָס ר׳ זלמן האָט געזאָגט, נאָר געפילט, אַז דאָ האָט ער שוין ווידער עמעצן באַליידיקט, האָבן שטאַרק פאַריבל געהאַט אויף דעם „דזשיקע״ (ווילדן) ייד. אפילו מיין טאַטע, וואָס איז בדיעבד צופרידן געווען פאַרן אַריינזאָגן דעם יונגנמאַן, האָט זיך אויך אין אַזעלכע פאַלן געפילט שטאַרק נישט באַקוועם.

נאָר איינעם איז דאָס אַלץ נישט אָנגעגאַנגען, ר׳ זלמנען אַליין. אים האָט נישט געאַרט, צי דער יונגערמאַן האָט זיך יאָ געפילט געטראָפן, צי נישט, צי מיינע שוועסטערן זענען פון אים יאָ צו-

פרידן, צי נישט. ער האָט זיך דאָס זייניקע געזאָגט און דאָס האָט אים שטאַרק הנאה געטון.

ר׳ זלמן פלעגט אָפט פאַר מיר איבערחזרן חסידישע און סתם ווערטלעך, ווי ס׳רעדט זיך גרינגשעצנדיק וועגן פרויען. ער האָט געהאַט אַ ספּעציעל פאַרגעניגן צו דערנידעריקן די פרוי. עפּעס האָט אין אים געברענט אַ פאַרבאַרגן נקמה־געפיל צו זיי. וועגן רביים וואָס נעמען־אָן ווייבער, וואָס נעמען ביי די ווייבער קוויט־לעך און פדיונות, האָט ער הערן נישט געוואָלט. ער האָט זיי אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט, אינגאַנצן מבטל געווען. און נישט נאָר וועגן היינטצייטיקע רביים, נאָר אפילו וועגן אַמאָליקע גרויסע צדיקים, וואָס האָבן אָנגענומען ווייבער, האָט ער אויך גערעדט מיט ביטול.

צוליב דעם איז מיין מאַמע טיילמאָל געווען שטאַרק גע־קרענקט און זיך געפילט מוראדיק געטראָפן. מיין מאַמעס מאַמע, די באָבע ברײַנדל, איז געווען אַ שאַרפע פּוריסאָווער חסידיתטע. בשעתה איז זי געפאָרן צום רבין ר׳ יעקב הערשן. דאָס איז נישט געווען סתם אַ פאָרעכץ, נאָר אַן אמתע נסיעה צום רבין, מיט פייער, מיט התלהבות. אין די טעג פון חודש אלול פלעגן זיך צו־נויפנעמען ווייבער, פּוריסאָווער חסידיתטעס, מען האָט געדונגען ביי פּויערים דראַביניאַסטע וועגענער, מען האָט זיי אויסגעבעט מיטן פרישן שטרוי פון די שייערן, מען האָט אויפן שטרוי פאַר־שפּרייט קאָלירטע טיכער, און דורך פּוילישע וועגן, צווישן סעדער און פעלדער, פון נאָוואָ־מינסק דורך שעניצע, לאַטאָוויטש און סאַרדין, איז מען געפאָרן קיין פּוריסאָוו, פּויקענדיק אויפן גאַנצן וועג, ווי מרים הנבואה, אין פּייקלעך. מיין באָבע ברײַנדל איז גע־פאָרן צום רבין, ר׳ יעקב הערשן, נישט נאָר אין די ימי אלול. זי איז געווען גאָר אַן אָפטע פאָרערין. ביי יעדער געלעגנהייט, ביי אַ שמחה, צי חלילה אין אַן עת צרה, ווען ס׳איז איר געווען שווער אויפן האַרץ — האָט זי זיך תיכף אַריינגעכאַפּט קיין פּורי־סאָוו. זי איז אויפן רבינס הויף געווען שטאַרק אָנגעזען.

דאָס איז שוין געווען גאַנץ לאַנג. מיט אַ סך צענדליקער יאָרן צוריק איידער מיר האָבן געקענט ר׳ זלמנען. דער רבי רב יעקב הערש איז שוין לאַנג געווען אויפן עולם האמת. מיין באָבע האָט שוין אויך נישט געלעבט. אָבער דאָס אַלץ האָט נישט געשטערט זלמנען, אין זיין פאַרביסענער שנאה צו ווייבער, אַנצורירן דעם כבוד פון אַזאַ צדיק, ווי דער פורימאָווער איז געווען, און נישט שאַנעווען מיין מאַמעס געפילן און אָנדענק פון איר פאַרשטאָרבענער מאַמען.

מיין מאַמע פלעגט טיילמאָל, אויף אַ זייער איידעלן אופן, געבן אָנצוהערן ר׳ זלמנען, אַז זיין אויפפירונג טוט איר וויי. מיין מאַמע איז געווען זייער גוט צו ר׳ זלמנען. זי פלעגט אים נישט זעלטן אויסטיילן אַ גרעסערע פּאָרציע, ווי פאַר אַן אייגן קינד. זי פלעגט אים אונטעררוקן מן הצד עפּעס אַ גרעסערן צולאַג, אַז קיינער פון די קינדער זאָל נישט באַמערקן און ר׳ זלמן זאָל זיך חלילה נישט פילן דערפון געטראָפן. זי האָט געוווּסט, וואָס פון די מאכלים ער האָט צום מייסטן ליב און פלעגט אים אָפט מיט עפּעס גוטס „דאָגאָדזשען". איר האָט נישט געאַרט, וואָס איך פלעג טיילמאָל אונטעררוקן מיין ווייס נאָז-טיכל ר׳ זלמנען אַ מתנה, ווען איך האָב באַמערקט, אַז ער האָט נישט קיין נאָז-טיכל און ווישט אין פאַרלעגנהייט די נאָז מיט אַן אַרבל, אָדער וויל גאָר דערלאַנגען נאָך דער פּאָלע פון זיין אַטלאַסענער קאַפּאָטע. פאַרקערט, מיין מאַמע איז פון מיין טאַט שטענדיק געווען צופרידן. נישט נאָר נישט פאַרגעהאַלטן, נאָר גוטמוטיק צוגעשמייכלט. אָבער ר׳ זלמן האָט דאָס אַלץ נישט געזען. ער איז אויף אַלעם געווען ווי בלינד. מען האָט אים מיט גאָרנישט געקאָנט איינגעמען, איבערקויפן, ווען עס איז געקומען צום „סדר נשים".

מיין טאַטע, וואָס האָט אויך נישט שטאַרק געהאַלטן פון ווייבערישע רביים, איז אָבער אין פאַל פורימאָוו געווען אויף מיין מאַמעס צד. און בכדי איר צוצוגעבן מוט און קוראַזש, בכדי אָנצוטאָן איר אַ נחת-רוח, איז כאָטש ער האָט שטאַרק נישט ליב גע-

האָט זיך איבערצוחזרן, האָט ער אָבער פאַר איר כבודם וועגן אָפּט איבערדערציילט די מעשה, וואָס ער אַליין האָט געהאַט, וואָס ער אַליין האָט געהערט און געזען אין פּוריסאָוו, ביים רבין ר׳ יעקב הערשן, זכרונו לברכה.

* * *

ומעשה שהיה כך היה:

איך בין נאָך דעמאָלט געווען גאָר אַ יונגערמאַן — האָט אָנגעהויבן מיין טאַטע בנעימותדיק, — איך בין נאָך געזעסן ביים שווער אויף קעסט. דעמאָלט איז אייער מומע חנה פייגע, האָט זיך דער טאַטע געוואָנדן צו אונדז קינדער, כאָטש שוין געהאַלטן ביים דריטן קינד, נאָר דאָס מאָל געווען אַ מקשה לילד. ס׳איז שוין געווען דער דריטער טאָג ווי זי איז געגאַנגען צו קינד. דאָקטוירים אַריין, דאָקטוירים אַרויס. מען האָט שוין געהאַט אפילו געשיקט נאָך אַ דאָקטער קיין וואַרשע. ס׳איז געווען באו מים עד נפש. דעמאָלט איז אייער באָבע צוגעשטאַנען צו מיר איך זאָל אַראָפּפאָרן קיין פּוריסאָוו, צום רבין ר׳ יעקב הערשן. כאָטש איך אַליין בין געפאָרן נאָך אַלעקסאַנדער, האָב איך איר, פאַרשטייט זיך, נישט אָפּגעזאָגט און זיך תיכף געלאָזט אין וועג אַריין.

כ׳בין אָנגעקומען קיין פּוריסאָוו אינדערפרי, באַלד נאָך שחרית. דער רבי איז שוין געווען ביי זיך אין חדר. מען האָט אים תיכף צו־וויסן געטון ווער ס׳איז געקומען און אין אַ מינוט אַרום האָט מען מיך צו אים אַריינגעפירט.

דער רבי איז נאָך געווען אָנגעטון אין טלית און תפילין. ער האָט געקוקט אויף מיר אינגאַנצן רויק, כאָטש ער האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז כ׳בין געקומען אין אַ הארבן ענין, אַז עפּעס אַ גרויסע צרה האָט מיך צו אים געבראַכט. אויף זיין אויסגעלויטערט, געלגרינלעך, ווי אַן אתרוג, פּנים, באַוואַקסן מיט אַ געדיכטער ווייסער באָרד, האָט מען נישט אָנגעזען דעם מינדסטן סימן פון שרעק. ער איז געזעסן אויף אַ פאַטער־שטול און מיר דערלאַנגט שלום. איך האָב פאַר אים אוועקגעלייגט אַ קוויטל.

אָבער נאָך איידער דער רבי האָט גענומען לייענען דאָס קוויטל, האָט ער אויפגעהויבן צו מיר זיינע אויגן, — דערציילט ווייטער דער טאַטע, און מיך געפרעגט: — זאָג מיר נאָר קודם-כל וואָס מאַכט דאָן שוויגער?

איך האָב זיך א ביסל דערשראָקן, זאָגט דער טאַטע, ווייל ס׳איז דאָך אַ קבלה, אַז ווען אַ רבי פרעגט וועגן אַ צווייטן, בשעת מען דערלאַנגט אים א קוויטל וועגן א חולה, איז עס חלילה, השם ישמרנו, נישט קיין גוטער סימן. פונדעסטוועגן האָב איך זיך ווי עס איז צוזאַמענגענומען און געענטפערט: — זי איז ווי אַלעמאָל שוואַך. — די באָבע אייערע איז פון די יונגסטע יאָרן אָן געווען אַ שוואַכע, אַן איידעלע — האָט אונדז דער טאַטע אויפגעקלערט.

— דער רבי האָט אויף מיר א שאַרפן בליק געטון, פירט דער טאַטע ווייטער, — און געזאָגט צו מיר שטרענג, כמעט ווי מיט אַ געבייזער:

— זאָלסט אָנזאָגן דאָן שוויגער אין מאַן נומען, אַז זי זאָל למען השם עסן פאַרן דאַווענען. די עבירה נעם יעך אויף מיר.

דאָ האָבן אַלע, דער טאַטע, די מאַמע און מיר קינדער, א קוק געטון אויף ר׳זלמנען מיט טריומף. האַ, דו זעסט וואָס פאַר א באָבע מיר האָבן געהאַט. א קליינינקייט, אזא צדיק, ווי דער פּורימאָווער רבי אליין, האָט גענומען אויף זיך די עבירה פאַר איר עסן פאַרן דאַווענען, האַ! אָבער ר׳ זלמן איז פון דעם אַלעם נישט נתפּעל גע־וואָרן. ער איז געזעסן זייטיק, נישט געקוקט אויפן ווייבערישן טייל פון טיש, און אַריינגעלאַכט אין זיך.

די מיידלעך, מיינע שוועסטערן, כאָטש צווישן זיך האָבן זיי גערעדט נאָר פּויליש און נישט פאַרשטאַנען קיין איין העברעיש וואָרט, האָבן אָבער, פון א סך מאָל הערן די מעשה, שוין גוט גע־וווּסט, וואָס איז דאָס אַזוינס אַ מקשה לילד, באו מים עד נפש און געקענט דעם גאַנצן נוסח און שפּראַך פון א חסידישער מעשה. כאָטש די עלטערע פון זיי האָבן שוין ווייט נישט געהאַלטן נישט פון קיין רביים, נישט פון קיין קוויטלעך און אַנדערע מינים „זאַבאַ־

באַנעס״, און די יונגערע האָבן נאָך ווייט נישט געוווּסט, וואָס איז דאָס אַזוינס גיין צום קינד, און צו וואָס מען דאַרף דערצו דאָקטוירים, אָבער אויף צו להכעיס ר׳ זלמנען האָט זיך געשאַפן א געשלאָ־סענער פעסטער פראָנט קעגן אים, אָנהייבנדיק פון מיין טאַטן ביז צו דער יונגסטער שוועסטער, וועלכע איז נאָך דעמאָלט גע־ווען כמעט א קינד.

זעענדיק אז ר׳ זלמן נעמט זיך נישט שטאַרק איבער מיט דער מעשה, איז ליתר תוקף עוז, בכדי צו שטאַרקן דעם רושם, האָט דער טאַטע, מניה וביה, דערציילט וועגן דעם מופת, וואָס ער אליין האָט טאַקע דעמאָלט געזען ביים רבין ר׳ יעקב הערש פּורי־סאָווער.

דער טאַטע האָט דערציילט:

— ווי נאָר דער רבי האָט איבערגעלייענט דאָס קוויטל, וואָס איך האָב אים געגעבן, האָט ער געהייסן דערלאַנגען לעקעך און בראָנפן אויף צו טרינקען לחיים. אָפּגעטרונקען לחיים און צוגע־וווּנטשן, האָט דער רבי זיך אויפגעשטעלט, צוגעגאַנגען צו דער אייזערנער קאַסע, וואָס איז געשטאַנען ביי אים אין חדר און אַרויס־גענומען פון דאָרט א פלעשל. ער האָט מיר דערלאַנגט דאָס פלעשל און געזאָגט צו מיר בזו הלשון: — פוּער געזינטערהייט, פוּער תיכף. ווי נאָר די וועסט אהיימקימען, זאָלסטי זעיען, אז מען זאָל יוסף־לייבן אויסשמירן מכף רגלו ועד ראשו מיט דעם בוימל, (יוסף לייב איז געווען אונדזער פעטער, דער איינציקער ברודער פון מיין מאַמען).

— ווען כ׳בין אהיימגעקומען, — האָט דער טאַטע פאַרענדיקט די מעשה, — איז שוין חנה־פייגע געווען א געהאַלפענע מיט א בן־זכר, און יוסף־לייב איז געלעגן אין גרויסער היץ. ער האָט געהאַט א טיפוס. מען האָט אים אויסגעשמירט מיט דעם בוימל און ער איז, פאַרשטייט זיך, געזונט געוואָרן.

דאָ האָט ר׳ זלמן מער נישט געקאָנט איינזיצן אויפן אָרט. ס׳האָט אים אונטערגעהויבן פון דער שטול. ער איז יעדע רגע

אויפגעשפּרונגען, ווי ער וואָלט געיאָגט פון זיך אַ זלידנע אַנטשע־פּעניש. פון זיין מויל זענען ארויס אָפּגעהאקטע שטיקלעך, ווי דראָבנע שפּענדלעך צעהאלבירטע און צעפּערטלטע ווערטער, וואָס מען האָט זיי נישט געקאָנט פארשטיין. ער האָט אַרויפגעלייגט אַ האנט אויפן קאָפּ און מיטן קאָפּל געריבן די פּאטילניצע אַזוי שטארק, ווי ער וואָלט חלילה פון זין אראָפּ. די מעשה מיטן מופת האָט אים געמאַכט ממש משוגע, ער האָט זיך קיין אָרט נישט גע־קאָנט געפינען. ס׳איז פּשוט אַ רחמנות געווען צו קוקן ווי אַ ייד פּיי־ניקט זיך, און דער טאטע האָט אָפּגעהאקט דעם גאנצן שמועס.

פארשטייט זיך, אַז מיט אַזאַ ר׳ זלמן איז שוין גאָרנישט לייכט געווען צו זיצן ביי איין טיש. נאָך אַ לענגערער צייט, זענען אַלע מיד געוואָרן פון אים. די פרויען אונדזערע האָבן שוין גע־וואָלט אויף אַ צייט זיך פון אים אָפּרוען. מיינע שוועסטערן זענען אפשר גאָר געווען צופרידן, וואָס ער וועט אַ צייט נישט קומען. אמת, ווען ער האָט דאָס ערשטע מאָל, דאָס ערשטע יאָר ווען ער האָט ביי אונדז געגעסן, געזאָגט, אַז אויף דער צייט ווען דער טאטע פאָרט אוועק וועט ער נישט קומען, האָבן אים אַלע אין שטוב אָפּ־גערעדט דערפון. אַלע זענען דווקא צוגעשטאַנען ער זאָל יאָ קומען. אונדזער טיש איז ביי אים געווען ווי אַן אייגענער און ס׳האָט אונדז געארט, וואָס ער וועט דארפן גיין עסן ביי פרעמדע טישן. אָבער ר׳ זלמן האָט זיך נישט געלאָזט איבעררעדן. נישט נאָר ער אליין האָט נישט געוואָלט בלייבן, נאָר ער האָט אויך מיך אָנגע־רעדט, אַז איך זאָל אויף דער צייט, ווען מיין טאטע וועט נישט זיין, נישט עסן אינדערהיים. באַדיי גיין אין אַ רעסטאָראַציע, אבי נישט זיצן מיט אַזויפיל ווייבער ביי איין טיש. „וועסט דאָך בטל בשישים ווערן" — האָט ער מיט מיר איינגעטענהט. מיר איז דער ענין אַ ביסל געפעלן געוואָרן. מיר האָט אימפּאָנירט זיין פּראָיעקט צו ווערן מיטאמאָל זעלבשטענדיק און גיין עסן אין אַ רעסטאָראַ־ציע. אָבער די מאַמע, די שוועסטערן און אויך דער טאַטע זענען געווען דורכאויס קעגן דעם. זיי האָבן געהאַלטן דעם גאַנצן ענין

פאַר ווילד. פאַרשטייט זיך אַז איך בין געבליבן און געזעסן שבת ביים גרויסן ווייבערישן טיש. אָבער ר׳ זלמן האָט זיך געהאַלטן ביי ס׳זייניקע. ער איז אויף אַ קורצער צייט פון אונדז אַוועק.

* * *

יעדעס יאָר, איידער דער טאַטע פלעגט אַוועקפאָרן אין די וואַרעם-בעדער, האָט ער באַזאָרגט ר׳ זלמנען אַן אָרט אויף עסן שבתים. ער האָט אויסגעקליבן אַ נגידישע שטוב, אַ ברייטע, ווו מען זשאַלעוועט נישט קיין אורח דאָס עסן, ווו ער האָט מלכתחילה געוווּסט, אַז ר׳ זלמן וועט זיך פילן גוט און היימיש. ס׳איז נישט געווען פון גאַנץ לייכטע זאַכן צו געפינען אַזאַ אָרט פאַר ר׳ זלמנען. ער איז געווען אַ שווערער מענטש, גאָר שטאַרק מקפּיד געווען אויף זיין כבוד, זיך ביי אַ ליאַדע-וואָס באַליידיקט. אויך נישט יעדער האָט אים געוואָלט האָבן פאַר אַן אורח. מען האָט אים געקענט פאַר אַן עקשן, אַ כעסן, פאַר אַ מענטש וואָס רעכנט זיך מיט גאָרנישט און מיט קיינעם נישט. מענטשן, בפרט נגידים, האָבן ליב אַז ביי זייער טיש זאָל זיין רויק, מיט אַ סדר, מיט דרך-ארץ, און מיט ר׳ זלמנען איז נישט אַלעמאָל געווען רויק. ס׳פלעגט זיך גאַנץ אָפט מיט אים גראַטשקעווען, זיך טון מעשים. ווער ס׳האָט אים נישט גוט געקענט, דעם איז שווער געווען מיט אים אַדורכצוקומען.

אָבער ר׳ זלמן איז פאָרט געווען ר׳ זלמן און ס׳האָט זיך שוין אַלעמאָל געפונען עמיצער, וואָס האָט אויף דער צייט פון מיין טאַטנס אָפּוועזנהייט אים גענומען צו זיך אויף די שבתים.

איינמאָל איז צוגעקומען צו מיין טאַטן ר׳ שמואל, דערווירט פון דעם הויז ווו מיר האָבן געוווינט, און אים געזאָגט, אַז ער וואָלט דורכוים געוואָלט האָבן ר׳ זלמנען ביי זיך אויף דער צייט, ווען דער טאַטע וועט זיין אויסער דער היים. דער טאַטע האָט זיך גראָד געקליבן פאָרן אין די בעדער און טאַקע אין זינען געהאַט זיך אַרומצווזען פאַר ר׳ זלמנען אַן אָרט אויף עסן שבתים. ר׳ שמואל

איז אויך געווען אַן אַלעקסאַנדער חסיד, געדאַוונט אין דעם זעלבן שטיבל וואָס דער טאַטע און ר׳ זלמן. ער איז געווען אַ גרויסער עושר, געהערט צו די אָנגעזעענסטע דיסקאָנטערן אין וואַרשע, געווען דערווירט פון עטלעכע גרויסע הייזער.

דאָך איז דער טאַטע נישט שטאַרק צופרידן געווען פון ר׳ שמואלס פאַרשלאַג. ער איז טאַקע געווען אַן אַלעקסאַנדער חסיד, אָבער צום רבין איז ער קיינמאָל נישט געפאָרן. ווען דער רבי פלעגט קומען קיין וואַרשע, איז ר׳ שמואל צו אים ארויפגעגאַנגען, אָבער קיין פאָרער איז ער נישט געווען. אויך איז זיין שטוב געווען אַן אָפּגעשלאָסענע. ער פלעגט קיינמאָל נישט מאַכן קיין קידוש פאַר קיין גרויסן עולם חסידים. ווען ער פלעגט שוין יאָ אַמאָל מאַכן אַ קידוש, וואָס דאָס האָט געטראָפן זייער זעלטן, האָט ער נאָר פאַרבעטן געציילטע, אייגענע מענטשן. אין שטוב ביי אים האָבן זיך אַרומגעדרייט עטלעכע איבערגעוואַקסענע טעכטער און ער האָט זיך נישט געיאָגט זיי חתונה צו מאַכן, כאָטש קיין געלט האָט אים, פאַרשטייט זיך, נישט געפעלט. אויף זיין ווייב האָט מען געזאָגט, אַז זי איז שוין גאָרנישט קיין מילדע.

צוליב דעם אַלעם איז מיין טאַטע נישט געווען שטאַרק אַנטציקט פון ר׳ שמואלס פּראָפּאָזיציע. צו אים אַליין האָט ער גאָרנישט געהאַט, ער איז געווען פאַר אים עפּעס אַ פאַרעווע זאַך. דער טאַטע, וואָס האָט ליב געהאַט פּוילישע ווערטלעך, האָט אויף אים געזאָגט: „אַן ניע פּאַכניע אי ניע שמיערדזשי" (ער שמעקט נישט און שטינקט נישט). ער האָט בכלל נישט געהאַט צו אים קיין שום באַציִונג. זיין שטוב איז אים אָבער שוין גאָרנישט געפעלן געוואָרן. ס'איז דאָרט נישט געווען קיין האָר חסידישע וואַרעמקייט. עפּעס האָט דאָרט געהערשט אַ מרה־שחורה, ווי די שטוב אַליין וואָלט געהאַט אַ געשוואָלענע לעבער.

דאָך אָפּזאָגן ר׳ שמואלן האָט דער טאַטע נישט געקאָנט. מיר האָבן געוווינט אין זיין הויז שוין איבער צען יאָר. נישט געווען נאָענט, אָבער געהאַלטן זיך קעגנזייטיק קאָרעקט. מכמה טעמים

איז שווער געווען אים צו זאָגן: — ניין. דער טאַטע האָט אים צו־געזאָגט איבערצורעדן וועגן דעם מיט ר׳ זלמנען.

נאָך וואָס און צוליב וואָס ר׳ שמואל האָט דווקא געוואָלט האָבן ר׳ זלמנען ביי זיך פאַר אַן אורח, איז מיר נאָך עד היום שווער צו פאַרשטיין. דער הייסער, ברוינזנדיקער ר׳ זלמן האָט אינגאַנצן נישט געפּאַסט צו דער קאַלטער שטייפקייט פון ר׳ שמואלם שטוב. כ׳בין זיך משער, אַז מיטן נעמען ר׳ זלמנען פאַר אַן אורח האָט ר׳ שמואל געוואָלט אָפּטון אַ שפּיצל זיין ווייב און די „פּאָסטעמפּאָווע" טעכטער, פון וועלכע די עלטסטע איז דע־מאָלט געווען אַ סטודענטקע פון וואַרשעווער אוניווערסיטעט און געקוקט מיט ביטול אויפן טאַטן, דעם חסיד־צלאָפּ.

ר׳ זלמן איז אָבער אויך נישט געווען פון די שרעקעוודיקע. ווען דער טאַטע האָט אים דערציילט, אַז ר׳ שמואל, אונדזער ווירט, וויל אים פאַר אַן אורח, האָט ער נישט געקוקט אויף מיין טאַטנס באַוואָרענישן, באַלד געענטפערט מיט אַ יאָ. — מילא, האָט ער געזאָגט, — כעל זעיען. ווּס קאָן דו זאַן? — אַז ער וויל, וועלעך קימען.

* * *

אין איינעם אַ פרייטיק־צונאַכטס, נאָכדעם ווי מיין טאַטע איז שוין געהאַט אַוועקגעפאָרן, איז ר׳ זלמן נאָכן דאַווענען דאָס ערשטע מאָל געגאַנגען צו ר׳ שמואלן. ר׳ שמואל פלעגט נישט גיין פרייטיק־צונאַכטס דאַווענען אין שטיבל אַריין, נאָר דאַווענען אינדערהיים, ביחידות. אים האָט נישט געלוינט צוליב דער קורצער תפילה פון קבלת־שבת זיך מטריח זיין אין שטיבל אַריין, פונקט ווי עס האָט אים נישט געלוינט צו דיסקאָנטירן קיין קליינעם וועקסל. ר׳ זלמן איז דעריבער געגאַנגען אַליין צו דער פרייטיק־צונאַכטסדיקער סעודה. ער האָט לאַנג געקלאַפּט אין דער טיר ביי ר׳ שמואלן. דאָרט האָט זיך די טיר נישט געעפנט אַזוי ברייט ווי ביי אונדז, אַזוי, אַז דער טאַטע האָט אפילו נישט באַדאַרפן אָנ־

קלאַפּן, ווייל אַלע אין שטוב האָבן אַפּגעוואָרט זיין קומען און זיך צוגעהערט צו זיינע טריט אויף די טרעפּ. דאָ, ביי ר׳ שמואלן, האָט מען געמוזט קלאַפּן, לאַנג קלאַפּן. פון דעם לאַנגן שטיין הינטער דער טיר איז ר׳ זלמנען געוואָרן אַ ביסל קאַלעמוטנע. ער האָט ווידער אָנגעקלאַפּט. ס׳האָבן זיך ענדלעך דערהערט אויסרופן: „קטאָ טאַם? קטאָ טאַם?! (ווער איז דאָרט? ווער איז דאָרט?). ר׳ זלמן האָט זיך אין אָנהייב נישט אָריענטירט אין וואָס דאָ גייט. דערנאָך האָט ער זיך געכאַפּט און הויך אויסגעשריגן: „יאַך יאַך!”. ס׳האָט זיך אַ ביסל אָפּגעבויגן אַ טונקעלע, שווערע טיר, פאַרלייגט אויף אַ קייט. פון דער שמאָלער טיר-עפענונג האָבן אַ פּאָר לאַכנדיקע אויגן פון אַ דינסטמיידל, אין אַ קורץ ווייס פאַרטעכל, געקוקט פריילעך אויף דעם איינגעבויגענעם ר׳ זלמן. די טיר האָט זיך ווידער פאַרמאַכט און ר׳ זלמן איז ווידער געבליבן וואַרטן אינדרויסן. ער האָט שוין געטראַכט אַוועקצוגיין, נאָר פּלוצעם האָט מען דערהערט אַ קלונג פון אַ קייט, די טיר האָט זיך געעפנט און דאָס זעלבע, צעשמייכלטע, יונגע דינסטמיידל האָט ר׳ זלמנען אַריינגעלאָזט אין אַ לאַנגן, טונקל-באַלויכטענעם קאָרידאָר.

ר׳ זלמן איז געבליבן איינער אַליין אין אַ האַלב-פינצטערן קאָרידאָר מיט דעם מיידל. אים איז באַפאַלן אַ שרעק. דער אייגע־נער ר׳ זלמן, וואָס פלעגט אַזוי מיט איין פּאָר מיט דער האַנט אַוועקמאַכן אַלע ווייבער, דער ר׳ זלמן, וואָס צוליב ביטול צו ווייבער האָט ער פאַרלאָזט אונדזער שטוב און אַוועקגעגאַנגען פון אונדזער טיש, וועלכן ער אַליין האָט געהאַלטן פאַר אַן אייגע־נעם, אַט דער ר׳ זלמן האָט איצט בפירוש געזען, אַז דאָס יונגע דינסטמיידל לאַכט פון אים. אים איז געוואָרן מוראַדיק אומהיימ־לעך. ער האָט געזוכט אַן אָרט ווו צו אַנטלויפן. ער האָט זיך אָנגע־הויבן שאַרן אויף צוריק, אין דער ריכטונג פון דער טיר. אָבער דאָס דינסטמיידל האָט מיט אַ באַפעלערישן טאָן אים געהייסן אויסטאָן דעם פּאַלטן. ער האָט איר געפאָלגט. זי האָט אים אָבער נישט געלאָזט אויפהענגען דעם פּאַלטן אויפן הענגער, ווו ס׳זענען

געהאָנגען די פּאַלטנס פון די הערשאַפטן, נאָר אים אָנגעוויזן אויפן ווינקל פון קאָרידאָר, ווו ס'איז געשטאַנען אַ קעסטל, וואָס האָט פּאַרדעקט דעם גאַזאָמעטער (גאַז־זייגער). דאָרט, אויף דעם קעסטל, אין דעם פינצטערן, אָפּגעזונדערטן ווינקל, דאָרט האָט זי אים געהייסן אַוועקלייגן זיין פּאַלטן. און אַזוי האָט ער געטון.

זי האָט געעפנט אַ טיר אין אַ קליין וואַרטע־צימער אַריין. דאָס דינסטמיידל איז געגאַנגען פאָרויס און נאָך איר ר' זלמן. פון דאָרט האָט זי אים אַריינגעפירט אין אַ העל־באַלויכטענעם עס־צימער. זי איז נאָך אַלץ געגאַנגען פאָרויס און ערשט נאָך איר ר' זלמן. אים איז דערפון געוואָרן מוראדיק שלעכט, ער האָט זיך גע־פילט אינגאַנצן פאַרלוירן. ענדלעך האָט ער דערזען ר' שמואלן. ר' זלמן האָט טיף אָפּגעעטעמט און קוים אַרויסבאַקומען פון זיך אַ „גיט שבת".

אין אַ גרויסער שטוב, וואָס אירע ווענט זענען ביז אין דער העלפט געווען אַרומגענומען מיט אַ טונקעלער באַאַזעריע און אין דער הייך באַקלעפּט מיט שווערע, דיקע, ברוינע טאַפּעטן, איז ביי אַ לאַנגן טיש, אַרום וועלכן ס'זענען געווען אַרומגעשטעלט הויכע, געבעטע שטולן, געזעסן אין אַ פאַטער־שטול ר' שמואל. די הויכע, וואַנט פון דעם פאַטער־שטול האָט אים אינגאַנצן פאַרשטעלט פון הינטן, אפילו דאָס היטל אויף זיין קאָפּ האָט מען נישט אַרויסגע־זען. ר' זלמנען איז אויסגעקומען אפילו אין עסצימער דורכצומאַכן אַ שפּאָר שטיקל וועג אונטער דער פירערשאַפט פונעם דינסט־מיידל ביז ער האָט שוין קוים דערזען ר' שמואלן. דער לעצטער האָט שטיל געענטפערט אויף ר' זלמנס „גיט־שבת" און אים מיט אַ פאַמעלעכער האַנט־באַוועגונג אָנגעוויזן אַן אָרט ביים טיש פון דער לינקער זייט, צווישן זיינע צוויי זין.

ר' זלמן האָט זיך אַוועקגעזעצט און דערזען אַנטקעגנאיבער זיך אַ באַנדע איבערגעוואַקסענע מיידן, וואָס האָבן געקוקט אויף אים מיט אַ הוזקעוואַטן נייגער, נישט אַראָפּנעמענדיק פון אים קיין אויג, און לעבן זיך, פון ביידע זייטן, האָט ער געזען דאָס

ערשטע מאָל ר׳ שמואלס צוויי דערוואַקסענע זין, וואָס זענען ביידע געווען גילוחים.

דער „שלום עליכם״, וואָס ר׳ זלמן האָט געזאָגט פֿאַרן קידוש האָט שוין נישט געהאַט נישט דעם טעם און נישט דעם קלאַנג, וואָס ער האָט געהאַט ביי אונדז, ווו ער איז געזעסן ברייט און זיך ברייווחדיק געשאָקלט אין ביידע זייטן, אויף לינקס און אויף רעכטס. איצט איז ער געזעסן איינגעקלעמט צווישן ר׳ שמואלס צוויי זין. האָט ער זיך אַ בייג געטון אויף רעכטס, האָט ער זיך אָנגעקלאַפּט אין איין גילוח, האָט ער זיך אַ בייג געטון אויף לינקס, האָט ער זיך אָנגעקלאַפּט אין צווייטן גילוח. איז אים געווען ענג די וועלט. ער האָט געמאַכט קידוש מיטן אַלעקסאַנדער ניגון און לויטן דאָרטיקן נוסח, הויך און וואָרט ביי וואָרט. דער קידוש האָט דווקא יאָ געמאַכט אַ שטיקל רושם און דערוועקט אַ ביסל דרך־ארץ צו אים. אָבער ווען ר׳ זלמן האָט ביים „אזמר בשבחין״ זיך פּרובירט פֿונאַנדערגיין מיט דעם ווורקער ניגון, פּאַטשנדיק מיט די הענט, האָט ער דערזען די שפּאָטישע בליקן פֿון ר׳ שמואלס טעכטער און הינטער זיינע פּלייצעס האָט ער דערפֿילט ווי די צוויי גילוחים דזשאָרגען זיך מיט די הענט.

מען האָט דערלאַנגט דאָס עסן. פּרייטיק־צונאַכטס, ווען די פּולמיסקעס זענען געווען פֿול מיט פֿלייש און פֿיש, ווען קיין יויך האָט נישט געפֿעלט און אונטער דער יויך איז אויך געווען לרוב, האָט ר׳ זלמן באַקומען צו עסן צו דער זעט, כאָטש נישט בשפֿע, ווי ער איז געווען געוווינט.

שבת אין דער פֿרי, ווען ר׳ זלמן איז צוזאַמען מיט ר׳ שמואלן געקומען פֿון שטיבל און זיך געזעצט צום טיש מאַכן קידוש, האָט ער מיט די אויגן געזוכט דאָס פֿלעשל מיטן ספּירט. ער פֿלעגט שטענדיק מאַכן קידוש איבער אַ בעכער פֿינף־און־ניינציקער. ר׳ זלמן האָט ליב געהאַט צו גיסן דעם ספּירט פֿון אַ פֿלעשל, ער האָט נישט געהאַט קיין צוטרוי צו די אַלע מינים קאַראַפֿקעס. ער האָט אָבער קיין פֿלעשל אויפֿן טיש נישט געזען. אַנשטאָט אַ פֿלעשל איז אויפֿן

טיש געשטאַנען אַ קאַרבירטע קאַראַפקע מיט אַ העל-געלער פלי-סיקייט און אויף דעם דנאָ זענען אַרומגעשווומען שטיקלעך ציט-רין-שאָלעכץ.

ר׳ זלמן האָט זיך געפרעגט וואָס דאָס איז. מען האָט אים געזאָגט, אַז דאָס איז געשטעלטער בראָנפן. פאַר ר׳ זלמנען איז געמישטער ספּירט מיט וואַסער געווען ערגער ווי שעטנז. ער האָט זיך געפרעגט, צי איז נישטאָ אין שטוב אַ ריין ביסל ספּירט. ר׳ שמואל האָט אים געענטפערט, אַז ער נוצט דאָס נישט, ווי נאָר ער קויפט אַ פלעשל ספּירט שטעלט ער עס באַלד מיט וואַסער. ר׳ זלמן איז געווען אויסער זיך. בלית ברירה האָט ער געמאַכט קידוש איבער דעם געשטעלטן בראָנפן. ער האָט זיך אויף אַ רגע פאַרטראַכט, וואָס ער זאָל פריער מאַכן, אַ שהכל, צי אַ מזונות. ביי ספּירט האָט אים קיינמאָל נישט געאַרט די קשיא. ספּירט איז ביי אים שטענדיק געווען בילכער ווי דאָס טייערסטע געבעקס. פון געוווינהייט האָט ער אויך איצט געמאַכט פריער אַ שהכל. ער האָט זיך געגאָסן דעם געשטעלטן בראָנפן אין האַלדז אַריין ווי אַ ביטערע רפואה. ספּירט פלעגט ער טרינקען פּאַמעלעך, נישט אַזוי ווי עס טוען די געוויינלעכע טרינקערס. איך האָב שטענדיק באַוווּנדערט, ווי אַזוי ר׳ זלמן גיסט זיך דעם ספּירט אויף די יאַסלעס, האַלט אים לאַנג אין מויל און דאָס אַרט אים לגמרי נישט. זיינע יאַסלעס זענען אַפּנים שוין געווען אַזוי אַדורכגעברענט, צוגע-וווינט צו ספּירט, אַז ער האָט אים געקאָנט האַלטן ווי לאַנג אין מויל און אים איז עס גאָרנישט אָנגעגאַנגען. איצט, ווען ער האָט זיך געהאַט אַריינגעגאָסן דעם געשטעלטן בראָנפן אין האַלדז, האָט ער געוואָלט נעמען עפּעס צו פאַרבייסן. ער האָט אָבער אויפן טיש נישט געזען דעם קליאַש מיט לעקעך און קיכלעך ווי ביי אונדז. אויף אַ קליין קיילעכיק טעלערל, וואָס איז געשטאַנען לעבן אים, זענען געלעגן דריי „באַדיאַנקעס”, טונקעלע, אַפּנים געקויפטע. ר׳ זלמן האָט געמאַכט אַ „מזונות” און געוואָלט איבערברעכן דאָס קיכעלע און זיך אַריינלייגן אַ שטיקל אין מויל אַריין. אָבער דאָס

קיכעלע איז געווען אַזוי האַרט, אַז ער האָט עס בשום אופן נישט געקאָנט איבערברעכן. ער איז געווען מלא חמה אויף דעם קאַרגן גביר, וואָס פאַרגינט זיך נישט אפילו אויף שבת אָפּצובאַקן עפּעס צום קידוש. ער האָט קוים מיט זיינע שוואַכע ציין אָפּגעביסן אַ שטיקעלע קיכל, וואָס ער האָט געטונקען אין בראַנפן, אַבי נישט צו האָבן געמאַכט קיין ברכה לבטלה. אים איז שוין געווען דערווי־דער דער גאַנצער עסק. ער האָט שוין חרטה געהאַט אויף דעם, וואָס ער איז באַשטאַנען צו גיין שבת עסן ביי ר׳ שמואלן.

מען האָט אים געהייסן זיך גיין וואַשן. ער איז צוגעגאַנגען צום וואַשטיש, וואָס איז געשטאַנען אין ווינקל פון גרויסן עסצי־מער און זיך אָפּגעגאָסן די הענט מיט צוויי שעפּערס וואַסער. פּלוצים האָט ער דערפילט ווי עמעצער ציט אים ביים אַרבל. ער האָט דערזען ווי דאָס פריילעכע דינסטמיידל שטייט לעבן אים און שטופּט אים אין די הענט אַריין אַ קליין, ראַציק האַנטעכל, מן־הסתם פון דער קיך, אָפּצווישן די הענט. זיין כעס איז געוואָרן וואָס אַמאָל גרעסער. פון גערייצטקייט און עמפּערונג האָט ער אַריינגעשריגן דעם „שאו ידיכם״ און די ברכה „על נטילת ידים״ גלייך דעם מיידל אין פּנים אַריין. זי האָט מיטאַמאָל אויפגעהערט שמייכלען און אָנגעהויבן קוקן אויף דעם משונהדיקן ייד מיט שרעק און מיט נייגער. ר׳ זלמן איז אַ פאַרכמורעטער צוגעגאַנגען צום טיש. די געקויפטע שטריצלען, וואָס פרייטיק־צונאַכטס האָבן זיי נאָך געהאַט דעם טעם פון פריש געבעקס, האָבן איצט זיך געקלעפּט אין מויל ווי ליים. ער האָט לאַנג געקנעטן מיט דער צונג דעם ביסן פון דער המוציא, ביז ער האָט אים געקאָנט אַראָפּשלינ־גען. ער האָט זיך דערמאָנט אין מיין מאַמעס געפלאָכטענע חלות, וואָס האָבן שבת אין דער פרי געשפּילט מיט דער געלקייט פון אייער און געגלאַנצט מיט פריילעכע פנימלעך פון די פלעכטן. ער האָט געגעסן די געקויפטע שטריצל ווי אַ שווער אָפּקומעניש. מען האָט אַוועקגעשטעלט לעבן אים אַ לענגלעך טעלערל. אויף דעם טעלערל איז געלעגן אַ קאָפּ פון אַ הערינג און איין דין מיטל־

שטיקל און דערנעבן שטיקלעך אָנגעשניטענע ציבעלע. ר׳ זלמן איז נישט געווען געוואוינט מען זאָל אים צוטיילן אַ שטיקל הערינג. זיין כעס איז געוואַקסן, ער האָט זיך איינגעהאַלטן מיט אַלע כוחות, בכדי נישט אַרויסצוּווייזן זיין צאָרן. ער האָט אויפגעגעסן דאָס מיטעלע שטיקל הערינג, אָבער דעם קאָפּ נישט אָנגערירט. ר׳ זלמן האָט אויסגעצויגן די האַנט און גענומען די קאַראַפּקע זיך אָנצו־גיסן אַ גלעזל בראָנפן. כאָטש דער געשטעלטער בראָנפן איז אים געווען דערווידער, אָבער זיין כעס איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט געפילט אַז ער מוז עפּעס טרינקען. דאָס אויסציען די האַנט און דאָס אַליין זיך נעמען די קאַראַפּקע מיט בראָנפן האָט אַרויס־גערופן ביי אַלע, וואָס זענען געזעסן ביים טיש, גרויס פאַרוואונדע־רונג. זיי זענען גאָרנישט געוואוינט געווען צו אַזאַ דרייסטן אורח. מען האָט דערלאַנגט צום טיש דעם פולמיסעק מיט פיש, וואָס איז שוין איצט געווען נאָר האַלב באַלייגט מיט גרעסערע און קלענע־רע שטיקלעך. ביי איין טעלער האָט זיך די באַלעבאָסטע לאַנג געפּאָרעט. זי האָט אים אָוועקגעשטעלט לעבן ר׳ זלמנען, און ר׳ זלמן האָט דערזען ווי אויף אַ מיטעלער־גרייס טעלער ליגט אַ הויכער באַרג מיט מייערן, מיט שטיקלעך צעקאָכטער ציבעלע, מיט שטיקלעך פּיעטרושקע און פון אונטער דעם הויכן באַרג שאַר־ירקות קוקט נעבעכדיק אַרויס אַ ווידל פון אַ פיש.

ר׳ זלמן איז געוואָרן רויט ווי פייער, דערנאָך גרוי, דערנאָך אינגאַנצן ווייס, ווי בעת אַ חלשות, דערנאָך ווידער געל. ער האָט מיט אַ ציטערדיקער האַנט אָפּגערוקט פון זיך דעם טעלער און עפּעס אָנגעהויבן מורמלען מיט די ליפּן.

ר׳ שמואל האָט געמיינט, אַז ר׳ זלמן זאָגט זמירות. אים איז אפילו געווען אַ וווּנדער וואָס ר׳ זלמן זאָגט די זמירות מעשה מתנגד און זינגט נישט. אָבער פּלוצים האָט זיך ר׳ זלמן אויפגע־שטעלט, אָוועקגערוקט אַ ביסל זיין שטול, צוגעגאַנגען צום וואַש־טיש, באַגאָסן די שפּיץ־פינגער מיט וואַסער, צוריקגעגאַנגען, זיך אָוועקגעזעצט ביים טיש און אָנגעהויבן בקול רם: „ברוך הוא

וברוך שמו. ברוך אתה א׳ אלוהינו מלך העולם הזן את העולם כולו בטובו בחן״...

פון די הויכע ווערטער פון ר׳ זלמנס בענטשן איז אַ שרעק געפאַלן אויף ר׳ שמואלן. אַלע ביים טיש זענען פאַרשטומט געוואָרן. פון קיינעמס מויל איז נישט אַרויס דער מינדסטער קלאַנג. אַלע זענען געזעסן מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם. אפילו דאָס דינסט-מיידל, וואָס איז גראָד אַריינגעקומען עפּעס דערלאַנגען, איז, כאָטש נישט ווייסנדיק וואָס דאָ טוט זיך, געבליבן שטיין אַ פאַרכאַפּטע אין דערוואַרטונג אויף עפּעס וואָס דאַרף געשען. ר׳ זלמן האָט געבענטשט פאַמעלעך, וואָרט ביי וואָרט. זיין פּנים איז געווען צוזאַמענגעצויגן, די אויגן פאַרמאַכט, בלויז די ליפּן האָבן זיך האַלבקיילעכיק באַוועגט, ווי זיי וואָלטן אַרויסגעשיילט פון מויל אַרויס די ווערטער. ס׳האָט געדויערט זייער לאַנג דאָס בענטשן און ווען ר׳ זלמן האָט אויסגעלאָזט מיט די ווערטער „א׳ יברך את עמו בשלום״, האָט ער זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט צו ר׳ שמואלן אַזוי:

— העיער שמואל, די גמרא זוגט, ר׳ יוחנן ור׳ אלעזר דאמרי תרוייהו, ר׳ יוחנן און ר׳ אלעזר האָבן גיזוגט ביידע, כל זמן שבית המקדש קיים, כל זמן דער בית-המקדש איז געשטאַנען, מזבח מכפר על ישראל, האָט דער מזבח מכפר געווען אָף די יידן, ועכשיו, אין יעצט, שלחנו של אדם מכפר עליו, אין יעצט טיט דער טיש פין מענטש מכפר זאַן אָף אים. יעדער יידישער טיש איז אַזוי אַרים אַ מזבח אין דער אורח איז דער קרבן ווום איז מכפר אָף דעם מזבח. דאַרף יאָך עסן דאַן ווײַדל פין פיש, — האָט געצויגן ווייטער ר׳ זלמן מיט אַ הויכן גמרא-ניגון, — דאַרף יאָך עסן דאַן ווײַדל אין זאַן דאַן כפרה, פרעם די אַליין דעם ווײַדל אין זאַ די מאַן כפרה...

אָפּגעזאָגט דעם שפּרוך איז ר׳ זלמן אַרויס פון דער שטוב און צוגעהאַקט הינטער זיך די טיר...

* * *

וואָס ס׳האָט זיך געטון ביי ר׳ שמואלן אין שטוב נאָכדעם ווי ר׳ זלמן איז אַוועקגעגאַנגען, ווייסט קיינער נישט. שכנים האָבן דערציילט, אַז זיי האָבן בשעת דעם עסן געהערט אַ שטאַרקן געבראַזג פון צעבראָכענע כלים. ר׳ שמואל האָט שפּעטער אַ לענגערע צייט אינגאַנצן אויסגעמיטן צו רעדן מיט מיין טאַטן, אַזוי ווי ער וואָלט עפּעס אין דעם, וואָס איז געשען, שולדיק געווען. פאַר ר׳ זלמנען פלעגט ר׳ שמואל אַנטלויפן ווי פאַר אַ נישט-גוטן. ר׳ זלמן האָט אויך קיינמאָל מיט קיין וואָרט זיך נישט אַרויסגעכאַפּט וואָס ס׳איז געווען ביי ר׳ שמואלן און וואָס ער האָט אים אַריינגעזאָגט. נאָר איינמאָל אין אַ פּורים, ווען ר׳ זלמן איז געווען אויפגערוימט, גוט אויפגעלייגט און אַביסעלע בגילופין, האָב איך ביי אים אָפּגעקויפט דעם סוד פאַר צוויי פּעקלעך פּאַפּיראָסן „עגיפּסקיע". מיר האָבן דעמאָלט ביידע זייער אַ סך געלאַכט און ר׳ זלמן האָט מיט גרויס הנאה געלאָזט פון מויל און פון דער נאָז זיילן אַראָמאַטישן רויך פון די פּאַפּיראָסן, וואָס ער האָט כשר פאַרדינט...

תקיעת כף

א.

ר׳ זלמנען האָט זיך פּלוצים פאַרגליסט צו האָבן געלט.

אַלץ הייסט פאַרגליסט! דאָס איז נישט געווען סתם אַ פאַר־גליסטעניש, נאָר עפּעס אַ ווילדער חשק צו געלט האָט ר׳ זלמנען אַרומגעכאַפּט און אָנגעזעצט זיך אויף אַלע זיינע מחשבות און חושים, אים נישט אָפּגעלאָזט אויף קיין רגע, נישט געגעבן אים קיין מנוחה. אַ משונהדיקע תשוקה, אַ געוואַלטיקער באַגער האָט זיך פונאַנדערגעלייגט ביי אים אויפן האַרץ און מוח און גענאָגט ווי אַ באַנד־וואָרעם. ס׳האָט אים אַזוי געצויגן צו געלט, ער האָט געהאַט אַזאַ באַגער, ווי גרוים ס׳איז אַמאָל דאָס גלוסטעניש פון אַ זכר צו אַ נקבה.

ר׳ זלמן האָט זיך נישט אָפּגעגעבן קיין קלאָרן חשבון צו וואָס ער דאַרף געלט און וואָס וועט ער מיטן געלט טון. זיין דמיון האָט פאַר אים נישט געמאָלן קיין בילדער פון רייכקייט. ער האָט אים נישט געוויזן, ווי אַזוי וועט ער, זלמן, אויסזען, ווען ער וועט האָבן געלט. ווי אַזוי וועט ער וווינען, וואָס וועט ער עסן און ווי אַזוי וועט ער זיך אויפפירן, ווי אַזוי וועט זיין זיין גאַנץ התנהגות. וועגן דעם אַלעם האָט ר׳ זלמן נישט געטראַכט. ער איז געוואָרן באַהערשט פון דער נאַקעטער תאווה צו געלט. דער יצר הרע האָט זיך אָנגעטון אין אַ לבוש פון זילבערנע און גאָלדענע מטבעות און געמאַניעט ר׳ זלמנען ביי טאָג און ביי נאַכט מיט זייער קלאַנג און בליאַסק.

ר׳ זלמן איז אַרומגעגאַנגען אַ צעמישטער. דער יצר הרע פון געלט האָט אים מבלבל געווען דעם מוח, געמאַכט אַ תל פון אַלע זיינע מחשבות. האַלבע טעג פלעגט ער איצט אָפּזיצן אין טלית און תפילין און נישט געקאָנט מכוון זיין אפילו צו אַ תפילה קצרה. דער אַזוי אויך דאַרער ר׳ זלמן האָט איצט באַקומען אַ פּנים גרויס ווי אַ גרוגרת דרבי צדוק. זיינע מיט רויט געליאַמעוועטע אויגן האָבן געברענט מיט אַ העליש פייער. נישט זייענדיק קיינמאָל קיין מעורב בין הבריות איז ער אָבער איצט געוואָרן אַזאַ כעסן, אַז מען האָט קיין רגע נישט געקאָנט איינשטיין אין זיינע ד׳ אמות.

דער עולם אין אַלעקסאַנדער שטיבל, ווו ר׳ זלמן האָט גע־טאָגט און גענעכטיקט, האָט זיך געכאַפּט אַז מיט אים טוען זיך אָפּ עפּעס נישט קיין געוויינלעכע זאַכן. אָדער וואָס און ווען — האָט קיינער נישט געוווּסט. ווען אימיצער פון די חסידים האָט פּרובירט מיט ר׳ זלמנען אַ שמועס טון וועגן זיין מצב, איז ר׳ זלמן אַריינגעפאַלן אין אַזאַ כעס, אַז ער האָט געשאָלטן און געזידלט כאחד הריקים.

טייל חסידים פון שטיבל האָבן מרמז געווען אַז ר׳ זלמן איז אַ שרוי בלי אישה, לא עלינו. אָבער ר׳ זלמן איז שוין געווען אַ ייד אַ בן שבעים. קיינער האָט נישט געדענקט ווען ער האָט אַמאָל געהאַט אַ ווייב. און ס׳האָט זיך נישט געלייגט אויפן שכל, אַז גראָד איצט, אויף דער עלטער, זאָל אים האָבן אָנגעכאַפּט די תאוות נשים...

טייל חסידים האָבן געזאָגט, אַז אין ר׳ זלמנען איז אריין א דיבוק. אַנדערש פאַרשטייען זיי נישט זיין התנהגות, אַנדערש קאָנען זיי נישט באַנעמען וואָס איז מיט אים פּלוצים געשען. חסידים וואָס זענען דורך דער צייט געפאָרן צום רבין קיין אַלעק־סאַנדער, האָבן זלמנען מזכיר געווען פאַרן רבין. אָבער אין ר׳ זלמנען האָט מען נישט געזען קיין שום שינוי, קיין שום ענדע־רונג, ער איז געווען אינגאַנצן ווי מבולבל און מיט קיינעמען נישט גערעדט.

ר׳ זלמן אַליין האָט געפילט אַז דער גאַנצער ענין מיטן חשק צו געלט איז מעשה שטן. ער האָט געזען בחוש ובעין אַז די תשוקה צו געלט מאַכט אים גאָר פאַר א יורד. ער האָט זיך געפילט ביי זיך שפלדיק, ווי ער וואָלט מיט איינמאָל אַראָפּ פון אַלע מדרגות, אַריינגעפאַלן אין קטנות המוחין. אָבער העלפן דערצו האָט ער זיך נישט געקאָנט. באַפרייען זיך פון חשק צו געלט איז ער נישט געווען בכוח.

דער עולם אין אַלעקסאַנדער שטיבל, ווו ר׳ זלמן האָט גע־טאָגט און גענעכטיקט, איז געווען אויסערגעוויינלעך נייגעריק צו וויסן וואָס מיט ר׳ זלמנען איז געשען, אָבער אַמיינסטן טשע־קאַווע איז געווען איטשעלע קובאַץ, דאָס קליינע דאַרע יידעלע מיטן רויטן בערדל, ווי דער פלאַם פון אַ נשמה־ליכט. אָט, דער אי־טשעלע, וואָס פלעגט ר׳ זלמנען דערקוטשען, האָט איצט נישט אויפגעהערט אַרומצוקרייזן אַרום אים. ווי נאָר איטשעלע איז גע־קומען אין שטיבל אַריין, האָט ער זיך שוין געפונען נעבן ר׳ זלמ־נען. און כאָטש ר׳ זלמן האָט אים געטריבן פון זיך, באַוואָרפן אים מיט קללות און חרמות, איז ער פון אים נישט אָפּגעטרעטן, געהיטן יעדן זיין טריט, אונטערגעהערט יעדעס זיין וואָרט. ער איז אים נאָכגעגאַנגען ווי אַ שאָטן.

איינמאָל אין אַ פאַרנאַכט איז ר׳ זלמן געזעסן אין שטיבל און אינגאַנצן אַ צעבראָכענער געזאָגט תהילים. ר׳ זלמן האָט לעצטנס אָפט געזאָגט תהילים. ווען ער איז געווען איינער אַליין אין שטיבל, האָט ער געזאָגט דעם תהילים, ווי עס פלעגט אים זאָגן דער מיטעלער אַלעקסאַנדער רבי, זכר צדיק לברכה. ווען דער מיטעלער רבי האָט זיך גענומען זאָגן תהילים ביי זיך אין חדר, פלעגט ער נעמען דעם תהילים אין דער לינקער האַנט, אַראָפּלאָזן דעם רעכטן אַקסל ביז אין דער העלפט פון זיין הויכן און דאַרן גוף, און אַזוי אַ משונהדיק איינגעבויגענער און צעבראָ־כענער, גיין אַהין און צוריק איבערן חדר און זאָגן דעם תהילים מיט אַזאַ דביקות, אַז עס האָט געקאָנט רירן אַ שטיין.

ווי געזאָגט פלעגט לעצטנס ר׳ זלמן, ווען ער איז געווען אליין אין שטיבל, זאָגן אויף אַזאַ אופן דעם תהילים. צו תהילים האָט ר׳ זלמן נישט באַדאַרפן ספּעציעל מכוון זיין. דער תהילים האָט אים געפירט אַזוי איידל און צאַרט, ווי אַ קינד, וואָס פירט אַ בלינדן איבער אַ וועג פול מיט שטרויכלונגען. דאָס מאָל, וועגן וועלכן עס ווערט דאָ גערעדט, איז געווען בין מנחה למעריב, ס׳איז אין שטיבל געווען אַן עולם, האָט זיך ר׳ זלמן נישט אַרומ־געדרייט, נאָר געזעסן ביים טיש און געזאָגט תהילים.

ער האָט געזאָגט דעם יום פון שבת. ווען ר׳ זלמן איז צוגע־קומען צום קאַפּיטל קט״ו און געזאָגט „עצביהם כסף וזהב״, האָט ער זיך פון די ווערטער „כסף וזהב״ נישט געקאָנט אָפּרייסן. ער האָט זיי איבערגעחזרט צענדליקער מאָל: כסף וזהב... כסף וזהב... אָן אויפהער און אָן אַ סוף, ווי ער וואָלט אריין אין אַ זומפּ פון וועלכער ער קאָן נישט אַרויס.

דאָס דאַרע יידעלע, איטשעלע קובאַץ, וואָס איז געזעסן די גאַנצע צייט אַ באַהאַלטענער אונטער ר׳ זלמנס פּלייצעס, האָט געגעבן אַ שפּרינג אויף ווי אַ קאַץ, זיך אַוועקגעשטעלט אויף די שפּיץ פינגער פון זיינע דאַרע פיס, ווי ביי אַ שד, און אַריינגע־שריגן ר׳ זלמנען גלייך אין פּנים אַריין:

— העינאַ, זלמן! ווּם האָסטי זעך עפּעס אָנגעטשעפּעט צי דעם כסף וזהב פון די גויישע געטשעם! זלמן, לאָז אָפּ דעם כסף וזהב! ווּעם טיט זיך מיטאַ, זלמן!

ר׳ זלמן האָט זיך אויפגעשטעלט. זיין איינגעשרומפּן פּנים, ווי אַ גרוגרת דר׳ צדוק, האָט זיך מיטאַמאָל אויסגעגליכן ווי אַ שוואָם, וואָס האָט זיך מיט איין מאָל אָנגעזאַפּט פול מיט וואַסער. ער האָט אויפגעהויבן אַ פּאָר געביילטע פויסטן. אָנגעשטעלט זיינע מיט רויט געליאַמעווטע אויגן, וואָס האָבן געברענט מיט אַ העליש פייער, אויף איטשעלען און אויסגעשריגן:

— כסף מטהר ממזרים און אַ חסידישן ייד אוודאי און אוודאי! כ׳וויל געלט! געלט, געלט!!!

דער עולם האָט געקוקט אויף ר׳ זלמנען אַ דערשראָקענער, ווי ר׳ זלמן וואָלט חלילה מטורף געוואָרן...

ב.

האָט שוין דער עולם בכן געוווּסט, אַז אין ר׳ זלמנען האָט זיך באַזעצט די קליפּה פון געלט. געלט איז געוואָרן דער הויפּט־ענין אין די שמועסן וואָס די חסידים פלעגן אין שטיבל פירן צווישן זיך. אַמיינסטן האָבן גערעדט וועגן געלט די אָרעמעלייט.

מען האָט שוין צום וויפלסטן מאָל איבעדערציילט די מעשה פון ר׳ מענדל קאָצקער, ווי אַזוי ער האָט אַמאָל געזאָגט צום רבין ר׳ בונעם: געלט? געלט, פע! און דער רבי ר׳ בונעם האָט שפּע־טער דערציילט, אַז נאָך ר׳ מענדלס „פע", האָט ער דרייסיק טעג זיך געמיאוסט צו נעמען אַ מטבע אין דער האַנט אַריין. מען האָט גערעדט וועגן דעם, ווי אַזוי ס׳האָט געקוקט אויף עשירות דער־חוזה פון לובלין און ווי אַזוי דער קאָזשעניצער מגיד. מען האָט זיך דערציילט, ווי אַזוי דער רבי פון לובלין פלעגט אָנזאָגן זיינע גבי־רישע חסידים, אַז טאָמער וועט זיי אויסקומען פאַרבייצופאָרן קאָזשעניץ, זאָלן זיי חלילה נישט אַריינגיין צום מגיד, ווייל ער קאָן מיט איין ביטולדיקן מאַך מיט דער האַנט צונישט מאַכן זייער גאַנץ עשירות, ווי דאָס איז שוין נישט איינמאָל געשען. זיי האָבן גערעדט וועגן דעם חילוק צווישן ר׳ נחום טשערנאָבילער און ר׳ מאָטעלען, ווי אַזוי דער טאַטע, ר׳ נחום, האָט געהאַלטן פון עניות און זיין זון, ר׳ מאָטעלע, האָט געהאַלטן פון עשירות. מען האָט גערעדט וועגן דער התנהגות פון די ריזשינער קינדער וואָס האָבן זיך געפירט ווי די פּריצים.

די מער „וועלטלעכע" חסידים האָבן דערציילט מעשיות וועגן יאַן בלאָך, וועגן ר׳ מאיר אַנשל ראָטשילד און וועגן דעם שר ר׳ משה מאָנטעפיאָרע.

פון די אַלע שמועסן אין שטיבל וועגן געלט האָט אָבער ר׳ זלמן קיין שום פּעולה נישט געהאַט. ער פלעגט זיך צו זיי אפילו

נישט צוהערן. ער איז פון טאָג צו טאָג געוואָרן איינגעשרומפּע־נער. ער איז איינגעגאַנגען. מען האָט געזען אַז דער ייד גייט חלילה אוים ווי אַ ליכט.

אָבער פונוואַנען האָט ר׳ זלמן געקאָנט האָבן געלט, אַז קיין פאַבריקאַנט איז ער נישט געווען, קיין סוחר אויך נישט. ער איז אפילו נישט געווען קיין מעקלער. ער האָט נישט געהאַט צו טון מיט קיין שום זאַך, וואָס קאָן האָבן דעם מינדעסטן שייכות צו געלט.

האָבן זיך עטלעכע חסידים פון שטיבל צונויפגעלייגט אַ פּאָר רובל און געעצהט ר׳ זלמנען ער זאָל קויפן אַ לאָטעריע־צעטל. אפשר וועט טאַקע אַרוים דאָס גרויסע געווינס. און אויב נישט דאָס גרויסע, וועט אפשר אַרוים אַ קלענער געווינס. אויב ר׳ זלמנס תשוקה צו געלט איז אַזוי גרויס — מוז דאָך עפּעס זיין דערין.

אָבער ר׳ זלמן האָט אפילו נישט געוואָלט הערן דערפון. ער איז געווען בטבע אַ מוראדיקער חשדן. ער האָט קיינעמען נישט געטרויט. נישט נאָר האָט ער נישט געוואָלט געטרויען דאָס געלט פאַרן צעטל די יידישע לאָטעריעס וואָס זענען געווען ביי די רבישע הייף, ווי די גערער, אַלעקסאַנדער, לובלינער צי פּילצער, נישט נאָר האָט ער נישט געוואָלט געטרויען די לאָטעריעס פון האַנדעלם־מאַן אָדער מיכאל עליען, נאָר אפילו דער רוסישער מלוכה־לאָטע־ריע האָט ער אויך נישט געוואָלט געטרויען, אפילו דעם רוסישן קייסער אַליין האָט ער די פּאָר קערבלעך פאַרן צעטל נישט געוואָלט אַנטרויען, אַזאַ חשדן איז ער געווען.

איז מיט ר׳ זלמנען רחמנא ליצלן געווען גאָר ביטער, ממש לאחר יאוש...

ביז איינמאָל ביים זאָגן תהילים איז ר׳ זלמנען איינגעפאַלן אַ גליקלעכער געדאַנק. ער האָט מיט איינמאָל אויפגעשטראַלט. די פּשטות פון דעם איינפאַל האָט אים פאַרבליפט און איינצייטיק פאַרוווּנדערט. ער האָט נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס דאָס איז אים ביז איצט נישט געקומען אויפן געדאַנק. ער האָט זיך נישט געקאָנט

Kolnik

שענקען דאָס, וואָס ער האָט זיך געמוזט אַזוי מאַטערן ביז ער איז געקומען אויף דעם רעיון.

און דער איינפאַל איז געווען ביז גאָר אַ פּשוטער, פּשוט בתכלית הפּשטות. ר׳ זלמנען איז איינגעפאַלן, אַז ער קאָן דאָך ווערן אַ שדכן. אַ שדכן דאַרף גאָרנישט האָבן, נאָר אַביסל שכל און מזל. איין צד דאַרף האָבן דאָס מיידל, דער אַנדערער — דאָס יינגל. איין צד דאַרף האָבן אַ גרויסן נדן, דער צווייטער — אַ קלענערן. איין צד דאַרף האָבן אויף כלה־מתנות, דער צווייטער — אויף חתן־מתנות. אָבער דער שדכן, ווי געזאָגט, דאַרף גאָרנישט האָבן, אַחוץ אַ ביסל שכל און אַ קאַפּעלע מזל. מילא שכל, האָט ר׳ זלמנען נישט געפעלט. אויף זיין שכל האָט ער, על כל פּנים, זיך געקאָנט פאַרלאָזן. אלא וואָס, מזל? — דאָס, זעט איר, איז אַ הימל־זאַך, דאָ מוז מען זיך שוין איינגאַנצן פאַרלאָזן אויפן בורא עולם. און וואָס־וואָס, נאָר קיין בטחון האָט ר׳ זלמנען נישט אויסגעפעלט.

ג.

ובכן איז ר׳ זלמן געוואָרן אַ שדכן. מיין טאַטע האָט אים געגעבן זיינס אַ שוואַרצן שטעקן, פון דער קאָלעקציע שטעקנס, וועלכע מיין טאַטע האָט זייער ליב געהאַט און שטאַרק אָפּגעהיטן און מקפּיד געווען אַז פון צייט צו צייט זאָל צו דער קאָלעקציע צוקומען עפּעס אַ נייע כלי מיט אויפטועניש, מיט עפּעס אַ ספּע־ציעל הענטל אָדער מיט גאָר עפּעס אַ וואַזשנע סקיפּקע. מיין מאַמע האָט ר׳ זלמנען געשענקט עטלעכע נאָז־טיכלעך און אונדזער דינסט גענענדל האָט אים אויסגעפּוצט דעם סאַק, וואָס איז אַמאָל געווען שוואַרץ, מיט א גאַנצן טאָפּ פּאַנאַמע.

אין אַ שיינעם, העלן טאָג האָט ר׳ זלמן אָנגעהויבן קומען אין חסידיש־נגידישע הייזער אָנשלאָגן שידוכים.

אומעטום האָט מען ר׳ זלמנען גאָר גוט אויפגענומען. מען האָט געשטעלט צום טיש שיינעם כיבוד. ר׳ זלמן האָט פון גאָר־נישט געוואָלט טועם זיין ביזוואַנען ער וועט נישט געענדי דערציילן

אין וואָס אים גייט. ער האָט געברענגט א ראיה פון דעם עבד אברהם, וועלכער האָט געזאָגט צו בתואל און לבנען, ווען ער איז געקומען אָנשלאָגן זיין האַרס, אברהמס זון, יצחק, פאַר א מאַן פאַר רבקהן, נאָכדעם ווען ער האָט זי געטראָפן ביים ברונעם אין פדן ארם: „לא אכל עד אם דברתי דברי" — האָט דער עבד אברהם געזאָגט, איך וועל נישט עסן ביז איך וועל נישט זאָגן וואָס איך האָב צו זאָגן.

מען האָט ר' זלמנען זייער גוט אויסגעהערט, מיטן גאַנצן ערנסט. מען האָט אים צוגעזאָגט זיך תיכף נאָכצופרעגן, צו נעמען אן אויסקונפט אויף זיין אָנגעשלאָגענעם שידוך. ערשט דעמאָלט האָט ר' זלמן טועם געווען פון דעם כיבוד וואָס מען האָט פאַר אים געשטעלט. ער האָט געגעסן און הנאה געהאַט.

אָבער ווען ר' זלמן איז געקומען דאָס צווייטע מאָל געוואָר ווערן ווי עס האַלט אין דער וועלט מיטן שידוך — איז אָדער דער בעל-הבית נישט געווען אָדער די בעל-הביתטע איז נישט געווען אין דער היים, און דער בעל-הבית האָט געזאָגט, אַז ער האָט נאָך נישט איבערגערעדט מיטן ווייב און קאָן אים, ר' זלמנען, נאָך נישט געבן קיין קלאָרע תשובה. מען האָט ווידער געשטעלט כיבוד, אָבער שוין נישט אַזאַ ברייטן ווי ביים ערשטן מאָל. געווען פאַלן, אַז מען האָט אים נאָר געפרעגט צי ער וואָלט געטרונקען אַ גלאָז טיי.

און ווען ר' זלמן איז געוואָרן צודרינגלעך, האָט אָנגעהויבן אָפט צו קומען, ווען מען האָט ביי אים דערזען סימנים פון כעס, האָט זיך שוין פאַר אים נישט באַוויזן נישט דער בעל-הבית און נישט די בעל-הביתטע, נאָר דאָס דינסטמיידל האָט ר' זלמנען גע-זאָגט, אַז די הערשאַפטן זענען נישט אינדערהיים. ווען ר' זלמן האָט אָנגעהויבן נישט וועלן אָפטרעטן און זיך אַוועקגעזעצט וואַרטן, האָט אים שוין דאָס ווייטערדיקע מאָל דאָס דינסטמיידל באַלד אָפגעשאַפט ביי דער טיר, מלכתחילה שוין נישט אַריינגע-לאָזט אין די שטובן.

ר׳ זלמן איז געווען אויסער זיך. ער האָט געזען און געפילט אַז מען מיידט אים אויס, אַז ווי אַ שדכן האָט ער נישט אויסגע־נומען. ער האָט אָבער גאָרנישט געקאָנט משיג זיין וואָס דאָ איז געשען, פאַרוואָס איז עס אַזוי. אַזוי ווי ער האָט זיך די ערשטע צייט, ווען ער איז געוואָרן שדכן, באַמיט מיט אַלע כוחות צו ווערן מילדער און צוגעלאָזענער, אַזוי איז ער איצט אריינגעפאַלן אין אַזאַ משונהדיקן כעס, געוואָרן אַזוי שלעכט, ביטער ווי גאַל, אַז אפילו ר׳ לייבל, אויך אַן אַלעקסאַנדער חסיד, וואָס האָט געדאַוונט אין זעלבן שטיבל און איז געווען אַ מזג טוב, וואָס פלעגט יעדן אַנטקייגנטראָגן אַ צעשמייכלטן „גוט מאָרגן" און ווער שמועסט נאָך אַ „גוט שבת", און פלעגט שטענדיק נעמען אַן אויסגעשטרעק־טע האַנט מיט זיינעביידע וואַרעמע, גוט־חסידישע הענט, אפילו דער ר׳ לייבל האָט שוין מער ר׳ זלמנען נישט געקאָנט סובל זיין.

ר׳ זלמן אליין האָט טאַקע נישט געוווּסט די סיבה פאַרוואָס די וועלט האָט אים נישט אָנגענומען ווי אַ שדכן, אָבער די אַנדערע חסידים פון אַלעקסאַנדער שטיבל האָבן יאָ געדענקט אַ מעשה שהיה, וועלכע האָט איצט צונישט געמאַכט זיין שדכנישע מערכה.

* * *

געווען איז עס שוין מיט לאַנגע יאָרן צוריק. דאָס גרויסע אַלעקסאַנדער שטיבל אין וואַרשע איז נאָך דעמאָלט געווען אויף די נאַלעווקעס. דאָרט, אויף דעם הויף, האָט געוווינט אַ ייד, וואָס האָט געהייסן אברהם ברוך. געווען איז ער אַ חצי נגיד און אַ חצי חלוש. געהאַט אַ האַלב הויז אין „יענע גאַסן" אין וואַרשע. אַמאָל איז ר׳ אברהם ברוך געווען אַ נאַדאַרזשינער חסיד. אָבער זייט ער איז געוואָרן אַ חלוש איז ער שוין מער צו קיין רבין נישט געפאָרן, טאַקע צוליב זיין חילשות. נאָר ווען קיין וואַרשע פלעגט אַמאָל קומען דער אַלעקסאַנדערער רבי, צי אימיצער פון די ווור־קער אייניקלעך, פלעגט ר׳ אברהם ברוך אַרויפגיין נעמען שלום און שוין בשעת מעשה דערלאַנגען אַ קוויטל מיט אַ פדיון, נישט מעשה חסיד, נאָר סתם מעשה בעל־הבתישער ייד.

געווען איז ר׳ אברהם ברוך נישט קיין גרויסער למדן און אויך קיינמאָל נישט געווען קיין שאַרפער חסיד. ער איז שטענדיק געווען אַ שטילער, אַ צוריקגעהאַלטענער, מען האָט פון אים נישט געהערט קיין הויך וואָרט. מען האָט געזאָגט אויף אים שפּעטער, אַז שוין ווי אַ בחור האָט ער געהאַט אַן איידל געזונט.

ר׳ אברהם ברוך האָט געהאַט אַ ווייב, אַ קליינע, אַ דאַרע און נאָך אַ שטילערע פאַר אים. זיי האָבן געהאַט אַן איינציקע טאָכטער. מער קיין קינדער האָבן זיי קיינמאָל נישט געהאַט.

דאָקטוירים און להבדיל רביים האָבן אים אָפּגעקאָסט אַ האַלב הויז, אַזוי אַז ער איז פאַרבליבן נאָר ביי אַ האַלבס — אָבער צו קיין בן־זכר האָט ער נישט זוכה געווען.

געווען איז ר׳ אברהם ברוכס טאָכטער פון מיטלוווקס, מיט אַ פּאָר ווייסע הענט און מיט אַ ווייסן שטערן אַזויווי געמאַכט פון שניי. זי האָט געהאַט טיפע שוואַרצע אויגן און שוואַרצע ווי פּעך האָר. געווען מלא יידישן חן. זי איז שטענדיק געזעסן אין שטוב און אויסגענייט אויף אַ „טאַמבאָרעק״.

וכשהגיעה לפרקה, און ווען ר׳ אַברהם ברוך האָט באַדאַרפן מיט דער איינציקער טאָכטער זיינער אַ שידוך טון, האָבן זיך געקערט וועלטן. ר׳ אברהם ברוך האָט נישט געזוכט נישט קיין כבוד און נישט קיין געלט. ער האָט נאָר געוואָלט אַ בחור אַ בן־תורה.

איז כאָטש קיין לערן־בחורים, קיין בחורים־לומדים האָבן דעמאָלט אין וואַרשע ווי בכלל אין רוסיש־פּוילן, נישט געפעלט, איז עס ר׳ אברהם ברוכן נישט געגאַנגען, ער האָט זיך עפּעס קיין עצה נישט געקאָנט געבן. אַזויווי אַליין איז ער קיין גרויסער למדן נישט געווען, האָט ער משונהדיק מורא געהאַט אַז מען נאַרט אים אָפּ, אַז עפּעס טוט מען אים אָפּ אַ שפּיצל, אַז מען נאַרט אים אין זאַק אַריין...

ר׳ אברהם ברוך האָט געהאַט אַ משונהדיקע שרעק פאַר עם־הארצים. ווען ער האָט זיך דערמאָנט די גמרא אין פּסחים: „כל

המשיא בתו לעם הארץ כאילו כופתה ומניחה לפני ארי מה ארי דורס ואוכל ואין לו בושת פנים אף עם הארץ מכה ובועל ואין לו בושת פנים" (ווער עם מאַכט חתונה זיין טאָכטער פאַר אַן עם־הארץ איז אַזוי ווי ער וואָלט זי געבונדן און געלייגט פאַר אַ לייב. אַזויווי אַ לייב צערייסט און פרעסט און האָט נישט קיין חרפה, אַזוי אַן עם־הארץ שלאָגט און איז בועל און האָט נישט קיין חרפה), ווען ער האָט זיך דאָס דערמאָנט, האָט ער געפילט אַז די וועלט עקט זיך אים, חלילה. ער האָט געזען בחוש ובעין ווי ער אַליין בינדט זיין איינציקע אויסגעצערטלטע טאָכטער און לייגט זי פאַרן לייב, ער זאָל זי, חס ושלום, צערייסן. ער פלעגט נישט שלאָפן דורך די נעכט, און ווען ער פלעגט שוין יאָ איינשלאָפן, האָט ער געהאַט ווילדע אנגסט־חלומות. ער האָט געזען אין חלום וואָס זיין איידעם, דער עם־הארץ, טוט אָפּ, רחמנא־ליצלן, אין שלאָף־חדר מיט זיין טאָכטער, אַז די האָר פלעגן זיך אים אויפשטעלן אויפן קאָפּ, ער פלעגט זיך אויפכאַפּן מיט אַ ווילד געשריי, איינגעַנצן אַ באַדעקטער מיט אַ קאַלטן שוויים.

איז עס בכן געוועזן ר׳ אברהם ברוכן ביטער לא עלינו, ווי גאַל. ס׳איז אים געווען ענג די וועלט. ער וואָלט גיכער באַשטאַנען אַז זיין איינציק קינד זאָל חלילה פאַרזיצן, אַבי נישט אַריינפאַלן צו קיין עם־הארץ אין די הענט אַריין.

ר׳ אברהם ברוכס ווייב האָט געפּרוווט אויסרעדן איר מאַן.

– ס׳טאַטש, היתכן, – האָט זי געטענהט – אַז די ווילסט אַ בחור אַ בן־תורה, טאָ וועיער וועט דיך גיין חלילה גענאַרן? ס׳הייסט, ס׳איז דען עפּעס הפקר־וועלט? ס׳פעלן חלילה בחורים בני תורה? אַז נאָך קאָ געלט יוגסט די זעך נישט, נאָך קאָ יחוס אָך נישט, איז ווּס איז שוין פאַראַנען אַ גרינגערע זאַך, ווי אַראָפּצופורן אין אַ ישיבה אין הייסן דעם ראש־ישיבה זעך אָסזיכן דעם בעסטן בחור אין עם נעמען פאַר אַן איידעם?

אָבער, כאָטש ר׳ אברהם ברוך האָט זיך נישט געיאָגט נאָך קיין געלט, האָט ער פונדעסטוועגן איינגאַנצן קיין אָרעמען שידוך

נישט געוואָלט טון. אים אַליין וואָלט עס נישט געאַרט. אָבער ער האָט עס געהאַלטן פאַר אַ פּחיתת הכבוד פאַר זיין טאָכטער, און ער האָט נישט געזען קיין סיבה, פאַרוואָס איר זאָל דאָס קומען.

האָט ר׳ אברהם ברוך געמוזט אָנקומען צו שדכנים, און זיי, די שדכנים, האָבן אים דאָס געמאַכט פאַר אַ חשדן. זייענדיק אַליין אַן איש אמת, אַן אָפּגעהיטענער מיט יעדעם וואָרט, נישט האָבנדיק די מינדעסטע נויטווענדיקייט נישט צו זאָגן דעם אמת, איז ר׳ אברהם ברוך געווען זייער רגיש, זייער פילבאַר אויף ליגנס. יעדע נישט פּינקטלעכקייט אין די שדכנים רייד האָט אים געמאַכט אויפּצוטערן. און אין די שדכנים רייד איז נישט נאָר געווען אומ־פּינקטלעכקייטן נאָר אַן אַ שיעור גראָבע ליגנס. נישט איינמאָל האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס וואָס די שדכנים האָבן געזאָגט, איז געווען לא היה ולא נברא, פון אָנהויב ביזן סוף כולו שקר. ר׳ אברהם ברוך איז געוואָרן פון טאָג צו טאָג אַ גרעסערער חשדן. ער האָט אויפגעהערט גלייבן אפילו דעמאָלט, ווען אַלע האָבן אים געזאָגט, אַז עס איז טאַקע אַזוי ווי די שדכנים דערציילן. אַ סך מאָל האָט עס שוין געהאַלטן גאָר נאָנט, אָט־אָט און דער שידוך ווערט געשלאָסן. אָבער אין דער לעצטער רגע האָט ר׳ אברהם ברוך אָנגעהויבן אָפּצושלעפּן, געטשעפּעט זיך צו יעדער קלייניקייט, אָפּגעלייגט זיין תשובה ברורה פון טאָג אויף טאָג, ביז די מחותנים האָבן זיך באַליידיקט און פון שידוך איז ווידער גאָרנישט געוואָרן. און כאָטש אין פלוג האָט זיך אויסגעדאַכטן אַז ר׳ אברהם ברוך האָט עגמת־נפש דערפון, אָבער אין דער אמתן האָט ער טיף אָפּ־געעטעמט ווען פון שידוך איז נישט געוואָרן.

שדכנים זענען געקומען און שדכנים זענען געגאַנגען. נישט געווען אין פּוילן קיין איין לערן־בחור פון אַ בעל־הבתישער היים, וועלכן מען זאָל נישט האָבן אָנגעשלאָגן פאַר ר׳ אברהם ברוכס טאָכטער. און נישט נאָר פון פּוילן האָט מען איר געשדכנט שידו־כים, מען האָט פאַר איר אויך אָנגעשלאָגן שידוכים פון פראַנקפורט אַם מיין און פון האָלאַנד, פון אַמסטערדאַם. אָבער ר׳ אברהם

ברוך האָט נישט געקאָנט ביי זיך פועלן ענדלעך צו שליסן אַ שידוך.

די שדכנים זענען געוואָרן אומגעדולדיק. זיי האָבן אָנגעהויבן אַריינצוּוואַרפן בייסיקע ווערטער. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן אָפּן בייזערן. גענומען ר׳ אברהם ברוכן אַריינזאָגן שטעכווערטלעך. מען האָט אים געזאָגט, אַז מיט אַ האַלב הויז, אפילו אין „יענע גאַסן״ איז מען נאָך נישט אַזאַ מעריינע, אַז אַלץ זאָל נישט געפעלן... מען האָט אים געגעבן אָנצוגעהערן, אַז זיין חילשות איז אויך נישט קיין וואַזשנע מעלה פאַר זיין טאָכטער... מען האָט אים נישט איינמאָל מרמז געווען, אַז ער זאָל זיך נישט איינרעדן, אַז אַלץ איז תולה אין אים, אַז די מחותניסטע האָט געזאָגט, אַז איידער וואָס-ווען וואָלט זי געוואָלט גיין מיט דער כלה צו אַ דאָקטאָר...

פון די אַלע אַריינזאָגענישן איז ר׳ אברהם ברוך געוואָרן נאָך מער חשדן, נאָך פאַרביסענער, פאַרעקשנטער. ער האָט געזען אַז די שדכנים הערן אויף קומען, געוואָר געוואָרן, אַז אויב מען שלאָגט נאָך ווען עס איז אָן אימעצן אַ שידוך מיט זיין טאָכטער, מאַכט יענער תיכף אַוועק מיט דער האַנט. ער האָט געקוקט אויף זיין אויסגעאיידלטער, שיינער טאָכטער מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ, געזען זיך, זיין ווייב און טאָכטער חלילה פאַרלוירענע. אָבער קיין עצה האָט ער זיך שוין נישט געקאָנט געבן.

ד.

ויהי היום, אין אַ שיינעם אלול טאָג, פאַר די ימים נוראים, איז צו ר׳ אברהם ברוכן געקומען גראָד אַ פּראָווינצער שדכן און אים אָנשלאָגן אַ שידוך פאַר זיין טאָכטער מיט אַ זון פון אַן אַזערקאָוועער ייד, אַ זאַקן-פאַבריקאַנט, אַן אַלעקסאַנדער חסיד.

קיין מאָל, ביז דער לעצטער רגע פון זיין לעבן, האָט ר׳ אברהם ברוך נישט געקאָנט תופס זיין, נישט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס איז אים גראָד דער שידוך באַלד געפעלן גע-

וואָרן, אים באַלד געוועזן צום הארץ. עפּעס האָט ער תיכף געפילט, אַז פון דעם שידוך וועט יאָ ווערן...

היות אָבער ר׳ אברהם ברוך האָט נישט געקאָנט, צוליב זיין חילשות, פאָרן נאָך אָזאָרקאָוו, און שיקן אַ מענטש פאַרהערן דעם חתן-בחור און ער, אברהם ברוך אַליין, זאָל דערביי נישט זיין, האָט ער אויך נישט געוואָלט, דער מחותן ווידער האָט זיך איינ-געעקשנט אַז ער וועט בשום פנים ואופן נישט קומען קיין וואַרשע מיטן חתן מען זאָל אים דאָרט פאַרהערן, דעריבער איז מיט דעם שידוך ווידער געשען אַן עיכוב.

ר׳ אברהם ברוך האָט אָבער געוואָלט דעם שידוך, האָט ער געזוכט עצות, זיך געמאַטערט, געוואָלט געפינען אַן אויסוועג פון דער לאַגע.

ווי באַוווּסט האָט ר׳ אברהם ברוך געוווינט אויף די נאַ-לעווקעס, אין זעלבן הויז וווּ עס איז אַמאָל געוועזן דאָס גרויסע אַלעקסאַנדער שטיבל. ער פלעגט אין דעם שטיבל דאַוונען, דאָרט האָט ער זיך אויך מתקרב געוועזן צו ר׳ זלמנען.

כאָטש ר׳ זלמן האָט געקוקט אויף ר׳ אברהם ברוכן פון אויבן אַראָפּ, נישט געוואָלט מיט אים האָבן קיין גרויסע מחזקות, געקוקט אויף זיין פאַרווע חסידות ווי אויף אַ פּסולע זאַך, און זיך גאַנץ ווייניק איבערגענומען מיט דעם וואָס ר׳ אברהם ברוך איז אַ ייד אַ נגיד, האָט פונדעסטוועגן ר׳ אברהם ברוך געקלעפּט אין ר׳ זלמנען, אים נאָכגעגאַנגען, געבעטן אים אָפּט אַריינקומען צו זיך. ער, דער שטילער און צוריקגעהאַלטענער, האָט משונהדיק הנאה געהאַט פון ר׳ זלמנס שאַרפע ווערטלעך און אַריינזאָגעכצן.

איצט, ווען מען האָט אים אָנגעשלאָגן דעם שידוך פון אָזאָרקאָוו איז ר׳ אברהם ברוכן איינגעפאַלן, אַז אויף ר׳ זלמנען וואָלט ער זיך אפשר יאָ געקאָנט פאַרלאָזן ער זאָל אַליין פאַרהערן דעם בחור. ער האָט געוווּסט אַז ר׳ זלמן וועט קיינעם נישט נושא פנים זיין. ער האָט געוווּסט, אַז ר׳ זלמן האָט תכלית שנאה פיינט

עם-הארצים, אַז ער רודפט זיי עד חרמה, האָט ער זיך געטראַכט אַז בלית ברירה וועט ער זיך פאַרלאָזן אויף ר׳ זלמנען.

אומר ועושה, געזאָגט און געטון. ווי נאָר ר׳ אברהם ברוכן איז איינגעפאַלן דער רעיון איז ער אַרויף אין שטיבל אַריין און געזאָגט צו ר׳ זלמנען:

— העיערט, ר׳ זלמן, איר ווייסט מסתמא, מסתמא האָט איר געהעיערט, ווי שוועיער ס׳איז מיער צי טיען אַ שידוך מיט מאַן טאָכטער. זי איז באַ מיער אַן איינציק קינד. כ׳האָב אויסטערליש מורא כ׳זאָל חלילה נישט אַראָנפאַלן מיט אַן איידעם אַן עם-הארץ. איצט רעדט מען מיער אַ שידעך פין אָזאָרקאָוו. כ׳ווייס נישט פאַרוואָס, נאָר דעיער שידוך איז מער צים האַרץ. אַזויווי יעך קען נישט פורן מיט אַ פאַרהעיער קאַ אָזאָרקאָוו, האָב יעך צי אַך, ר׳ זלמן, אַ בקשה. אַזויווי איר פורט דעך אויף די ימים נוראים נאָך אַלעקסאַנדער און דער אָזאָרקאָווער מחותן מיטן חתן-בחור וועלן אויך זאַן באַם רבין, בעיט איך אַך מיר טיען אַ טובה אין גיט פאַרהעירן דעם בחור. אָף אַך ר׳ זלמן קען יעך זעך סומך זאַן, נאָר למען השם איר זאָלט נישט פאַרגעסן.

— אברהם ברוך, די מעיגסט זאָך פאַרלאָזן אויף מיאַ. אַז יאָך זוג פאַרהעירן — איז פאַרהעירן. יאָך וועל שוין דעם חתן-בחור אַזוי נעמען אויפן צימבל, אַז יאָך וועל שוין ווישן וווּס ער קען און ווי אַזוי ער קען.

מער האָט ר׳ זלמן מיט ר׳ אברהם ברוכן נישט גערואָלט וועגן דעם רעדן.

* * *

ווען ר׳ זלמן איז פאַר ראש-השנה אָנגעקומען נאָך אַלעק-סאַנדער, איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ משונהדיקן ווירוואַר. דאָס שטעטל איז געווען פול מיט חסידים, וואָס זענען געקומען אויף די ימים-נוראים. ס׳האָט געשווויבלט און געגריבלט, געקאָכט און געזאָטן. אַלע אכסניות זענען געווען איבערפולט עד אפס מקום.

די בעלי אכסניות האָבן געריסן פון די רייכערע חסידים פּאַסן. ר׳ זלמן האָט וואָס אָן אמת נישט געהאַט קיין דאגה מיט קיין אכסניה. ער איז געשלאָפן אין רבינס בית המדרש און געגעסן פון רבינס טיש, אָבער ס׳איז דאָך עפּעס געווען די ימים נוראים, מיט סליחות, זכור ברית, שלוש עשרי מידות, מיט שחריתים, מוספים, תקיעת שופר, מיט טישן, שיריים און תורות. ס׳האָט זיך דאָך עפּעס געטון אַ וועלט... אין דעם אַלעם האָט ר׳ זלמן פאַרגעסן דעם גאַנצן ענין מיטן שידוך.

ערשט למחרת יום הכיפורים, ווען דער עולם חסידים האָט זיך אָנגעהויבן געזעגענען און גענומען זיך גרייטן אַהיימצופאָרן אויף סוכות, האָט זיך ערשט ר׳ זלמן דערמאָנט, וואָס ער האָט צוגעזאָגט אברהם ברוכן. ר׳ זלמן האָט זיך אָנגעהויבן נאָכפרעגן, ווי ס׳שטייט איין דער אָזאָרקאָווער חסיד מיט זיין זון. ווען ער איז שוין מיט מזל געוואָר געוואָרן ווי ער שטייט איין און אַ פאַר־סאַפּעטער געקומען אויף דער אכסניה, האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז יענער איז שוין אַוועק אין מאַרק זיך אַריינצוזעצן אין דער בויד אויף צו פאָרן אַהיים.

ווען ר׳ זלמן איז געקומען צולויפן אויפן מאַרק זענען שוין צענדליקער בוידן געשטאַנען געשפּאַנט, געפּאַקט מיט הונדער־טער חסידים, וואָס האָבן געהאַלטן שווארצע, לעדערנע רענצלעך אָנגעלענט אויף די קניען. ליידיקע בוידן זענען פאַרפאָרן אויפן קיילעכדיקן מאַרק און איבערגעפולטע זענען אַוועקגעפאָרן. ר׳ זלמן האָט זיך קוים דערפרעגט אויף דער בויד וואָס פאָרט נאָך אָזאָרקאָוו. ווען ער איז צוגעלאָפן צו דער בויד איז זי שוין געווען איבערפולט און דער בעל-עגלה האָט זיך גענומען אַרויפ־דראַפּען אויף דער הויכער קעלניע זיך גרייט מאַכן אַוועקצופאָרן.

ר׳ זלמן האָט באַלד דערקאָנט דעם אָזאָרקאָווער נגיד מיט זיין ברייטער הדרת-פּנימדיקער באָרד. נעבן אים איז געזעסן אַ גוט געפּאַשעט בחורל מיט קיילעכדיקע, פאַרוויזטע באַקן.

ר׳ זלמן האָט אַ שריי אוים געטון:

— העיאָ נאָר אַזערקאָווער נגיד, אברהם ברוך פין וואַרשע האָט מיאָ אונגיזוגט כ׳זאָל למען השם פאַרהעירן דאַן חתן-בחור. אַז ער קען עסן — דוס זע יאַך, אָבער יאַך וויל וויסן צי ס׳איז כאכילתכם כך תורתכם. קריך אַרופ מיט דאַן בנאָק פון דער באָד אין מיאָ וועלן אַראַגיין אין אַ שענק אין יאַך וועל אים פאַרהעירן.

— אין ווי ביסטי גיוועין די גאַנצע צאַט, זלמן? די עשרת ימי תשובה זענען געוועז פאַר דיר וויניק, האַ, זלמן? איך קריך נישט אַרופ פון קיין באָד. פאַר מייניצוועיגן קענסטי נישט פאַרהעירן מאַן בחור. כאַסקל — האָט דער אַזאַרקאָווער נגיד געגעבן אַ געשריי צום בעל-עגלה, — נעם די לייטשן אין פּוער!

ר׳ זלמן איז געבליבן שטיין אַ מבולבלער. ערשט איצט איז אים קלאָר געוואָרן וואָס ער האָט אָפּגעטון. ער האָט נישט געוווּסט ווי אַזוי וועט ער זיך ווייזן פאַר ר׳ אברהם ברוכן. און בכלל, עפּעס אַ קלייניקייט אַז צוליב אים זאָל חלילה נישט ווערן פון אַ שידוך! דער שטענדיקער תקיף ביי זיך, ר׳ זלמן, האָט זיך מיט-אַמאָל אינגאַנצן פאַרלוירן, געבליבן שטיין אַ צערודערטער, נישט געווּוסט וואָס טון. פּלוצים האָט אים אַ בליץ געטון אַ געדאַנק אין מוח, און ער האָט זיך געוואָנדן צום חתן-בחור מיט די קיילעכדיקע, פאַרוויזטע באַקן:

— העיאָ נאָ בחורל, די קענסט לערנען?

— יאָ, — האָט דאָס בחורל געענטפערט אַביסל אַ פאַרשעמטער.

— זוג מאָ, די קענסט גיט לערנען?

— יאָ.

— זוג נישט יאָ, נאָר זוג: יאַך קען גיט לערנען.

דאָס בחורל האָט געזאָגט: — איך קען גיט לערנען.

— אויב אַזוי טאָ גיב תקיעת כף אַז די קענסט גיט לערנען, און ר׳ זלמן האָט אויסגעשטרעקט דעם בחורל זיין האַנט.

דאָס בחורל האָט אַ קוק געטון אויף זיין טאַטן. דער טאַטע האָט אים געענטפערט מיט אַ בייזן בליק, און דאָס בחורל האָט

אויסגעשטרעקט זיין האַנט און זי אַריינגעלייגט אין ר׳ זלמנס. אין דער רגע האָט די בויד געריררט פון אָרט.

* * *

ר׳ זלמן איז אַ גאַנצן סוכות געבליבן אין אַלעקסאַנדער, און אַפילו נאָך סוכות האָט ער זיך אויך נישט געיאָגט „אַהיימצו־פאָרן״. ר׳ זלמן האָט נישט געהאַט קיין היים. ער האָט געוווינט אין שטיבל, דאָרט איז געווען זיין „היים״. טאָ וואָס האָט ר׳ זלמן זיך געהאַט צו יאָגן אַוועקצופאָרן?

אָבער זיצן עולמות אין אַלעקסאַנדער האָט ער אויך נישט געקאָנט. האָט ער אַ דריי וואָכן נאָך סוכות באַקומען פון דער רביצן אויף הוצאות און געפאָרן צוריק קיין וואַרשע.

ר׳ אברהם ברוך האָט געוואַרט אויף ר׳ זלמנס צוריקקומען בקוצר רוח. עטלעכע מאָל אין טאָג איז ער געקומען אין שטיבל געוואָר ווערן צי ר׳ זלמן איז שוין דאָ. ער האָט שוין געוואָלט הערן פון ר׳ זלמנס מויל דעם פסק דין.

און ווען ר׳ זלמן איז שוין ענדלעך געקומען איז ר׳ אברהם ברוך אַרויף אין שטיבל אַריין און געבנדיק ר׳ זלמנען שלום עליכם אים געפרעגט: ני?

— אברהם ברוך, די האָסט גונישט ווּס צי קלעירן. דע בחור קען נישט נאָר לערנען, נאָר עיע קען גיט לערנען.

און ווען ר׳ אברהם ברוך האָט געוואָלט וויסן עפּעס גע־נויערס וועגן דעם פאַרהער, האָט ר׳ זלמן וועגן דעם מער נישט געוואָלט רעדן.

די תנאים צווישן ר׳ אברהם ברוכס טאָכטער מיטן אָזאָר־קאָווער נגידס זון, זענען פאָרגעקומען אין אַ שטעטל צווישן וואַרשע און אָזאָרקאָוו. מען האָט די כלה באַשאָטן מיט מתנות. מען האָט ר׳ אברהם ברוכן און זיין ווייב אָנגעטון גרויסע כיבודים. מען האָט אַלץ אַרומגעשטעלט אַזוי, אַז ס׳איז געווען אַ גרויסער יום־טוב. כאָטש די תנאים האָט באַדאַרפט מאכן דער כלהס צד, האָבן

זיך אָבער די מחותנים פון חתנס צד אַרויסגעשטעלט, אַז היות דער מחותן איז אַ חלוש וועלן זיי שוין אַלץ נעמען אויף זיך. ר׳ אברהם ברוכן איז שטאַרק געפעלן געוואָרן זיינע מחותנימס איידלקייט.

ר׳ אברהם ברוך האָט געוואָלט אַ שמועס טון מיטן חתן. אָבער דער חתן האָט כמעט נישט גערעדט. זיין פאָטער האָט מרמז געווען דעם מחותן, אַז דער חתן איז אַ גרויסער בושת פּנים, און בושת פּנים איז דאָך אַ שיינע יידישע מידה...

אין משך פון חתן-כלה יאָר, האָט ר׳ אברהם ברוך געשיקט דעם חתן אַ ווילנער ש״ס, רמב״מס און אַנדערע ספרים. דער חתן פלעגט צושיקן דעם מחותן געשריבענע פּשטלעך. ר׳ זלמן האָט געלייענט די פּשטלעך. און כאָטש ער האָט בטבע פיינט געהאַט פּשטלעך, האָט ער אָבער דאָס מאָל געהאַט הנאה, ווייל ער האָט געזען אַז ער האָט זיך נישט גענאַרט.

די חתונה האָט מען געמאַכט אין וואַרשע. נאָך דער חופּה, ביי דער סעודה האָט דער חתן געזאָגט אַ פּשטל. דאָס פּשטל איז ר׳ אברהם ברוכן נישט געפעלן געוואָרן. עפּעס זענען די ווערטער אַרויס פון חתנס מויל ווי האַלצערנע. ס׳איז אָבער געווען אַ חתונה כיד המלך, דער עולם איז געווען בגילופין און קיינער האָט זיך כמעט צום פּשטל נישט צוגעהערט. בלויז ר׳ אברהם ברוכן, דעם איינציקן ניכטערן אויף זיין איינציקער טאָכטערס חתונה, האָט עפּעס אַ שטאָך געטון אין האַרץ...

נאָך דער חתונה האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ר׳ אברהם ברוכס איידעם איז א בור גמור, אַן עם-הארץ מדאורייתא, לא ידע מאי דקאמרי רביצין, ס׳איז גאָרנישט געווען משיג צו זיין אַז אַ ייד זאָל קאָנען זיין אַזאַ עם-הארץ.

ר׳ אברהם ברוך האָט זיך געשעמט כבושת גנב. ער האָט געפילט אַז עס עקט זיך אים חלילה די וועלט. „ואשר יגרתי בא לי״ און פאַר דעם וואָס איך האָב געפאָרכט איז מיר געקומען,

האָט ער גערעדט צו זיך אַליין מיט איובס ווערטער. דער ייד איז שיעור נישט אויסגעגאַנגען פון צער.

איין גמרא האָט ר׳ אברהם ברוכס איידעם יאָ געדענקט. ווען מען פלעגט פרייטיק ברענגען די פיש אויף שבת, פלעגט ער שרייען: „רב ספרא מחריך רישא רבא מלח שיבוטה״, רבא האָט געזאַלצן די פיש, געזאַלצן די פיש! — ער האָט זיך געריסן אין דער קיך אַריין זאַלצן די פיש, אַז ס׳איז געווען אַ חרפה פאַרן דינסט-מיידל.

ר׳ אברהם ברוך האָט אָנגעהויבן צושטיין צו דער טאָכטער אַז זי זאָל זיך גטן. אָבער די טאָכטער האָט געקלאָגט און געוויינט. דאָס חתונה האָבן איז געווען פאַר איר אַ שווער אָפּקומעניש. אַלץ וואָס איז מיט איר געשען איז אויף איר געקומען ווי א וואָלקן-בראָך. זי איז נאָך געווען אַ דערשראָקענע און אַ צעבראָכענע. איצט האָט זי באַדאַרפן אַרויסשטעלן איר בושה פאַר מענטשנס אויגן. — כ׳וויל בעסער שטאַרבן איידער זיך גטן, — האָט זי געקלאָגט פאַרן פאָטער.

דערווייל איז די צייט געגאַנגען. און ווען ר׳ אברהם ברוך האָט אָנגעהויבן שטאַרקער צוצושטיין צו זיין טאָכטער זי זאָל זיך גטן, האָט אים זיין ווייב איינגערוימט אַ סוד, אַז זייער טאָכטער איז מעוברת.

ר׳ אברהם ברוך האָט זיך אויפגעהערט ווייזן פאַר מענטשן. אויפגעהערט קומען אין אַלעקסאַנדער שטיבל. נאָר איינמאָל האָט ער נישט אויסגעהאַלטן און ווען ער האָט געוווּסט אַז אין שטיבל איז איצט דאָ נאָר ר׳ זלמן אַליין, איז ער אַרויף אַהין און מיט געביילטע פויסטן צו צו ר׳ זלמנען:

— זלמן, מערדער! גזלן! רוצח! האָסט דאָך מעך געשחטן אָן אַ מעסער! וועסט דאָך זאָן עתיד ליתן את הדין, ביזט דאָך מן המורידין ולא מעלין! ווּס האָסטי גיוואָלט פון מאָן לעיבן! פאַרוווּס קימט עס מיער?!

ר׳ זלמן האָט אָנגעשטעלט זיינע שפיזיקע מיט רויט געליאַ-

מעוועטע אויגן. — ביזט משוגע צי מטורף? אברהם ברוך! ווער איז דוס באַ דיער מן המורידין ולא מעלין?!

— די! נאָר די! די האָסט פאַרהעיערט מאַן איידעם אין גיזוגט ער קען גיט לערנען אין מאַן גן־עדן איז אַ בור מדאורייתא, אַן עם־הארץ גמור!

ר׳ זלמן איז געוואָרן מיטאַמאָל בלייך ווי קאַלך. זיין קליינער, איינגעבויגענער גוף איז זיך מיט איין מאָל איינגעפאַלן, געוואָרן נאָך אַ העלפט נידריקער. ער האָט אינגאַנצן געציטערט. מיטאַמאָל האָבן זיך ביי אים די אויגן אָנגעצונדן, געברענט, זיין פנים איז פון וויים געוואָרן רויט, אָנגעגאָסן מיט בלוט, ער האָט זיך אויפ־געשטעלט אויף די שפיץ פינגער פון די פים און מיט אַ הייזעריקער שטימע פון כעס אויסגעשריגן:

— וועס, עיע קען נישט לערנען! זאָלסטי וויסן זאַן אַז ער איז נישט נאָר אַן עם־הארץ נאָר ער איז אַ פושע ישראל אַך!!

— ???!!!

— עיע האָט געגעבן פאַלש תקיעת כף!!

* * *

אַזוי אַרום איז מען געוואָר געוואָרן וויאַנאַך ר׳ זלמן האָט פאַרהערט ר׳ אברהם ברוכס איידעם. ווי ר׳ אברהם ברוך האָט זיך נישט באַמיט, האָט ער לאַנג נישט געקאָנט אויסבאַהאַלטן זיין איידעמס עם־הארצות. מיט דער מעשה ווי אַזוי ר׳ זלמן האָט פאַרהערט ר׳ אברהם ברוכס איידעם, האָט דעמאָלט געקלינגען די גאַנצע חסידישע וועלט.

זייט דעמאָלט זענען אַוועק יאָרן. ר׳ אברהם ברוך איז שוין לאַנג געווען אויפן עולם האמת. דער איידעם, וועמענס ווייב, ר׳ אברהם ברוכס טאָכטער, האָט אים אַן עין־הרע געבוירן אַ טוץ קינדער, איז געוואָרן אַ גרויסער נגיד און צוריק אָפגעקויפט דאָס האַלבע הויז, וועלכעס זיין שווער האָט פאַרקויפט פאַר דאָקטוירים און רביים אַבי צו האָבן אַ בן זכר — און נישט געהאָט.

ס'איז דערוווייל אויפגעשטאַנען אַ נייער דור. און אפילו שיינע חסידים האָבן געחנפט ר' אברהם ברוכס איידעם, דעם נגיד. די וועלט האָט פאַרגעסן די מעשה מיטן תקיעת כף, און ר' זלמן וועלכער איז שוין איצט געווען אַ זקן און באַקומען אַ שוואַכן זכרון, האָט נישט אָנגעהויבן געדענקען די גאַנצע מעשה.

ערשט ווען ר' זלמן איז געוואָרן שדכן, האָט זיך די וועלט דערמאָנט די מעשה מיטן תקיעת כף. און כאָטש זייט דעמאָלט זענען יאָרן פאַרגאַנגען, אַ סך וואַסער אָפּגעפלאָסן און אַ סך געשעענישן זענען זיך פאַרלאָפן אין דער וועלט, — האָט דאָס פונדעסטוועגן קאַליע געמאַכט ר' זלמנס שדכנישע מערכה.

נאָר ר' זלמן אַליין האָט נישט געקאָנט משיג זיין, פאַרוואָס ווערט נישט פון די שידוכים, וועלכע ער שלאָגט פאָר. און ווען ער האָט אָנגעהויבן ווערן צודרינגלעך, אָנגעהויבן נאָכאָדזשען די הייזער ווו ער האָט אָנגעשלאָגן שידוכים, האָט ער אַמאָל דערהערט ווי ייִנגלעך קונדסים פון אַ רייכער שטוב שרייען אים נאָך: — ר' זלמן, די כלה האָט אייך געגעבן תקיעת כף אַז זי איז אַ שיינע?! ר' זלמן, דער מחותן האָט אייך געגעבן תקיעת כף אַז ער האָט צו סילוקן דעם נדן?! ערשט דעמאָלט האָט זיך ר' זלמן דערמאָנט די מעשה מיטן תקיעת כף און מיטאַמאָל תופס געווען די סיבה פאַרוואָס ער האָט נישט מצליח געווען ווי אַ שדכן. ר' זלמן האָט עס געהאַלטן פאַר אַן עונש דערפאַר, וואָס ער האָט מועיל געווען אין ר' אברהם ברוכס שליחות.

און ווען ר' זלמן איז דעמאָלט צוריקגעקומען אין שטיבל אַריין, האָט ער אַוועקגעשטעלט אין אַ ווינקל דעם שטעקן און אָפּגעמאַכט ביי זיך מער זיך נישט פאַרנעמען מיט שדכנות. אין דער רגע איז פון אים אָפּגעטרעטן די קליפה פון געלט. עס איז פון אים אַוועק די תשוקה צו האָבן געלט. ס'האָט זיך פון אים אָפּגעטון יעדע עצבות. ער איז צו צום כיור און מיט דער גרויסער קופערנער שעפּ זיך אָפּגעגאָסן די הענט מיט אַ סך וואַסער, ווי מען טוט דאָס ווען מען קומט נאָך אַ לוויה פון אַ מת. ר' זלמן

האָט באַגראָבן זיין שלעכטן חלום וועגן האָבן געלט. און כאָטש ר׳ זלמן איז שוין כל ימיו געבליבן אַן אביון, אַ ביטערער אָרעמאַן, האָט אים שוין דערפֿאַר מער קיינמאָל נישט פֿאַרלאָזט די חסידישע שמחה...

ר׳ זלמנס עולם הזה

א.

ר׳ זלמן איז געהאַט שטאַרק אַראָפּ פון פנים. און נישט נאָר פון פנים, נאָר פון גאַנצן גוף. ווען ער האָט זיך אויסגעטון אין דער מקווה, האָט מען געזען, אַז ער איז הויט און ביין, געל און איינגעטרוקנט ווי אַ פאַראַיאָריקער אתרוג.

זיין איינגעשרומפּנקייט און דאַרקייט האָבן זיך אַזוי געוואָרפן אין די אויגן, אַז דער עולם אין אַלעקסאַנדער שטיבל, ווו ר׳ זלמן האָט געטאָגט און גענעכטיקט, איז געוואָרן אומרויִק. מען האָט אים אָנגעהויבן אָפּט פרעגן מיט דאגה: — זלמן, שפּירסט זיך עפּעס נישט מיט אַלעמען? זלמן, ביסט עפּעס נישט בקו הבריאות?

ר׳ זלמנען האָט שטאַרק געאַרט דאָס גערעדעכטס וועגן אים, ער פלעגט זיך אָפּשאָקלען פון דעם ווי פון אַ זלידנער זאַך. אומגעדולדיק ענטפערן: גיי שוין, גיי, וואָס פאַלט דיר עפּעס אַן?

— ביסט דאָך עפּעס איינגאַנצן אַרופּ פין לאָב? ס׳מיז דאָך עפּעס זאַן דערין. אפשר וועסטו גיין צים דאָקטער לייפונער? — איז דער עולם צו אים צוגעשטאַנען.

— לאָז מעך געמאַכט, — האָט ר׳ זלמן זיך געכעסט, — וואָס האָט עץ זעך פּליצלינג אין מיר אָנגעטשעפּעט. מרבה בשר מרבה רִמָּה.

מען האָט אָבער געזען, אַז ר׳ זלמן שלעפּט קוים די פיס, אַז ער ווערט מיום ליום שוואַכער. דאָס קליינע יידעלע מיטן קליינעם

רויטן בערדעלע ווי דער פלאַם פון אַ נשמה־ליכט, איטשעלע קו־באַץ, וואָס פלעגט ר׳ זלמנען אָפּט דערקוטשען, איז איצט געווען מוראדיק צערודערט פון ר׳ זלמנס געזונט־מצב. ער האָט קיינעם גאָרנישט געזאָגט, נאָר געברענגט אין שטיבל אַריין דעם פעלדשער קראַקאָווסקי.

דער פעלדשער קראַקאָווסקי, אַ הויכער, מיט אַ פול, אויסגע־ראַזירט פנים, מיט גרויסע הענט און פיס און מיט גרויסע גרויע אויגן, האָט שאַרף אָנגעקוקט דעם נידריקן און אויסגעדאַרטן ר׳ זלמנען, אים גענומען פאַרן דופק און געזאָגט: — דער ייד דאַרף עסן.

ווען איטשעלע קובאַץ האָט געבעטן דעם פעלדשער ער זאָל פאַרשרייבן ר׳ זלמנען אַ רעצעפּט, האָט דער פעלדשער געענט־פערט: — מע דאַרף נישט קאַ רעצעפּטן. די בעסטע רפואה פאַר דעם ייד איז פילנאַשטש, גיט אַכלען.

ס׳איז געווען נאָך אַ שווערן און הייסן זומער. דער עולם אין גרויסן אַלעקסאַנדער שטיבל איז געווען דעם זומער אַ שיטערער. יעדער ווער ס׳האָט נאָר געקאָנט, איז אַרויסגעפאָרן מיט די משפחות אויף זומער־וווינונג. געבליבן זענען אין שטאָט בלויז די זייער געענגטע יידן, וואָס האָבן געלעבט שטאַרק בדוחק. אַ סעודה אין שטיבל איז אין דער צייט געווען אַ זעלטנהייט. ר׳ זלמן האָט די גאַנצע צייט כמעט נישט געגעסן. אָפּגעקומען מיט בילע־וואָס, מיט אַ שטיקל ברויט מיט אַן אוגערקע, צי מיט אַ ציבעלע. זעלטן גע־געסן אַ געקאָכט מאכל. דורך דעם זומער איז ער דאָס אַזוי איינגע־דאַרט און איינגעקוואַרט געוואָרן. פון דעם אַזוי אויך נידריקן און דאַרן ר׳ זלמן איז כמעט גאָרנישט געבליבן, נאָר אַ בינטל מיט עצמות.

דעם דאָזיקן זומער זענען מיר אויך געהאַט אַרויסגעפאָרן אויף „לעטניע מיעשקאַניע״ (זומער־וווינונג), און ר׳ זלמן האָט אפילו שבת נישט געגעסן קיין שבתדיקע סעודה. ס׳איז געווען דעם צווייטן זומער נאָך דער מעשה מיטן ווידל פון פיש ביי ר׳ שמואלן,

און ר׳ זלמן האָט בשום אופן, אַ חוץ צו אונדז, נישט געוואָלט צו קיינעם גיין עסן שבת.

מיין טאַטע האָט אים געהאַט געשאַפט אַן אָרט צו עסן שבתים ביי אַ חסידיש־ נגידישן ייד, וואָס האָט געפירט זיין שטוב ביד רחבה און גראָד דאָס יאָר נישט געפאָרן אויף זומער־וווינונג. אָבער ר׳ זלמן האָט אפילו נישט געוואָלט הערן דערפון. ווען מען האָט צו אים גערטענהט: — זלמן, ס׳טאָטש? שבת! היתכן? שבת! אַ קלייניקייט, סעודת שבת! זלמן, ביסט דאָך מבזה דעם שבת! — האָט ר׳ זלמן געענטפערט:

— די גמרא זאָגט: עשה שבתך חול ועל תצטרך לבריות (מאַך דיין שבת וואָכעדיק און זאָלסט נישט דאַרפן אָנקומען צו מענטשן).

מילא, אונדזער שטוב האָט ר׳ זלמן געהאַלטן פאַר זיין איי־ גענע, אָבער גיין עסן צו פרעמדע האָט ער, זייט דער מעשה מיט ר׳ שמואלן, בשום אופן נישט געוואָלט.

אַזוי אַרום איז געקומען דערצו, אַז ר׳ זלמן איז געבליבן אינ־ גאַנצן אָן כוחות. און ווייל ער איז געוואָרן שוואַכער מיום ליום, האָט ער אַליין גאָרנישט געפילט ווי די כוחות גייען אים חלילה אוים. אָבער דער עולם וואָס איז איצט, פאַר די ימים נוראים, צוריק־ געקומען אין שטאָט אַריין און דערזען וואָס פאַראַ תל ס׳איז פון ר׳ זלמנען געוואָרן, האָט פאַרשטאַנען אַז מען מוז גיך עפּעס טון, אַז ער זאָל אַביסל צוריק קומען צו זיך.

קודם כל האָט מען ר׳ זלמנען געשאַפט אַביסל געלט. מיין טאַטע האָט אים מיט אַ שמייכל דערלאַנגט דאָס געלט און צו אים געזאָגט:

— זלמן, די געדענקסט דאָך אוודאי די גמרא אין פסחים „ואת היקום אשר ברגליהם אמר ר׳ אליעזר זה ממנו של אדם שמעמידו על רגליו״, נאַ, נעם דום געלט וועט עם דעך שטעלן אָף די פים.

אָבער ווי נבהל און משתומם איז דער עולם געוואָרן ווען ר׳ זלמן האָט זיך אפילו נישט געוואָלט צורירן צום געלט. דער ר׳

זלמן, וואָס פלעגט זיך שטענדיק פרייען, אריינשמייכלען אין זיך, ווען מען פלעגט אים געבן עפּעס אַ מטבע, האָט איצט אויפן געלט אפילו נישט געוואָלט קוקן.

ר׳ שלמה, דער גבאי פון שטיבל, האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבן ר׳ זלמנען און אים דערמאָנט די מעשה מיטן בעש״טס זון און ר׳ פּנחס קאָריצער. אַמאָל איז דעם בעל שם טוב׳ס זון געקומען קיין קאָריץ צו ר׳ פּנחסן. האָט דער קאָריצער דערזען אַז ער איז אין עצבות, עפּעס ווי מיטאַמאָל אַראָפּ פון די מדרגות. האָט קודם־כל ר׳ פּנחס גענומען און אַרויסגעפּאָרן איבער דער מדינה און אים געשאַפט צוויי הונדערט ראַניש. ווען דעם בעש״טס זון האָט גענו־מען די צוויי הונדערט ראַניש, איז נח דעתו, ס׳איז אַוועק פון אים ס׳עצבות, געוואָרן בשמחה און ס׳זענען אים במילא צוריקגעקומען אַלע מדרגות.

אָבער ווי שוואַך און אויסגעמאַטערט ר׳ זלמן איז נישט גע־ווען, איז ער גאַרנישט געווען אין עצבות. פאַרקערט, ער איז גע־ווען בשמחה, שטאַרק אויפגערוימט און געהויבן ביי זיך. די פריי־לעכקייט אויף זיין אויסגעדאַרט מיט אַרויסשטאַרצנדיקע קין־באַקן פּנים, איז געווען אַזוי משונהדיק, אַז עס האָט אַנגעוואָרפן אַ פּחד אויף די אַרומיקע. אויף ר׳ זלמנס פּנים האָט כסדר געשוועבט אַ שמייכל פון איינעם וואָס פאַרשטייט שוין אַלץ, וואָס ווייסט שוין אַלץ, וואָס האָט שוין מיט אַלץ שלום געמאַכט...

ס׳איז געווען באַלד נאָך דעם, ווי ר׳ זלמן האָט זיך געהאַט מיאש געווען פון ווערן אַ שדכן, ס׳איז געווען באַלד נאָך דעם ווי די קליפּה פון געלט האָט זיך געהאַט פון אים אָפּגעטון. ער האָט זיך געפילט אַ באַפרייטער, ווי אַ מענטש וועלכן מען האָט פאַר־פּלאָנטערט אין אַ בילבול־פּראָצעס וואָלט פלוצים אַרויסגעלאָזט געוואָרן פון תפיסה.

דער עולם איז צוגעשטאַנען צו ר׳ זלמנען ער זאָל יאָ נעמען דאָס געלט. מען האָט אים מיט כלערליי תחבולות געוואָלט אַריינשפּאַרן

דאָס ביסל מזומן. ער האָט אָבער וועגן דעם נישט געלאָזט רעדן צו זיך.

דעמאָלט האָט דאָס קליינע יידעלע, איטשעלע קובאַץ, דער וואָס פלעגט ר׳ זלמנען אַזוי אָפט דערקוטשען, גענומען אויף זיך, אַז ער וועט אים פּילנעווען. ער האָט באַקומען דאָס געלט און אָנגעהויבן ר׳ זלמנען צו קעכלען און באַדינען. ער האָט אים צום אָנ־בייסן אויפגעבריט צוויי אייער, געקויפט אים פּוטער און קעז. צום מיטאָג אים געבראַכט פון צייט צו צייט פון נגידישע שטובן אַ יאַכל מיט אַ שטיקל פלייש, געזען ער זאָל דורכוים עסן נאָכטמאָל.

ר׳ זלמנען, וועלכער איז בטבע געווען אַן עסער, ליב געהאַט גוט אָפּצועסן, נאָר פיינט געהאַט אַרומצוגיין אַרום דעם עסן, זיך פאַרען דערביי, האָט זייער הנאה געטון דאָס, וואָס מען דערלאַנגט אים אַלץ פּאַרטיקערהייט. אָבער אַמייסטן האָט ער הנאה געהאַט פון די יאָכלעך ביי מיטאָג. אַ יאַכל צום מיטאָג האָט אים פאַר־שאַפט גרויס תענוג. יאָכלעך וואָלט ער געגעסן דריי מאָל אין טאָג. און ליב געהאַט האָט ער אַ יאַכל — אַ היים׳ס און אַ פעטס.

ר׳ זלמן האָט אָנגעהויבן קומען צו זיך. דער משונהדיקער שמייכל וועלכער האָט אַזוי געשראָקן דעם עולם איז פאַרשוווּנדן פון זיין פּנים. אויף זיין אָרט איז צוריקגעקומען זיין אַמאָליקער געזונטער כעס. ער איז ווידער געוואָרן אַ תקיף ביי זיך. זיין איינ־געקוואַרט פּנים האָט אָנגעהויבן פולער ווערן. צום ערשטן איז ביי אים דיקער געוואָרן דער שפּיץ פון זיין דיקער נאָז, וועלכע ער פלעגט שנייצן מיט אַ ירגזון. ר׳ זלמן האָט אָנגעהויבן האָבן פאַר־וועלעכצן. פּלוצים האָט ער אַ זאָג געטון צו איטשעלע קובאַץ: — האָנט וויל יעך עסן קאָנקלעטן. ווען איטשעלע האָט אים געבראַכט די קאָטלעטן, האָט ער געפרעגט: — אין ווי איז דום יאַכל? ער האָט נישט געוואָלט הערן דעם תירוץ, אַז ווען מען מאַכט קאָט־לעטן קאָן מען נישט מאַכן קיין יאַכל. — יעך וויל אַ יאַכל מיט קאָנקלעטן! — האָט ער געשריגן.

איטשעלע קובאַץ, וואָס איז אַליין געווען אַ ייד אַן אָרעמאַן און אַ מטופל פון זיבן קינדער, האָט נישט געקאָנט זיך שטענדיק פאַרנעמען מיט ר׳ זלמנען און אים כסדר קעכלען און באַדינען. האָט מען אָנגעהויבן טראַכטן אַן עצה ווי אַזוי ר׳ זלמנען צו פאַר־שאַפן אַ שטיקל סטאַלע פרנסה און זיך אַרומזען נאָך אַ מענטש, וואָס זאָל אים אָפּקאָכן אַ לעפל עסן.

ב.

אַזוי־ווי ס׳איז געווען פאַרן ווינטערדיקן זמן, האָט דער עולם געהאַלטן, אַז ר׳ זלמן דאַרף קודם־כל נעמען אַ קליין מלמדות. זיי זענען געווען בדעה, אַז ער דאַרף נעמען אַ פיר־פינף ייִנגלעך פון נגידישע היימען און מיט זיי לערנען. ער וואָלט אַזוי ארום זיך געקאָנט מפרנס זיין און מען וואָלט געזוכט אַ מענטש, וואָס זאָל פאַר אים קאָכן און אים צוזען.

ס׳האָבן זיך באַלד געפונען אין שטיבל בעלנים וואָס האָבן געוואָלט אָוועקגעבן זייערע ייִנגלעך צו ר׳ זלמנען. כאָטש מען האָט געקענט ר׳ זלמנען ווי אַ קפדן און „ולא הקפדן מלמד״, פונדעסטוועגן האָט מען ליב געהאַט זיין חריפות. צוזאַמען מיטן כעס פלעגט פון ר׳ זלמנס מויל געבן אַ גיי אַרויס אַ חריפותדיקער זאָג, אַז דער עולם פלעגט ווערן נבהל ונשתומם. צוליב זיינע חריפותדיקע זאָגן, האָט מען אפילו ליב געקריגן זיין כעס. דער יונגער עולם אין שטיבל פלעגט זיך אויף צו־להכעיס מתווכח זיין מיט ר׳ זלמנען. כאָטש זיי האָבן געוווּסט אַז ער איז גערעכט, פלעגן זיי אים דער־צערנען מיט קרומע קשיות סתם אין דער וועלט אַריין. דעמאָלט האָבן זיך פּערל געשיט פון ר׳ זלמנס מויל. אַזוי ווי וואָס עלטער ר׳ זלמן איז געוואָרן, האָט ער וואָס עפּטער גערן געהאַט אַ שטאַרקן טרונק בראָנפן, אַזוי האָט ער, וואָס עלטער ער איז געוואָרן, כאָטש דער זכרון און חיתוך הדיבור איז ביי אים געוואָרן שוואַכער און מטושטשער, ליב געהאַט געדאַנקען וואָס אַמאָל חריפותדיקערע.

די יינגלעך וועלכע מען האָט געוואָלט אָפּגעבן צו ר׳ זלמנען, זענען געווען עלף־צוועלף יעריקע „גוטע" יינגלעך, יינגלעך מיט גוטע קעפּלעך, וואָס האָבן געקאָנט אַליין צוגרייטן אַ לייענען, דאָס הייסט, אַליין פֿאַר זיך לערנען אַ בלאַט גמרא מיט תוספות. ר׳ זלמן האָט זיי נאָר באַדאַרפֿן אויסהערן און דערנאָך מיט זיי אַלע צוזאַמען איבערלערנען דעם שוין פֿאַרטיקן שיעור. דערפֿאַר האָט ר׳ זלמן געזאָלט באַקומען אַ שיינע מטבע שכר בטלה.

די טאַטעס האָבן געוואָלט אָפּגעבן זייערע יינגלעך צו ר׳ זלמנען, ווייל זיי האָבן געוואָלט אַז די יינגלעך זאָלן זיך ביי אים אַביסל שלייפֿן די מוחות, זיי האָבן געוואָלט אַז די יינגלעך זייערע זאָלן זיך ביי אים אָננעמען מיט זיין חריפֿות. חוץ דעם האָט ר׳ זלמן ליב געהאַט אַז מען זאָל לערנען מיט אַ ברען, מיט התמדה, מיט אַלע כוחות, מיטן גאַנצן לייב און לעבן. — אין דברי תורה מתקיי־מין אלא במי שממית עצמו עליהן (די דברי תורה האָבן אַ קיום נאָר ביי דעם, וואָס הרגעט זיך פֿאַר זיי) פֿלעגט ר׳ זלמן שרייענ־דיק און טופּענדיק מיט די פֿיס, איבערחזרן די ווערטער פֿון דער גמרא ברכות. ער האָט נישט געקאָנט סובל זיין, אַז אַ יינגל איז אַ רגע געזעסן ליידיק. ווען ער פֿלעגט דערבליקן ווי אַ יינגל, וואָס איז געקומען אין שטיבל אַריין עפּעס איבערחזרן אין לערנען, פֿאַרטראַכט זיך, אָדער שפּאַרט זיך אונטער די האַנט אונטערן קאָפּ, אָדער טוט אַ גענעץ, פֿלעגט אים ר׳ זלמן ווערן דורסן. ער פֿלעגט זיך אונטערגנבענען אונטערן יינגל און געבן אים אַזאַ קניפּ אין דיקן פֿלייש, אַז דעם יינגל איז אַזש פֿאַרגאַנגען אונטערן האַרץ פֿון ווייטיק.

אַ סך טאַטעס האָבן געוואָלט זייערע יינגלעך אָפּגעבן צו ר׳ זלמנען ער זאָל מיט זיי לערנען. אָבער וואָס קומט אַרויס פֿון די אַלע פּלענער, אַז ר׳ זלמן האָט בשום אופֿן נישט געוואָלט ווערן אַ מלמד. ער האָט אפֿילו נישט געלאָזט צו זיך רעדן וועגן דעם. ר׳ זלמן וואָס האָט אַזוי ליב געהאַט דאָס לערנען, האָט פֿיינט געהאַט צו לערנען יענעמען. ער האָט געהאַלטן אַז יעדערער דאַרף במילא

קענען לערנען. אלא ווי אַזוי קאָן יענער קענען לערנען, אויב מען וועט אים נישט לערנען? — דאָס איז שוין ר׳ זלמנען נישט אָנגעגאַנגען, דאָס איז שוין נישט געווען זיין עסק.

אין ר׳ זלמנען האָט געקאָכט און געזאָטן אַ כעס קעגן מלאך השכחה. וואָרעם עס איז דאָך אַ דבר ידוע, אַז איידער אַ ייד קומט אַראָפּ אויף דער וועלט, לערנט מען מיט אים כל התורה כולה. נאָר אין דער רגע ווען ער גייט אַראָפּ אויף אונדזער וועלט קומט אַ מלאך און גיט אים אַ קלאַפּ איבערן מויל און ער פאַרגעסט מיט איין מאָל אַלץ וואָס ער האָט געלערנט. ר׳ זלמן איז געווען מלא חמה פאַר דער דאָזיקער מעשה. — אין פאַרוואָס זאָל אַ ייד טאַקי נישט געבוירן ווערן אַ למדן! וויייניק דאַרף זעך אַ ייד מאַטערן און פּלוגן צוליב אַנדערע דאגות אין הצתרכותן — דאַרף ער נאָך האָבן די דאגה אין דום מאַטערניש מיטן לערנען! זאָלן די גויים, וואָס האָבן נישט קיין אַנדערע דאגות, זאָלן זיי זעך מאַטערן עפּעס זעך אָפּצילערנען! אָבער אַ ייד דאַרף באַלד אַלץ קענען! — פלעגט ר׳ זלמן שרייען און געוואַלדעווען בקולי קולות.

עם-הארצים האָט ר׳ זלמן פיינט געהאַט תכלית שנאה. ער האָט זיי גערודפט עד חרמה. אפילו קליינע ייִנגלעך וואָס האָבן נאָך נישט געקענט לערנען, — האָט ער גערופן: עם-הארצים, חמור-קעפּ. ווען די ייִנגלעך פלעגן צו אים זאָגן: ר׳ זלמן, אין וויפיל מול האָט איר געקריגן געשמיסן פין אייער רבין וואָל איר האָט נישט געקאָנט לערנען? — דעמאָלט פלעגט ר׳ זלמן גאָר אַרויס פון די כלים. — וועם? מיעך האָט מען געשמיסן? נישט וואָל יעך האָב נישט געקענט האָט מען מיעך געשמיסן. נאָר וואָל אַזעלכע חמורים-קעפּ ווי עטיך האָבן נישט געקענט, דערפאַר האָט מען מיעך געשמיסן!

ווען אַ ייִנגל אין שטיבל פלעגט זיך אַמאָל איינשטעלן און צוגיין מיט דער גמרא פרעגן עפּעס ר׳ זלמן, פלעגט ער געבן אַ געשריי: — טרוג זעך אופּ! ביסט נישט חולה אַליין צו וויסן! — אַז

דאָס יינגל פלעגט אַ דערשראָקענער זיך פאַרבאַהאַלטן ערגעץ אין אַ ווינקל.

דער עולם האָט געטענהט צו אים: — זלמן, די גידענקסט דאָך די גמרא אין ראש־השנה: כל הלומד תורה ואינו מלמדה דומה להדס במדבר (דער וואָס לערנט תורה און לערנט זי נישט מיט אַנ־דערע איז געגליכן צו אַ הדס אין אַ וויסטע). אָבער ר׳ זלמן איז אפילו פון קיין גמרא נישט נתפעל געוואָרן. — כ׳זאָל אפילו וויסן צו זאָן אין צעיען גילגולים אַ הדס אין דער מדבר וויל יאָך בעסאָ דוס, איידאָ זיצן מיט חמורים־קעפּ באַ איין טיש אין מיט זיי קנעלן.

טייל האָבן געהאַלטן אַז ר׳ זלמנס ווידערווילן מיט יענעם צו לערנען, יענעמען עפּעס צו ווייזן, זאָגן, צי מסביר זיין, נעמט זיך דערפון, וואָס ר׳ זלמן אַליין האָט געהאַט זייער אַ שווערן קאָפּ. אַלץ וואָס ער האָט זיך אויסגעלערנט, אַלץ צו וואָס ער איז דערגאַנגען, אַלץ וואָס ער האָט דערגרייכט, האָט ער גענומען מיטן כוח פון אייגענער התמדה, מיט זיין משונהדיקן ווילן צו קענען לערנען. פון דאַנען זאָל זיך האָבן גענומען זיין כעס צו די וואָס קומען זיך פרעגן, וואָס אָנשטאָט אַליין זיך מאַטערן, ווי ער האָט זיך געמאַ־טערט, קומען זיי פרעגן אַ שאלה און ווילן באַלד באַקומען אַ פאַר־טיקן תירוץ, קומען באַלד צו אַ פאַרטיקער זאַך. האָט אים, זלמנען דער מלאך השיכחה יאָ אָפּגעטון אַזאַ מעשה און געמאַכט אים פאַרגעסן אַלץ וואָס ער האָט געקענט איידער ער איז געקומען אויף דער וועלט, און ער האָט זיך יאָרן געמאַטערט ביז ער איז געוואָרן אַ בן תורה, טאָ זאָלן זיך אַנדערע אויך אַזוי מאַטערן.

ס׳האָבן בכן נישט געהאָלפן אַלע שמועסן און טענות מיט ר׳ זלמנען. ער האָט בשום פנים ואופן נישט געוואָלט ווערן קיין מלמד.

אָבער ווען דאָס קליינע יידעלע מיטן רויטן בערדעלע ווי דער פלאָם פון אַ נשמה־ליכט, איטשעלע קובאַץ, האָט ביסלעכווייז אויפגעהערט ר׳ זלמנען צו קעכלען, ווען ער האָט אָנגעהויבן זעל־טענער אַרום אים אַרומגיין, און דער עיקר, ווען ער האָט אָנגע־

הויבן איבערהיפּערן מיטן ברענגען די יאַכלעך, איז ר׳ זלמנען גע־וואָרן מיטאַמאָל קאַלאַמוטנע אויפן האַרץ. ער האָט זיך געפילט ווי אַן איידעם וועמען דער שווער האָט אַראָפּגעזעצט פון די קעסט. ער האָט זיך דערמאָנט אַז עס גייט אַ ווינטער מיט פרעסט און מיט שנייען. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט ווי ער בלייבט אין אַזאַ ווינטער־נאַכט איינער אַליין אין שטיבל אַן אַ לעפל ווארעם גע־קעכץ. אים איז מיטאַמאָל אַ רחמנות געוואָרן אויף זיך אַליין. דאָס ביסעלע לייב, וואָס ער האָט גענומען אויף זיך זייט איטשעלע קו־באַץ האָט אים גענומען צוזען, האָט געפּאָדערט און געוועקט זיין צערטלעכקייט, ווי ס׳וועקט צערטלעכקייט אַ נײַ־געבוירן קינד.

ר׳ זלמן האָט פאַרלוירן זיין תקיפות. געגאַנגען מיט אַן אַראָפּ־געלאָזטן קאָפּ. אָנגעהויבן זיך צושאַרן צו מענטשן. לסוף האָט ער זיך פאַר איינעם פאַרטרויט, אַז מיט איין אָדער צוויי יינגלעך וואָלט ער שוין יאָ באַשטאַנען צו לערנען.

אָבער „אין התורה נקנית אלא בחבורה", האָט דער עולם געטענהט. מיט איין, צוויי יינגלעך איז קיין לערנען נישט. אָדער ר׳ זלמן וועט נעמען פינף — אָדער אינגאַנצן נישט. ר׳ זלמן האָט קיין ברירה נישט געהאַט. אַ פּאָר געציילטע טעג פאַרן ווינטער־זמן, אין חול המועד סוכות, אין דער לעצטער כמעט רגע, האָט ער מסכים געווען צו נעמען פינף יינגלעך. און ר׳ זלמן איז געוואָרן אַ מלמד.

ג.

ר׳ זלמן האָט אָנגעהויבן לערנען מיט זיינע תלמידים. ער האָט געלערנט די מסכתא שבת. אין אָנהויב האָט ער עס געטון אַזוי־אומגערן, כמי שכפאו שד. אָבער ביסלעכווייז איז ער זיך צעגאַנגען, דאָס לערנען האָט אים צעגומען. ער האָט געצויגן אַ בייזן תענוג פון די חומרות פון שבת. אים האָט זיך אָנגעהויבן אויסדאַכטן אַז ער איז שמאי הזקן און זאָגט אויף יעדן מינדעסטן טועכץ אין שבת: אסור. די פּטורי שבת האָבן אים ווי געטון... ער איז איצט

גרייט געווען פאַר דעם קלענסטן חילול שבת, אפילו בשוגג, דן צו זיין לסקילה. יעדע פון די ל״ט אב מלאכות זענען זיך ביי אים צע־וואַקסן צו דער גרויסקייט פון אַ באַרג, טאַקע פון באַרג סיני, אונ־טער וועלכן יעדער ייד וואָס וואַגט צו טוען עפּעס פון זיי — וועט פאַרשאָטן און באַגראָבן ווערן.

דער גאַנצער כעס וואָס ר׳ זלמן האָט געטראָגן אין זיך צוליב דעם וואָס מען האָט אים גענייט צו ווערן אַ מלמד, האָט ער איצט אַריינגעלייגט אין לערנען גופא. ער האָט געלערנט די סייגים און גדרים פון שבת מיט אַזאַ ברען, מיט אַזאַ אייפער, ווי ער אַליין וואָלט זיי איצט געשאַפן, ווי ער אַליין וואָלט זיי אויפגעשטעלט. ער איז גרייט געווען צו בינדן יעדן ייד מיט אייזערנע קייטן, ער זאָל נישט קאָנען עטעמען מיט גאָרנישט אַ חוץ מיטן אָטעם פון שבת...

נאָך אַזאַ שיעור איז ר׳ זלמן אוועקגעגאַנגען פון טיש אינ־גאַנצן אַ פאַרמאַטערטער. ער פלעגט זיך דעמאָלט צולענען אַביסל אויף דער באַנק, דערנאָך האָט מען אים געגרייט צום טיש און דערלאַנגט צום מיטאָג אַ יאכל.

דאָס יאכל האָט אים אַריינגעברענגט אַן אַלטע יידענע וואָס האָט געוווינט ביי אימיצן אין אַ שכנותדיק הויז. נאָך לאַנגע זוכע־נישן האָט הערש חיים, דער שמש פון אַלעקסאַנדער שטיבל, גע־פונען די דאָזיקע יידענע. זי איז געווען אַן אָרעמע אלמנה אָן קינדער. זי האָט זיך אונטערגענומען קאָכן פאַר ר׳ זלמן יעדן טאָג מיטאָג. ר׳ זלמן האָט געוואָלט יעדן טאָג אַ פרישן יאכל. פאַר דער טירחה האָט די יידענע געקריגן פאַר זיך אויך אַ טעלער יויך.

ווען די יידענע האָט דאָס ערשטע מאָל אַוועקגעשטעלט פאַר ר׳ זלמנען די יויך, האָט ער אַ דריי געטון מיט דער נאָז. אים איז דאָס יאכל משונהדיק נישט געפעלן געוואָרן. ער האָט גערן געהאַט אַ געלע יויך און אויף איר זאָלן אַרומשווימען גרויסע, פעטע, גלאַנצנדיקע אויגן. די יויך, וועלכע די יידענע האָט אים דערלאַנגט, איז געווען כמעט אינגאַנצן ווייס און אָן איין אויג.

ר׳ זלמן פלעגט נישט עסן קיין לאָקשן, צי פערפל, צי קאַר־טאָפל מיט יויך. דאָס האָט ער נישט ליב געהאַט. יויך איז ביי אים געווען אזא טייער, אַנגעלייגט מאכל, אַז ער האָט זי ליב געהאַט צו זיפּן אַ באַזונדערע, אַ ריינע, אָן דעם מינדסטן צומיש מיט עפּעס אַנדערש. אַזוי ווי ער האָט נישט סובל געווען קיין געמישטן ספּירט, אַזוי האָט ער נישט פאַרטראָגן אַ יויך מיט עפּעס אונטער דער יויך צוזאַמען.

די יאַכלעך וועלכע דאָס קליינע יידעלע, איטשעלע קובאַץ, פלעגט ברענגען פאַר ר׳ זלמנען, זענען געווען פון רייכע שטובן, וווּ מען האָט זיי געקאָכט אויף הינער, צי אויף אינדיקעס מיט רינדער־פלייש צוזאַמען. דערפאַר זענען זיי געווען פעט. אָבער די יידענע פלעגט קאָכן די יאַכלעך אויף אַ פּיצל רינדערן פלייש, טאָ פונוואַנען האָט דאָס יאַכל געקאָנט זיין פעט?

אָבער ר׳ זלמן האָט דערפון נישט געוואָלט וויסן. אַ גוט יאַכל איז געווען זיין גאַנץ עולם הזה, און ער האָט נישט בדעה געהאַט צוליב דער יידענע זיך אָפּצוזאָגן פון זיין עולם הזה...

אין אָנהויב איז ר׳ זלמן געווען צוריקגעהאַלטן, זיך געשעמט צו רעדן דערפון. ער איז געזעסן אַ בייזער, אָן אָנגעכמורעטער, אַ פאַרביסענער און מיט אָנוואַקסנדיקן כעס געזופּט די יויך.

דערנאָך, וואָס לענגער דאָס האָט געדויערט, האָט ער אָנגעהויבן אונטערצומורמלען. ער האָט געזופּט די יויך און עפּעס אַריינגערעדט אין זיך אומפאַרשטענדלעכע רייד. די יידענע האָט געזען, אַז ער איז עפּעס אין כעס. זי האָט זיך אָנגעהויבן אָנשטויסן אַז דאָס האָט עפּעס אַ שייכות מיט דער יויך. אָבער זי האָט אים נישט געוואָגט צו פרעגן.

נאָר אַז ר׳ זלמן האָט אָנגעהויבן אָפן אַרויסצוווייזן זיין כעס, זיך געוואָרפן און געמורמלט וואָס אַמאָל עפּטער און העכער, האָט אים די יידענע געפרעגט:

— ר׳ זלמן, איר האָט עפּעס טענות צו די יאָך?

ר׳ זלמן האָט נישט געקוקט אויף דער יידענע. ער האָט גע־קוקט אין טעלער אַריין און געענטפערט:

— ס׳איז דען אַ יאָך?

— וווּס דען איז עס?

— ס׳איז ריינע וואַסע.

— ר׳ זלמן, פאַרוואָס איז עס ריינע וואַסע? כ׳האָב עס גי־קאָכט אויף אַ שטיקל פלייש מיט פאַרבראָקעכץ.

— אַ יאָך דאַרף זאַן פעט.

— פונוואַנען, ר׳ זלמן, זאָל די יאָך זאַן פעט? פין דעם פּיצל פלייש מיט פאַרבראָקעכץ קאָן זי נישט זאַן פעט.

— אַ יאָך וווּס איז נישט פעט איז קאַ יאָך נישט. — האָט ר׳ זלמן אָפּגעפּסקנט און אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, וואָס האָט געהייסן, אַז די יידינע זאָל זיך גיין איר וועג.

מיט דער צייט האָט ר׳ זלמן אָן אויפגעבראַכטער אָנגעהויבן אָפּן רעדן פאַר די יינגלעך, אַז די יידענע איז אַ פּשוטע גנבטע, אַז זי באַגנבעט אים. זי נעמט זיך די פעטע יויך און אים גיט זי די מאָגערע, אַ ריין ביסל וואַסער. ווען ער האָט געהערט די יידענע אַריינקומען האָט ער אַ זאָג געטון צו די יינגלעך: — האַ, די גנבטע איז שוין דו! — אַנדערש ווי גנבטע, האָט ער זי איצט נישט גערופן.

פון די יינגלעך איז די יידענע געוואָר געוואָרן, אַז ר׳ זלמן איז זי חושד אין גניבה. זי האָט געקלאָגט און געוויינט. זי האָט געדראָט ר׳ זלמנען אַז איר מאַן, וועלכער איז אויך געווען אַ ייד אַ בן־תורה, וועט זיך אָננעמען איר עוולה, אַז ער וועט שוין וויסן ווי אַזוי מיט ר׳ זלמנען זיך אָפּצורעכענען.

ווען זי איז אַרויסגעגאַנגען האָט ר׳ זלמן זיך אָנגערופן צו די יינגלעך: וווּס וויינט זי? אַ גנב וויינט.

ס׳האָט גאָרנישט געהאָלפן. ר׳ זלמן האָט נישט געוואָלט גלויבן אַז די יידענע באַגנבעט אים נישט.

די יידענע האָט געסטראַשעט אַז זי וועט אויפהערן קאָכן די יאָכלעך פאַר ר׳ זלמנען, ר׳ זלמן האָט געסטראַשעט אַז ער וועט

איר אויפהערן געבן צו קאָכן. אָבער נישט ער האָט געהאַט ווער ס'זאָל אים קאָכן מיטאָג און איר איז נישט געווען אַזוי לייכט זיך אָפּצוזאָגן פון דעם טעלער יויך, ווען אפילו אַ מאָגערער.

די יידענע האָט אָנגעהויבן אַריינצוקומען אין שטיבל אַריין מיטן גאַנצן טעפּל אָפּגעקאָכטער יויך און געוויזן, אַז אַלע זאָלן זען, אַז ר' זלמנען גיסט זי אָפּ די ערשטע יויך און פאַר זיך לאָזט זי איבער דאָס ביסל וואָס בלייבט פון אונטן. אָבער ר' זלמן האָט נישט געוואָלט אפילו קוקן וואָס זי טוט. — כ'וויס דען נישט, — האָט ער געזאָגט צו די יינגלעך, — כ'וויס דען נישט, אַז זי האָט שוין פריער אַראָפּגעגנבעט דאָס פעטס.

ר' זלמנס חשדים האָבן זיך נאָר דערמיט פאַרשטאַרקט.

ד.

מאַכט זיך אָבער אין מיטן ווינטער, אַז די יידענע ווערט קראַנק און הערט אויף קאָכן פאַר ר' זלמנען די יאַכלעך. ס'זענען אָנגעקומען גרויסע פרעסט און ער איז געווען אָן אַ לעפּל וואַרעם געקעכץ. ער וואָלט שוין איצט באַשטאַנען צו עסן אַ מאָגער יאַכל, אַבי אַ יאַכל. אָבער די יידענע איז געווען שווער קראַנק. זי האָט אפילו נישט געקאָנט אַראָפּ פון בעט.

ר' זלמן איז געווען זייער מאַרקאָטנע. ער האָט זיך שוין גע־האַט זיינע רגילותן, געגעסן צו דער צייט, זיך אָפּגערוט. און דאָ מאַכט זיך גאָר אַזאַ מעשה! טאָקע אַ יידענע אַ גנבטע, אָבער פאָרט געהאַט אין איר קאָכן אַ שטיקל אחיזה.

איז וואָס טוט מען? רופט זיך איינמאָל אינדערפרי אָן איי־נער פון זיינע תלמידים: — רבי, איך קען קאָכן אַ יאָאָך.

דאָס יינגל וואָס האָט זיך אַזוי אָנגערופן, האָט געהייסן משה. געווען פון אַ רייכער אָבער דאָרפישער שטוב. זיין פאָטער האָט געהאַט אין לובלינער געגנט פעלדער און וועלדער. דאָס יינגל איז געווען כסדר אין דאָרף. נאָר ערשט צום אָנהויב פון זמן האָט דער

עלטערער ברודער זיינער, וואָס האָט חתונה געהאַט קיין וואַרשע, אים אַהער אַראָפּגענומען לערנען און אים אָפּגעגעבן צו ר׳ זלמנען.

אינאָנהויב האָט ר׳ זלמן וועגן דעם, אַז דאָס ייִנגל זאָל אים קאָכן אַ יאַכל, אפילו נישט געוואָלט הערן. אָבער דאָס וואָרט „יאַכל" האָט געצויגן. ר׳ זלמן האָט געפילט אַז פון די פּאָר טעג וואָס ער עסט נישט קיין יאַכלעך, האָט ער אַ לאָך אין האַרץ. עפּעס נאָגט אים ביים האַרץ־גריבעלע און דאָס גיט אים נישט קיין מנוחה. ס׳איז אים אפילו געווען שווער צונויפצונעמען די געדאַנקען. „נישט אַנדערש, נאָר כ׳על מיזן איבעררײַסן דאָס מלמדות" — האָט ר׳ זלמן געזאָגט צו זיך אַליין הויך אויפן קול. אָבער נעמען אַ ייִנגל און אים מבטל זיין פון לערנען, האָט ר׳ זלמן אויך נישט געקאָנט ביי זיך פועלן.

ביים האַרץ האָט אָבער געצויגן. נאָך אַ קיימאַ־לן פון אַ שעה אַמפּערניש מיט זיך, האָט ר׳ זלמן זיך אָנגערופן צום ייִנגל: — העיע, משה, אַז די זוגסט אַז די קענסט קאָכן אַ יאַכל, טאָ לאָמיר זעען ווּס די קענסט. נאָר קאָכן זאָלסטי קאָכן דו, אין שטיבל, נישט באַ די יידענע.

ר׳ זלמן האָט געגעבן דעם ייִנגל געלט. דאָס ייִנגל, משה, איז אריין צו דער יידענע געוואָר ווערן ווו זי קויפט דאָס פלייש. דער־נאָך איז ער געגאַנגען אין דער יאטקע. פון דאָרט איז ער מיטן פלייש געגאַנגען צו דער יידענע. זי האָט זיך געהייסן דערלאַנגען צום בעט וואַסער און אַ טאָפּ און אַ שעפּ און זאַלץ און דאָס זאַלץ־ברעטל. ווען זי האָט שוין דאָס אַלץ געהאַט נעבן זיך, האָט זי גע־הייסן משהן אַריינקומען אין אַנדערהאַלבן שעה אַרום, נאָך דעם ווי זי וועט שוין האָבן דאָס שטיקל פלייש אָפּגעגאָסן, אויסגע־ווייקט, אויסגעזאַלצן און אָפּגעשווענקט.

משה איז נאָך די אַנדערהאַלבן שעה געקומען צו דער יידע־נע. ער האָט גענומען דאָס שטיקל פלייש, אַ טעפּל און אַ נאַפּט־מאַשינקע און אריין אין שטיבל.

ער האָט געברענגט פּאַרבראָקעכץ. אַריינגעטון אַן אָפּגע־שיילטע ציבעלע, אַן אָפּגעשובענעם מייער און אַ פּיעטרושקע, פאַרגאָסן מיט וואַסער און אַריינגעלייגט דאָס שטיקל פליייש.

עטלעכע מאָל איז משה אַרויסגעגאַנגען אין מיטן לערנען אַ קוק טון וואָס הערט זיך מיט דער יויך. דאָס לעצטע מאָל, ווען ער איז אַריין אַ קוק טון צום טעפּל, האָט ער זיך אַ כאַפּ אַרויס געטון פון שטיבל, אַראָפּ אין סקלאַד־אַפּטעטשני און געקויפט פאַר עטלע־כע גראָשן ריצינאַייל.

ווען נאָכן זאָגן דעם שיעור האָט ר׳ זלמן זיך אַביסל אָפּגערוט, האָט משה געגרייט צום טיש און געזאָגט: — רבי, גייט אייך וואַשן צום עסן. ער האָט אָנגעגאָסן אַ טיפן טעלער יויך און אויף דער קאָכעדיקער יויך, גיך און געשיקט אַז קיינער זאָל נישט באַמערקן, אַרויפגעגאָסן אַ גרויסן לעפל ריצינאַייל.

ער האָט אַריינגעטראָגן צום טיש דעם טעלער יויך מיט אַ צעשמייכלט פּנים פול מיט גדלות. פונעם טעלער יויך האָט אַרויס־געקוקט אַ דיק, פעט, גלאַנצנדיק, אויפגעריסן אויג וואָס האָט פאַרנומען כמעט די גאַנצע גרייס פון טעלער.

ווי נאָר ר׳ זלמן האָט אַ בליק געטון אין טעלער אַריין און דערזען וואָס דאָרט טוט זיך, האָט ער אַ ווילדן שריי אויס געטון:

— האאאַ!!! עץ זעט די גנבטע!! כ׳האָב די גאַנצע צאַט געשריגן אַז זי באַגנבעט מעך! כ׳האָב גיוויסט אַז די יידענע שטעלט מעך בדלות! כ׳האָב גיוויסט אַז זי פרעסט אָף די פעטע יאָאַך און מיע געט זי אַביסל וואַסאַ!!

ר׳ זלמן האָט זיך געוואַשן. געמאַכט מיט גרויס כוונה די ברכה על נטילת ידיים. דערנאָך געמאַכט אַן המוציא איבער אַ שטיקל ברויט און זיך גענומען עסן די יויך. ער האָט זי געגעסן מיט אַזאַ פאַרטראָגנקייט, מיט אַזאַ געהויבנקייט, אַז ער האָט לגמרי נישט געפילט דעם אַנדערן טעם וואָס די יויך האָט דאָס מאָל געהאַט.

אָבער אין אַ קנאַפּ פערטל שעה נאָכן אויפעסן די יויך, האָט ר׳ זלמן באַקומען אַזאַ בויך־גרימעניש, ס׳האָט אים אַזוי גענומען

אין די געדערים, אַז הימל עפן זיך! די ריצינאייל אויף דער קאָכע־דיקער יויך האָט אים אַזוי געשובן די מעיים. אַז דער ייד איז חלילה געווען פאַרביי. ער האָט געהאַט אַזעלכע יסורים, אַז ער איז געבליבן ליגן ווי אַ פאַרחלשטער, ער האָט שוין גאָרנישט געפילט, ווי די קישקעס וואָלטן זיך אים איבערגעדרייט...

דאָס יינגל האָט זיך דערשראָקן און געמאַכט אַ געוואַלט. ס׳זענען זיך צונויפגעלאָפן עטלעכע שכנים. מען האָט ר׳ זלמנען צוגעלייגט הייסע קאָמפּרעסן צום בויך, מען האָט אים געגעבן פאַרשידענע טראָפּן, וואָספאַרא אימיצער האָט נאָר געהאַט אין שטוב. ר׳ זלמן האָט זיך אַ באַגאָסענער מיט שוויים געדרייט אין דרייען. ס׳האָט אים, לא עלינו, געהאַלטן אין איין יאָגן...

ס׳האָט געדויערט אַ שיינע פּאָר טעג ביז ר׳ זלמן איז אַביסל געקומען צו זיך. און ווען ער איז שוין געשטאַנען אויף די פיס, ווען ער האָט זיך אָנגענומען מיט אַביסל כוח, האָט ער זיך גענומען חוקר ודורש זיין דאָס יינגל, וואָס האָט אים געקאָכט די יויך.

ביי דער חקירה ודרישה איז א חוץ ר׳ זלמנען אויך געווען דער שמש פון שטיבל, הערש־חיים, און דאָס קליינע יידעלע מיטן רויטן בערדעלע, איטשעלע קובאַץ. ר׳ זלמן האָט קודם־כל אַראָפּ־געלאָזט מיט זיינע קנאָכיקע הענט צוויי פייערדיקע פּעטש אויף דעם יינגלס קיילעכדיקע דאַרפישע באַקן. אַזוי ווי דאָס יינגל האָט נאָר געכאַפּט די ערשטע פּעטש, האָט ער תיכף דערציילט די מעשה מיטן ריצינאייל. ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט געוואָלט אַז דער רבי זאָל כאַטש איין מאָל עסן אַ פעטע יויך...

הערש חיים און איטשעלע קובאַץ האָבן דאָס יינגל אַריבער־געלייגט איבערן טיש און אים אַראָפּגעצויגן די מכנסים און די תחתונים. ר׳ זלמן האָט אַראָפּגענומען דעם פּאַסיק פון די הויזן און גענומען שמייסן.

ער האָט געשמיסן מיט כעס, מיט באַסט און מיט אַלע כוחות. דאָס יינגל האָט געמאַכט קולות וברקים. אָבער ר׳ זלמן האָט גע־פילט אַז דאָס איז נאָך אַלץ גאָרנישט. מיטאַמאָל האָט ער אַ וואָרף

אַוועקגעטון פון זיך דעם פּאַסיק, צוגעפאַלן צום יינגל און מיט די ציין אים געביסן דעם גאָלן תחתון...

ר׳ זלמן איז אָפּגעפאַלן פון דעם יינגל אינגאַנצן אָן כוחות. משה האָט געקלאָגט ווי אויפן חורבן. ר׳ זלמן האָט זיך צו אים אָנגערופן: — די ווייסט, ווען כ׳וואָלט דעך אפילו דערהרגט וואָלט יעך על פּי דין געווען פּטור. שאַ! וויין נישט, ביז צי דער חתונה וועט עס זעך אָפּהיילן. — און ר׳ זלמן, וואָס איז נישט געוווינט געווען צו קיין צערטלעכקייטן, האָט דעם יינגל אָן אומגעלומפּערטן, ראַציקן גלעט געטון איבער זיינע קיילעכיקע פאַרוויינטע באַקן.

דעם פאַרנאַכט, ביי מנחה-מעריב, האָט ר׳ זלמן, וועלכער איז געווען א שונא ווייבער, געטראָגן עפּעס א פאַרבאַרגענע שנאה צו זיי, ביי „רפאנו" אין זינען געהאַט די אַלטע, קראַנקע יידענע, וואָס האָט אים געקאָכט די מאָגערע יאַכלעך. ווען זי איז געזונט געוואָרן, האָט זי ווידער אָנגעהויבן קאָכן פאַר ר׳ זלמנען מיטאָגן.

אָבער קיין יאַכלעך האָט שוין ר׳ זלמן נישט געלאָזט זיך קאָכן. איצט האָט די יידענע אַלע טאָג אים געקאָכט צום מיטאָג א גריץ. אַזוי לאַנג ווי ר׳ זלמן האָט געגלייבט, אז ער האָט אויף א פעטער יויך, נאָר די יידענע באַגנבעט אים, אַזוי לאַנג האָט ער געוואָלט אַז זי זאָל אים קאָכן יאַכלעך. און אפשר האָט ער געמיינט, אַז די יידענע וועט חוזר בתשובה זיין? אָבער ווען ס׳איז אים געוואָרן ברור כחמה, אז די יידענע האָט אים נישט באַגנבעט, נאָר אַז פון אַזאַ פּיצל פליש קאָן נאָר זיין א מאָגערע יויך, האָט ער מער אזא יויך נישט געוואָלט...

ער האָט אויך אָפּגעמאַכט ביי זיך צום נייעם זמן מער קיין מלמד נישט צו זיין. פּורים איז ער אַרומגעגאַנגען צו די טאַטעס פון די יינגלעך, מיט וועלכע ער האָט געהאַט געלערנט, און זיי אָנגעזאָגט זיי זאָלן איינדינגען זייערע יינגלעך צו אנדערע מלמדים.

מען האָט זיך ווידער גענומען צו ר׳ זלמן. מען האָט ווידער מיט אים איינגעטענהט. אָבער דאָס מאָל האָט שוין גאָרנישט גע־האָלפן. ס׳האָט אים אפילו נישט געאַרט דאָס מינדעסטע דער גע־

דאנק, אז ער האָט זיך נישט אָנגעגרייט אפילו אויף קיין מזון סעודה אחת. אים איז נישט אָנגעגאַנגען אז ער בלייבט בחוסר כל. ס׳איז אין אים ווידער אַריין אַ טראַציקייט. ער האָט ווידער מיט קיינעם נישט געוואָלט לערנען, קיינעם גאָרנישט געוואָלט זאָגן, קיינעם גאָרנישט ווייזן, אָדער צוּווייזן ביים לערנען.

אויף פּסח איז ר׳ זלמן געפאָרן קיין אַלעקסאַנדער צום רבין. דעם פּסח איז ר׳ זלמן געווען גאָר שטאַרק אויפגערוימט, נאַדזוויטשיינעדיק בשימחה. ווען ר׳ זלמן האָט זיך נאָך פּסח געזעגנט מיטן רבין און אים דערלאַנגט אַ קוויטל, האָט ער נאָר געבעטן אויף יראת שמים און אויף געזונט. וועגן פּרנסה האָט ער אפילו נישט מרמז געווען...

דער רבי, וועלכער האָט געוווּסט אַז ר׳ זלמן האָט זיך אָפּגעזאָגט פון מלמדות, האָט געלייענט לאַנג און פאַמעלעך זיין קוויטל. דערנאָך האָט ער פון אונטער דעם ברייטן ראַנד פון פלושענעם קאַפּעלוש אַ שאַרפן קוק געטון אויף אים און זיך אָנגערופן:

— זלמן, הכל בידי שמים חוץ מיראת שמים. זאָלסט געהאָלפן ווערן מיט אַ גרויסע הילף אין גשמיות.

ווי נאָר ר׳ זלמן איז אַרוים פון רבינס חדר זענען די חסידים, וואָס זענען געווען מיט אים צוזאַמען בשעת דעם געזעגענען, אים באַפאַלן און געשריגן צו אים פון גרוים התלהבות:

— זלמן, ביזט אַ געהאָלפענער! זלמן, נעם שוין אַ לאָטעריעצעטל! וועסט זעיען אַז וועסט געהאָלפן ווערן מיט אַ גרוים געווינס!

אָבער ר׳ זלמן האָט איצט נישט געהאַט דעם מינדעסטן חשק צו געלט. ער איז געווען אינגאַנצן אויסגעטון פון תאוות ממון, אַז ער האָט אפילו נישט געקאָנט אַ טראַכט טון וועגן דעם. אים איז געווען קשה וואָס דער רבי האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף גשמיות דווקא. אָבער מעמיק זיין דערין האָט זיך ר׳ זלמן איצט נישט מעמיק געווען.

דעם טאָג האָט מען אין אַלעקסאַנדער הויף אויסגעפּלעט אַ ש"ס. דאָס געלט פאַר די פּלעטן איז געגאַנגען פאַר די ישיבה־בחורים. מען האָט פאַרקויפט אָן אַ שיעור פּלעטן. ר׳ זלמן האָט געקויפט איינעם פון זיי, און ער האָט טאַקע געוווּנען דעם ש"ס.

אַלע חסידים זענען געווען זיכער, אַז ר׳ זלמן האָט מחמיץ געווען אַ גרויסע געלעגנהייט. ווען ער נעמט אַ לאָטעריע־צעטל, וואָלט ער זיכער געווינען די פינף און זיבעציק טויזנט...

די מעשה מיט דער גאנדז

א.

דאָס קליינע יידעלע מיטן קליינעם רויטן בערדעלע ווי דער פלאָם פון אַ נשמה־ליכט, איטשעלע קובאַץ, איז צוגעשטאַנען צו ר׳ זלמנען ער זאָל דורכאויס מיט אים אַרויספּאָרן צו ר׳ שלמה גבאי, וועלכער איז לעצטנס געוואָרן אַ חלוש און געוווינט אין פּאַלעניץ אויף זומער־וווינונג.

— זלמן, שלמה גבאי האָט דעך געבעיטן זאָלסט למען השם אַראָפּקימען צי אים עם מבקר חולה זאַן, — האָט אַמאָל אין אַ פאַרנאַכט ביי מנחה געזאָגט איטשעלע קובאַץ צו ר׳ זלמנען.

ר׳ זלמן איז געווען אַ שונא די „ליעטניע מיעשקאַניעס״ (זומער־וווינונגען). ער האָט דאָס געהאַלטן פאַר הוללות און פריצות, פאַר פּוסט און פאַרשייט. ושומר נפשו ירחק מהם. אַ ליטווישער מענטש דאַרף זיך האַלטן מיילן ווייט דערפון, און אַ חסידישער ייד על אחת כמה וכמה.

ווען ער האָט אַמאָל געהערט רעדן צווישן די חסידים, אַז זומער דאַרף מען אַרויספאָרן אויף „פרישע ליפט״, האָט אים אָנגענומען אַ בייז געלעכטער. — נישטאָ קאַ בעסערע פרישע ליפט ווי די ליפט פין די חסידים־שטיבלעך, נאָר אָך און וויי צי די וואס קענען נישט עיטעמען מיט דעיער ליפט, — האָט ר׳ זלמן געחוזקט פון די שטיבל־יידן, וואָס האָבן גערעדט מיט אַ פרומער פאַרטראַגנקייט וועגן דער פרישער לופט פון פאַלעניץ און אָטוואָצק.

— הא, די וואַבאַ, די וואַבאַ ווילן — האָט ר׳ זלמן מיט שפּאָט גערעדט צו די חסידים אין שטיבל, וואָס האָבן זיך געגרייט פאָרן

אויף זומער-וווינונג. ער האָט זיי צוגעוווּנקען מיט זיינע שמאָלע, רויט געליאַמעוועטע אויגן, ווי זיי געגעבן אָנצוהערן, אַז ער פאַרשטייט אַז זיי לאָזן זיך פירן פון די ווייבער זייערע ביי די נעז, און זיין פּנים פלעגט זיך אויסקרומען פון ביטול און עקל.

ר׳ אברהם-ברוך דער נגיד און אייביקער חלוש, איז אַמאָל פאַרנאַכט געזעסן אין שטיבל און גערימט פאַר די אָרעמעלייט דעם ריח פון די אַטוואָצקער סאָסנע-ביימער.

— שוטה שבעולם, — האָט זיך ר׳ זלמן אָנגערופן מיט כעס, — איין שמעק דערמאַנס טאַביק איז מעיער ווערט ווי דוס גאַנ-צע געשמעקעכץ פין אַלע ביימער פין גאַנץ אַטוואָצק.

ווען דער עולם האָט אָנגעהויבן זומער שיטערער ווערן אין שטיבל, צוליב די אַרויספאָרעכצער אויף זומער-וווינונג, האָט עס אין ר׳ זלמנען געקאָכט און געזאָטן. ער איז געווען אש להבה. כאָטש ער איז נישט געווען קיין מעורב בין הבריות, האָט ער אָבער ליב געהאַט ברוב עם. ווען ס׳איז אין שטיבל געווען אַ גרויסער עולם, ווען ס׳איז געווען געדיכט פון מענטשן, האָט זיך ר׳ זלמן עפּעס גאָר אַנדערש געפילט, בעסער און זיכערער. כאָטש ער האָט גע-האַט צו יעדערן טענות און מיט יעדן געהאַט צו טון, איז אים אָבער געווען ניחא וואָס ער האָט צו טון מיט אַ סך מענטשן, וואָס ער האָט צו אַ סך מענטשן טענות. ער האָט גערן געהאַט אַרומ-צוגיין אין שטיבל, פון איין שטוב אין דער צווייטער, און מורמלען און וואָרטשען אַז אַלע, דער גאַנצער עולם זאָל הערן, אַז ער, זלמן, איז פון זיי שוין ווייט נישט נתפעל.

עטלעכע מאָל האָט איטשעלע קובאַץ דערמאָנט ר׳ זלמנען אַז מען דאַרף אַרויספאָרן צו שלמה גבאי מבקר חולה זיין, אָבער יעדעס מאָל האָט ר׳ זלמן אים אָפּגעפּטרט מיט אַן עט און מעט.

ביז איינמאָל האָט זיך איטשעלע קובאַץ אָנגעזעצט אויף ר׳ זלמנען, אַז ער מוז מיט אים אַרויספאָרן צו ר׳ שלמה גבאי: — זלמן, זאָלסט וויסן זאַן, אַז כ׳האָב מודיע געווען צו שלמה גבאי, אַז מאָרגן קימען מיע צי פורן. יעך פור אָבעט. יעך וועל דעך קימען נעמען

און יעך וועל באַצולן פאַר די בילעטן אויף הין און קריק. כ׳האָב אָך באַפוילן אַז מע זאָל צוגרייטן אַ גור וואַזשנע סעודה.

פאַרוואָס האָט דאָס קליינע יידעלע, איטשעלע קובאַץ, געוואָלט אַזוי שטאַרק אַז ר׳ זלמן זאָל אַרויספאָרן צו ר׳ שלמה גבאי קיין פאַלעניץ, פאַרוואָס איז עס אים אַזוי געגאַנגען בנפשו, בלייבט אַ פּלא. אפשר האָט ער געוואָלט ווייזן ר׳ זלמנען, אַז זומער־וווינונג איז שוין דווקא יאָ אַן ענין, און אפשר האָט דאָס קליינע איטשעלע, וואָס האָט אַזוי אָפּט ליב געהאַט צו דאָקוטשען ר׳ זלמנען און זאָגן אויף אים אַז ער איז אַ קל, אפשר האָט ער געוואָלט מיטן ווייזן ר׳ זלמנען די זומער־וווינונג אים אַראָפּפירן פון „דרך הישר״? ווער ווייסט וואָס אין קונדסישן קאָפּ פון דעם קליינעם יידעלע האָט זיך אַלץ אָפּגעטון, ווער ווייסט וואָספאַראַ שפּיצל ער האָט צוגעטראַכט.

ווי ס׳זאָל נישט זיין, נאָר דאָס מאָל האָט ר׳ זלמן זיך שוין מער נישט געקאָנט אַרויסדרייען פון דעם עסק און געזאָגט: — מילא, גיט, וועל יעך פורן.

* * *

צומאָרגנס, געווען איז דאָס אין אַ מיטוואָך, איז באַלד נאָך שחרית און אָנבייסן געקומען אין שטיבל אַריין דאָס קליינע יידע־לע, איטשעלע קובאַץ, און זיך אָנגערופן צו ר׳ זלמנען:

— ני, זלמן, ביסט שוין פאַרטיק?

— ס׳איז נישט קאָ זאַ וואַזשנע מציאה מע זאָל דאַרפן מאַכן דעצי הכנות — האָט ר׳ זלמן געענטפערט מיט ביטול. ער האָט אַרויפגעלייגט דאָס גרויסע טוכענע היטל אויף דעם פאַרפעדערטן סאַמעטענעם קאַפּל, אַרויפגעצויגן אויף זיך דעם סאַק, וואָס איז געווען מער גרין ווי שוואַרץ, אַ קוש געטון די גרויסע מזוזה ביי דער טיר און זיך געלאָזט גיין נאָך איטשעלען.

— מעט פורן מיט דער קורטשעווער קאָלעיקע אין נישט מיט דע גרויסע קאָלע, אין ביז צי די קאָלעיקע וועט מע פורן מיטן

עלעקטרישן טראַמוויי, — האָט איטשעלע אַרויסגעלייגט פאַר ר׳ זלמנען דעם סדר פון דער נסיעה.

זיי זענען געגאַנגען צום מוראַנאָווער פּלאַץ, ווו ס׳איז געשטאַנען דער טראַמוויי נומער פיר, וועלכער האָט געפירט קיין פּראַגע.

ביי דער טראַמוויי-סטאַציע איז געשטאַנען אַ קליין האָלצערן הייזל, אַרום וועלכן ס׳זענען געזעסן אויף בענק טראַמוואַיאַזשעס (טראַמוויי-אָנגעשטעלטע), מאָטאָר-פירער און קאָנדוקטאָרן. זיי זענען געזעסן און יעדער פון זיי האָט געהאַלטן אויף דער שויס פונאַנדערגעשפּרייט אַ ווייס פּאַפּיר, אויף וועלכן ס׳זענען געלעגן אויסגעלייגט שטיקער ברויט מיט חזיר-פליייש, אָדער מיט חזיר-פעטס. די קריסטן האָבן געגעסן און פאַרטרונקען מיט מילך אָדער טיי פון פלעשער, וואָס זיי האָבן געהאַלטן אין די זייטיקע קעשענעס פון זייערע טונקל-גרויע מונדירן.

ר׳ זלמן איז זייער זעלטן אַרויסגעגאַנגען פון שטיבל. יאָרן לאַנג דאָרט כמעט כסדר פאַרבראַכט. בלויז שבת און יום-טוב ווען ער פלעגט קומען צו אונדז עסן, איז אים אויסגעקומען אַדורכצוגיין אַ שטיקל וועג. אָבער דעמאָלט זענען די גאַסן געווען פול מיט יידן וואָס זענען מיט טלית-זעקלעך אונטער די אָרעמס געגאַנגען פון די שטיבלעך, שולן און בתי-מדרשים. זיי זענען געגאַנגען איבער דער גאַנצער ברייט פון טראָטואַר. קיין גויים האָט מען אינגאַנצן נישט געזען.

ווען איטשעלע קובאַץ און ר׳ זלמן זענען צוגעקומען צום מוראַנאָווער פּלאַץ און אַדורכגעגאַנגען נעבן די בענק מיט די טראַמווייאַזשעס, בכדי צוצוקומען צום טראַמוויי, האָט זיי אַ שלאָג געטון אין די נעז אַריין דער גויאישער ריח פון חזיר-פליייש, ר׳ זלמן האָט זיך אַזש פאַרקרימט. אים איז באַלד געוווען דערווידער דאָס גאַנצע עסק מיטן פאָרן. ער האָט אַ טראַכט געטון — אפשר צוריקגיין? אָבער איטשעלע איז שוין געשטאַנען אויפן פּלאַטפאָרם

פון טראַמוויי און געשלעפּט ר׳ זלמנען ביי אַ האַנט, געהאָלפן אים אַרויפגיין אויפן הויכן טראַמוויי־שטיגל.

ווען זיי זענען געפאָרן דורך די גאַסן: נאַלעווקעס, פראַנ־ציסקאַנער און שוויענטאָ יערסקע, וואָס די פרומע יידן האָבן זי גערופן יורסקע, זענען אין טראַמוויי געווען כמעט בלויז יידן. אָבער ווען זיי זענען אַריינגעפאָרן אויפן קראַשינסקי־פּלאַץ, האָבן זיך אין טראַמוויי אַ שיט אַריין געטון קריסטן פון פאַרשידענער גרייס און אויסזען: הויכע און ברייטע, שמאָלע און לאַנגע, מיט קיילעכיקע אָפענע צעשמייכלטע פנימער און מיט אויסגעצויגענע, פאַרביסענע און פאַרכמורעטע. אַלע זענען זיי געווען גוט אויסגע־ראַזירט און כמעט אַלע האָבן געהאַט דיקע, בלאָנדע אָדער בלאָנד־גרויע וואָנסעס. אַלע האָבן זיי געטראָגן טעקעס אין די הענט, נאָר ביי טייל זענען איבער די טעקעס געלעגן אָנגעיווירן מיט אַ סך שטאָף זייערע שוואַרצע געריכטס־טאָגעס. טייל פון זיי האָבן געטראָגן שוואַרצע טוזשורקעס מיט שוואַרצע האַרטע קאַפּעליושן אויף די קעפּ און טייל זענען געגאַנגען אָנגעטון אין שוואַרצע מונדירן מיט גרינע וויפּוסטקעס הן אַרום די מלבושים, הן אַרום זייערע פלאַטשיקע קיילעכיקע שוואַרצע היטלען.

ס׳זענען אין טראַמוויי אויך איינגעשטיגן קריסטינס, עלטע־רע און יונגע, אויך אַלע מיט טעקעס אין די הענט. זיי האָבן געטראָגן פלאַטשיקע שטרויענע הוטן אַרומגענומען מיט אַ גראַ־נאַט אָדער ברוינער באַנד, און לייכטע מענטעלעך, גרויע אָדער ברוינע.

דאָס זענען אַלץ געווען אַדוואָקאַטן און זייערע געהילפן, דעפּענדענטן און דעפּענדענטקעס, רעיענטן, קאָמאָרניקעס און אַנדערע געריכטס־אָנגעשטעלטע. זיי זענען געפאָרן פון די גע־ריכטן, פון דער היפּאָטעק, פון די קאַבינעטן פון געריכטס־סעק־רעטאַרן, רעיענטן און קאָמאָרניקעס, פון דעם גאַנצן געריכטס־אַפּאַראַט, וואָס האָט זיך געפונען אויף דעם קראַשינסקי־פּלאַץ, אויף די גאַסן מיאָדאָווע און דער דערנעבנדיקער היפּאָטעטשנע.

טייל פון די מענטשן האָבן געפירט דעם נאָך אָנגעהויבענעם אין געריכטס־זאַל געשפּרעך צווישן זיך. טייל האָבן זיך ערשט דאָ באַגריסט. דער טראַמוויי איז וואָס עפּטער פאַרבייגעפאָרן הייזער, אויף וועלכע ס׳זענען געווען צלמים און די קריסטנס האָבן זיך געצלמט און די קריסטן האָבן אונטערגעהויבן די הוטן זייערע. מיט־אַמאָל האָט זיך דער טראַמוויי אָפּגעשטעלט און אַדורכגע־לאָזט אַ פּאַמעלעך פאַרבייציענדיקן פּאַגזשעב מיט גלחים, מיט נאָנעס, מיט צלמים און אָנגעצונדענע לאַמטערנעס. די קריסטנס האָבן טיף זיך פאַרבויגן און זיך האַסטיק געצלמט. די קריסטן האָבן זיך האַלב־אויפגעשטעלט און אַראָפּגענומען די הוטן. אַלע האָבן געקוקט אויף די צוויי נישט־גלויביקע, אויף ר׳ זלמנען מיט דער גרוי־ווייסער באָרד און צעפּלאָשעטע פּיאות, און אויף אי־טשעלען מיטן רויטן בערדעלע, — מיט פאַראַכט און שנאה.

ר׳ זלמן האָט זיך אויף זיין אָרט אין טראַמוויי געדרייט ווי אַ שלאַנג. די גויים, די גויעס, די צלמים, די גלחים, דאָס אַלץ איז אים געווען אַזוי דערווידער, ממש נישט אויסצוהאַלטן. ער האָט אין האַרץ געשאָלטן דעם קליינעם איטשעלע, וואָס האָט אים אָנ־געראָדט צו דער נסיעה, מיט קללות און חרמות. ער האָט געביילט די פויסטן, זיך איינגעהאַלטן מיט אַלע כוחות נישט אַרוים אויף איטשעלען שוין דאָ, אויפן אָרט, מיט אַ פּסק, אַז יענער זאָל אים האָבן צו געדענקען.

דאָס קליינע איטשעלע מיטן רויטן בערדעלע איז געזעסן אַנטקעגנאיבער ר׳ זלמנען און אים געשפּיזט מיט זיינע פלינקע, ברוין־ראָזאַ קוילעכיקע אייגעלעך ווי ביי אַ וויעוווירקע. ער האָט געזען אַז ר׳ זלמן איז מלא כעס, אַז ער קאָרטשעט זיך אין דרייען, אָבער אים האָט דאָס דווקא הנאה געטון און ער האָט פאַר ר׳ זלמנען גאָרנישט אויסבאַהאַלטן זיין בליק מיטן טראַציקן שדישן שמייכעלע.

איטשעלע קובאַץ האָט געהאַלטן אַז ר׳ זלמן ווייסט אינגאַנצן נישט, פּילט אינגאַנצן נישט דעם עול הגלות. ער אַליין, איטשעלע,

האָט מפרנס געווען שטאַרק בדוחק זיין נײַן־נפשותדיקע משפּחה, פון אָפּקױפן ביי די קריסטלעכע שניידערס די שטיקלעך, דאָס אָפּ־פאַלעכץ פון די פאַרשידענע מאַנופאַקטור־סחורות. נישט איינמאָל איז אים אויסגעקומען אויסצושטיין ביזיונות פון די קריסטלעכע שניידער־געזעלן, נישט איינמאָל האָט ער געמוזט אַוועקקוקן אויף זאַכן, אויף וועלכע ער וואָלט קיינמאָל נישט געווען אַוועקגעקוקט. נישט איינמאָל האָט ער געמוזט צושמייכלען צום ניבול־פה וואָס די שניידער־יונגען האָבן גערעדט דווקא ווען ער איז גראָד דער־ביי געווען. ער האָט זיך נישט איינמאָל געמוזט משפיל זיין, אַלץ צוליב דעם בידנעם ביסל פּרנסה וואָס איז שווער כקריעת ים סוף.

אָבער ר׳ זלמן איז זיך געזעסן אין שטיבל. אַ פרייער פויגל, פריי פון עול הגלות. גאַנצע יאָרן צווישן חסידים. ווען ער איז שוין אַמאָל אַרויס אין גאַס, איז ער געגאַנגען נאָר אין יידישע גאַסן, און דאָס אויך שטענדיק צווישן אַן עולם שטיבל־יידן.

האָט עס טאַקע איצט איטשעלען הנאה געטון וואָס ר׳ זלמן איז טועם דעם ביטערן טעם פון גלות. נישט זעלטן ווען ער פלעגט זיך קריגן מיט ר׳ זלמנען, האָט ער צו אים געשריגן: — זלמן! די־ האָסט אַ לאַכט לעיבן און עין הרע. כעל דעך אביסל שיקן צי־ מאַנע גויים, וועסטי ויסן ווּס איז דוס אַזוינס זאַן אין גלות!

איצט האָט דאָס קליינע איטשעלע נקמה גענומען אין ר׳ זלמנען. ער האָט אים געלאַכט גלייך אין די אויגן אַריין דווקא דעמאָלט, ווען ער האָט געזען אַז ר׳ זלמן איז אויסער זיך פון כעס.

ווען דער טראַמוויי האָט זיך אָפּגעשטעלט נאָך דער קערבע־דזשער בריק, האָט איטשעלע זיך אויפגעשטעלט, אַ צי געטון ר׳ זלמנען ביי אַן אַרבל, אַ ווונק געטון צו אים ער זאָל גיין נאָך אים.

ווי נאָר זיי זענען אַרויס פון טראַמוויי, אַרויף אויפן טראָטואַר, איז זיי אַנטקעגנגעלאָפן אַ שגץ און געשריגן צו ר׳ זלמנען: — העי, זשידזשיע, פּעיסי, פּעיסי! און געמאַכט מיט די הענט אַזעלכע באַוועגונגען ביי די אויערן זיינע, ווי ער וואָלט געריסן פּיאות.

ר׳ זלמנען האָט נישט פאַרדראָסן אויפן שגץ, ווייל „ס׳איז דאָך אַ באַוווּסטע זאַך אַז עשו האָט פיינט יעקבן״, אים האָט נאָר פאַרדראָסן אויף דעם שייגאַץ איטשעלע קובאַץ, וואָס האָט זיך אָנגעזעצט אויף אים אַרויסצוטרײַבן אים פון שטיבל און אַרומשלעפן צווישן גויים אין אַ גויִישער וועלט.

פון גרויס צאַרן האָט ר׳ זלמן נישט געקאָנט אַרויסבאַקומען פון זיך אַ וואָרט. ער איז געגאַנגען מיט די שטיינערנע שטיגן וואָס האָבן געפירט פון אַ זייט פון דער קערבעדזשער בריק ביז אַראָפּ צום אָרט ווּ ס׳איז געווען די סטאַציע פון דער קאָלעיקע. די שטיגן זענען געווען אַ סך און הויכע. בלית ברירה האָט ר׳ זלמן זיך געמוזט אָנהאַלטן אין איטשעלעס אָרעם, כאָטש ער האָט אים נישט געקאָנט סובל זיין, ס׳איז אים געווען איבער דער טבע דאָס אָנהאַלטן זיך אין אים.

ווען זיי זענען שוין ענדלעך אַריין אין דער קאָלעיקע האָט ר׳ זלמן אָפּגעעטעמט. אין דעם לאַנגן און שמאָלן וואַגאָן איז אַ חוץ זייביידע כמעט קיינער נישט געווען. ר׳ זלמן איז געזעסן מיט פאַרמאַכטע אויגן, נישט געוואָלט קוקן אויף דעם קליינעם איטשעלע, און אין אים האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן אָנצושווימען אַ לייטזעליק געפיל פון מנוחה.

אָבער אַ פּאָר מינוט איידער די קאָלעיקע האָט גערירט פון אָרט, האָבן אין וואַגאָן אָנגעהויבן אַריינשטראָמען מחנות גויעס, יונגע און אַלטע, און יעדע מיט עטלעכע קוישן אָדער קאַנען אין די הענט. אַלע האָבן זיי געהאַט אויף די קעפּ רויטע טיכלעך אין בלומען, געגאַנגען אָנגעטון אין צעכראַסטעטע בלוזקעס און אין ברייטע ספּודניצעס, און אַלע באָרוועס. אין עטלעכע רגעס איז געוואָרן אַזאַ ענגשאַפט אין וואַגאָן, אַז אַלע דורכגענג און די ערטער צווישן די בענק זענען געווען אָנגעפּאַקט מיט גויעס, וואָס האָבן געשטיפּט און זיך איבערגעשריגן. אויף ר׳ זלמנען האָט געשפּאַרט אַ יונגע גויע, וואָס האָט דורכויס געוואָלט מאַכן אַן אָרט פאַר אירס אַ חברטע. אַ גויע וואָס איז געשטאַנען נעבן ר׳ זלמנען

האָט אָנגעשפּאַרט אירע קוישן אויף זיינע קניען. ר׳ זלמן האָט זיך איינגעצן צונויפגעקאָרטשעט, איינגעצויגן הענט און פיס און קאָפּ און זיך איינגעצן געוואָלט פאַרבאַהאַלטן אין זיין סאַק ווי אַ טשע־רעפּאַכע אין איר פּאַנצער. אָבער דאָס געדראַנג פון די גויעס איז דערמיט נישט געוואָרן קלענער, פאַרקערט, דער דרוק אויף אים איז געוואָרן נאָך שטאַרקער. ר׳ זלמן האָט זיך געפילט אינגאַנצן אַ פאַרלוירענער. ווען ער קריגט איצט אין די הענט אַריין דעם קליינעם איטשעלע וואָלט ער אים קורע כדג געווען. אָבער די גויעס האָבן זיי פונאַנדערגעטיילט, פאַרשטעלט איינעם פאַרן אַנ־דערן און זיי האָבן זיך נישט געזען.

דאָס קליינע יידעלע, איטשעלע קובאַץ, האָט גוט פאַרשטאַ־נען וואָס ס׳טוט זיך אָפּ אין ר׳ זלמנען. ער האָט כסדר געשמייכלט פון פאַרגעניגן. ער האָט זיך דערביי פאַרשטעלט דאָס פּנים, אַז די גויעס זאָלן אַמאָל נישט מיינען אַז ער שמייכלט צו זיי...

אויף דער סטאַציע אַניִן, האָבן זיך אַלע גויעס מיט איין מאָל געגעבן אַ שיט אַרויס פון וואַגאָן. ר׳ זלמן האָט אַזאַ בליק געטון אויף איטשעלען, ווי ער וואָלט זיך געגרייט אים איינצושלינגען. אָבער די שמחה וואָס ער איז פּטור געוואָרן די גויעס איז ביי ר׳ זלמנען געווען אַזוי גרויס, אַז ער האָט שוין איטשעלען גאָרנישט געזאָגט.

ב.

ווען זיי זענען אָנגעקומען קיין פאַלעניץ, האָט ר׳ זלמן גע־עפנט ברייט און פריי די אויגן. באַלד אויף דער סטאַציע האָט מען געזען בלויז יידן. ברייטע בעל־עגלות מיט ברוינע פּנימער און גע־דיכטע בערד, אין יידישע היטלען און אין לאַנגע קאַפּאָטעס, זענען געשטאַנען מיט בייטשן אין די הענט און געוואַרט אויף געסט וואָס זאָלן פאָרן מיט זייערע ברישקעס אויף הויכע רעסאָרן. יידן אין טונקעלע קאַפּאָטעס, אין גרויסע טוכענע היטלען און ווייבער־

אַרומגענומען די קעפּ מיט שוואַרצע שאַלן, האָבן געשלעפּט פּעק מיט זעק. קליינע יינגלעך מיט געקרייזלטע פּיאות, אין אַכטקאַנטיקע היטעלעך און אין לאַנגע קאַפּאָטקעלעך האָבן געהאָלפן טראָגן פּעקלעך. מען איז געלאָפן, געקרעכצט, געשריגן און געשוויצט. באַלד נעבן דער סטאַציע איז געווען אַ מאַרק. יידענעס אין קופּקעס, אין הייבלעך, אין טיפע פּעלענע שייטלען און טייל מיט טיכלעך אויף די קעפּ, זענען געשטאַנען איבער קוישן אויבסט, גרינוואַרג, געבעקס, אייער, פּוטער און קעז, לעבעדיקע עופות און געשאָכטענע עופות, און געשריגן און גערופן און גערעדט מיט אַלע כוחות. נעבן טייל פון זיי זענען געשטאַנען מאַנצלייט, שמאָלע, שטילע ווי פאַרשעמטע און מיט עפּעס צוגעהאָלפן די ווייבער זייערע.

ר׳ זלמן האָט מיטאַמאָל דערזען אַ יידישע וועלט, אַ וועלט מיט יידן. ס׳איז אים געוואָרן היימלעך, וואַרעם אויף דער נשמה. ער האָט שוין איצט געקוקט אויף דעם קליינעם איטשעלע, אָבער גערעדט צו אים האָט ער נאָך אַלץ נישט...

זיי זענען פאַרביי דעם מאַרק און אַריין אין אַ גאַס וואָס האָט געהאַט אין ביידע זייטן ווילעס, אַרומגעצוימטע מיט האַלב־איינגעפאַלענע, האַלב־פאַרפוילטע, פון צייט און רעגן, פּאַרקאַנעס. אייבער די ווילעס האָבן זיך געדרייט יידן, אין צווייען אָדער אַליין, אָנגעטוען אין בלויע סיצענע שלאַפראָקן, פון וועלכע ס׳האָבן זיך אַרויסגעזען ברייטע און לאַנגע טלית־קטנס, און מיט הויכע סאַמעטענע קאַפּלען אויף די קעפּ. זיי האָבן געשמועסט צווישן זיך אָדער געגאַנגען סתם אַליין און זיך געמוחט. יידן מיט אויסגעבלייכטע, פאַרגעלטע פּנימער זענען געלעגן אויף ליג־שטולן און אַריינגעקוקט אין ספרימלעך, וואָס זיי האָבן געהאַלטן אין זייערע דאַרע הענט. אויף וועראַנדעס זענען געזעסן יידן ביי טישן און געלערנט הויך אויפן קול. אין טייל ווילעס זענען ביי טישן אינמיטן וואַלד געזעסן עטלעכע יינגלעך מיט אַן עלטערן ייד און גאַר געשמאַק געלערנט. כמעט פון יעדן הויז האָט זיך געטראָגן אַ קול תורה.

ר׳ זלמן, וועלכער האָט אַלעמאָל געשריגן אַז זומער וווינונג איז הוללות און פּריצות, איז איצט געווען אַ שפּאַר ביסל געפּלעפּט פון דעם, וואָס ער האָט געזען און געהערט. נעבן אים איז געגאַנגען דאָס קליינע יידעלע, איטשעלע קובאַץ, און שטאַרק הנאה געהאַט פון ר׳ זלמנס געפּלעפּטקייט. ער האָט געוווּסט, דאָס קליינע איטשעלע, אַז עס איז פאַראַן דאָ נישט ווייט אַ מיעדזשין, אַ מי־כאַלין און אַ שווידער, ווו זכרים מיט נקבות באָדן זיך האַלב־נאַקעטע בערבוביה, רחמנא ליצלן. ער האָט אַלץ געוווּסט אָט דאָס קליינע חסידישע יידעלע, איטשעלע קובאַץ, אָבער ר׳ זלמנען האָט ער וועגן דעם גאָרנישט דערציילט, און נאָר איצט אָנגעקוואָלן פון זיין פאַרטשמעלעטקייט.

ר׳ זלמן און איטשעלע זענען צוגעקומען צו דער ווילע אין וועלכער ס׳האָט געוווינט ר׳ שלמה גבאי. ס׳איז דאָרט געשטאַנען אַ קליין איינגעבויגן הייזל אין אַ קאָליר פון אַן אָפּגעלעגענער מאָרעל. אויף דער וועראַנדע פון עטלעכע בעלקעס, פון וועלכע ס׳האָט זיך שוין געשיט פּרעכנע, איז אין אַ הילצערנעם פאָטער־שטול אויף אַ גומענעם בייגל געזעסן אַן אָפּגעמאָגערטער מיט אַ געל פּנים ר׳ שלמה גבאי.

ר׳ שלמה האָט זיך שטאַרק דערפרייט מיט די געסט. ער האָט זיי אָפּגעגעבן אַ ברייטן שלום־עליכם און געהייסן זיי דערלאַנגען שטולן, אַז זיי זאָלן נישט דאַרפן זיצן אויף די פּשוטע בענק, וואָס זענען געשטאַנען פון ביידע זייטן פון לאַנגן טיש. ר׳ שלמהס ווייב האָט דערלאַנגט טיי. ר׳ זלמן האָט זיך געהייסן צוגיסן טיי־עסעניץ. ער האָט ליב געהאַט שטאַרקע טיי. ער האָט געטרונקען די טיי מיט עטלעכע שטיקלעך צוקער און פאַרבייסט אַ פּאַפּיראָס.

— זלמן, נאָך ווּם רייכערסטו פּאַפּיראָסן? סאַ שוד, מאַכסט קאָליע אַזאַ גיטע ליפּט, — האָט זיך ר׳ שלמה צו אים אָנגערופן.

— ביז יעצט האָב יעך גימיינט אַז זומער־ וווינינג איז הוללות און פּריצות, יעצט זע יעך אַז דום איז סתם אַ שטות, — האָט ר׳ זלמן זייער גוטמוטיק געענטפערט.

— זלמן, פילסטי טאַקע נישט? שפּירסטע באמת נישט ווי גיט ס'איז דו די ליפּט? — איז ר' שלמה געווען זייער פאַרוואונדערט.

אָבער ר' זלמן האָט געהאַט אַן אַדורכגעברענטן האַלדז און אַ נאָז פול מיט רויך פון די פאַרשידענע סאָרטן פּאַפּיראָסן, וועלכע ער פלעגט נעמען ביי מענטשן צו רייכערן. ער האָט געצויגן מיט ד'ער נאָז, אָבער אַ חוץ פּאַפּיראָסן-רויך האָט ער גאַרנישט געפילט. ער האָט נישט געענטפערט ר' שלמהן, נאָר געקוקט אויף אים מיט אַ ביטול-שמייכל, ווי ר' שלמה וואָלט זיך נאַריש געמאַכט, צי חלילה סתם פאַרנאַרישט געוואָרן...

מען האָט געטרינקען צו עטלעכע גלעזער טיי. געזופּט פּאַ־מעלעך, צוגעקרעכצט און געשמועסט. דערנאָך האָט ר' שלמה פאַרגעלייגט אַז זיי זאָלן זיך פאָרן מיטאָג אביסל איבערגיין איבער ד'ער ווילע.

אָבער ר' זלמן האָט זיך נישט געוואָלט רירן פון אָרט. — מע דאַרף נישט, דו איז זייער גיט, — האָט ר' זלמן זיך אָנגערופן. ער האָט נישט בדעה געהאַט צו פאַרלאָזן דאָס אָרט, אויף וועלכן ער איז געזעסן. עפּעס האָט ער נאָך אַלץ מורא געהאַט פאַר דער זומער־וווינונג. דאָ, אויף דער וועראַנדע האָט ער זיך געפילט היימיש, אייגן, און זיך נישט געוואָלט אויסשטעלן אויף נסיונות.

אַ מיטאָג האָט מען דערלאַנגט כיד המלך, מיט שפּירט, מיט געזאַלצענע פאַרבייסעכצער, מיט אַ פאָר־שפּייזע און מיט גאָר אַ פעטע יויך, אַזאַ וועלכע ר' זלמן האָט גאָר שטאַרק ליב געהאַט. דערנאָך האָט מען דערלאַנגט פלייש און קאָמפּאָט.

ר' זלמן האָט געגעסן מיט גרוים אַפּעטיט, פון אַלעם משונה־דיק הנאה געהאַט. ער האָט נאָר נישט פאַרשטאַנען צו וואָס דאַרף מען צוליב דעם פאָרן אויף זומער-וווינונג, אַז מען קאָן דאָס אַלץ, די אַלע זאַכן, עסן אין וואַרשע. אָבער ער האָט שוין מער קיין קשיות נישט געפרעגט.

פאַרנאַכט-צו האָט דאָס קליינע איטשעלע זיך אָנגערופן צו ר' זלמנען: ני, מע דאַרף זיך מכין זאַן צי דע נסיעה. ר' זלמנען

האָט זיך גאָרנישט געגלוסט אַוועקצופאָרן, נאָר דאָס קליינע אי־טשעלע איז שוין געשטאַנען נעבן אים און אים מזרז געווען.

איידער זיי האָבן זיך געזעגנט איז אַרויסגעקומען אויף דער וועראַנדע ר׳ שלמהס ווייב מיט אַ שפּאָר פּעקל איינגעוויקלט אין אַ פּאַפּיר און זיך אָנגערופן:

— ר׳ זלמן, אין דעם פּעקל ליגט אַ געשחטענע גאַנדז. דו קאָסט זי פיר זלאָטעס, אין וואַרשע וועט אַך יעדע באַלעבאָסטע געיבן זיבן מיט אַ שיינעם דאַנק. נאָך דערצי איז די גאַנדז אַן אָפּגעציפּטע אין פּאַר אַ וואַרשעווער באַלעבוסטע איז עס אַ גאַנצע מציאה.

ר׳ זלמן האָט זיך אַ שאָקל אָפּ געטון, ווי פון זייער אַ פּזשיק־רע זאַך. — זאַטץ מע מוחל, נאַ יעך וועל זעך נישט גיין אַרימ־שלעפּן מיט קאַ גענדז.

— ר׳ זלמן, איר דאַרפט אייך גונישט אַרימשלעפּן. אין דער ערשטע בעסטע שטיב ווי איר וועט אַראַנגיין, וועט מען אַך בתשועות חן געיבן די זיבן זלאָטעס. איער וועט פאַרדינען אַ פור זלאָטעס אין באַ אַ געלעגנהייט וועט איר מיע אָפּשיקן דוס געלט.

ר׳ זלמז האט אז אומגעדולדיקז הייב געטאז מיט די פּלייצעס. ווי ער וואָלט זאָגן: לאָזט מעך געמאַכט.

האָט זיך דאָס קליינע יידעלע, מיטן רויטן בערדעלע, איטשע־לע קובאַץ, אָנגערופן: — ר׳ שלמהס וואַב, לייגט אַנידער אויף דע באַנק דוס פּעקל, יעך וועל עס שוין נעמען. סעט שוין זאַן גיט.

ר׳ שלמהס ווייב האָט אַוועקגעלייגט דאָס פּעקל אויף דער באַנק. איטשעלע איז צוגעגאַנגען און עס גענומען אונטערן אָרעם. זיי האָבן זיך געזעגנט און ר׳ זלמן האָט זיך אָנגערופן צו ר׳ שלמהן — שלמה, מאַך דעך נישט נאַריש מיט קאַ זימער־וווינינגען. קים ווים גיכער קאַ וואַרשע.

ג.

צוריק, קיין וואַרשע, זענען זיי געפאָרן מיט דער קאָלע. ס׳איז געווען שוין נאַכט און אין האַלב־טונקעלן באַן־וואַגאָן זענען געווען

זייער ווייניק מענטשן. עטלעכע פאַרדאַגהטע יידן זענען געזעסן און געשוויגן און נאָר פון צייט צו צייט אַ ציי געטון זיך ביי דער באָרד מיט אַ יאַושדיקער האַנט־באַוועגונג.

ר׳ זלמן האָט כמעט דעם גאַנצן וועג אָפּגעדרימלט. פון דעם גאַדוויסליאַנסקן וואָקזאַל ביז אין שטיבל אַריין זענען זיי געגאַנגען צופוס. איטשעלע קובאַץ האָט געטראָגן דאָס פּעקל. ווען זיי זענען צוגעקומען צום טויער פון דעם הויז וווּ ס׳איז געווען דאָס אַלעקסאַנדער שטיבל, האָט איטשעלע אויף אַ קונציקן אופן אַריינגעשטופּט ר׳ זלמנען דאָס פּעקל מיט דער גאַנדז — און נעלם געוואָרן.

ר׳ זלמן איז געבליבן שטיין מיטן פּעקל אין דער האַנט אַ מבולבלער. איטשעלעס חוצפה האָט אים אינגאַנצן אַרויסגעבראַכט פון די כלים. ער איז געווען זיכער אַז אויב איטשעלע נעמט די גאַנדז, וועט ער זיך שוין מטפל זיין מיטן פאַרקויפן. אים איז שוין אויפסניי געוועזן דערווידער דער גאַנצער ענין מיטן אַרויספאָרן צו ר׳ שלמהן אויף זומער־וווינונג. אַז פון אַזעלכע זאַכן קאָן קיין גוטס נישט אַרויסקומען — האָט ר׳ זלמן זיך געטראַכט. ווען ער קריגט איצט אָן דעם שייגאַץ איטשעלע קובאַץ, מאַכט ער פון אים כעפרא דארעא. ר׳ זלמן האָט נישט געוווּסט וואָס צו טון מיטן פּעקל, אָבער אַוועקוואַרפן עס, האָט ער ביי זיך נישט געקאָנט פועלן.

צומאָרגנס אינדערפרי האָט ר׳ זלמן בלית ברירה גענומען די גאַנדז און זי געגאַנגען פאַרקויפן.

אָבער אין די חסידישע שטובן, אין וועלכע ר׳ זלמן איז געקומען פאַרקויפן די גאַנדז, האָט מען פון פרעמדער שחיטה נישט געגעסן, און דאָרט ווו מען האָט דערויף נישט מקפיד געווען, דאָרט האָט ר׳ זלמן נישט געוואָלט גיין די גאַנדז פאַרקויפן. ס׳איז אים פשוט דאָס נישט אָנגעשטאַנען.

אין וואַרשע האָט מען אין אַ סך אָפּגעהיטענע בדרך כלל יידישע שטובן שוין נישט מקפיד געווען נישט צו עסן פון פרעמדער שחיטה. ס׳איז נאָך דעמאָלט אין פוילן געווען אַ גוטע צייט, די

יידן איז נאָך געגאַנגען דעמאָלט גוט, און דאָס יידישע וואַרשע האָט פאַרברויכט אָן אַ שיעור עופות. די וואַרשעווער שוחטים האָבן געהאַט די־והותר, און ס׳האָט זיי נישט געאַרט וואָס מען ברענגט אַריין געשאָכטענע עופות פון דער פּראָווינץ.

דווקא אין די שטובן אין וועלכע ר׳ זלמן איז געקומען מיט דער גאַנדז, דווקא אין די שטובן איז מען מיט דעם אויך געווען אָפּגעהיטן. ר׳ זלמן האָט געהאַלטן, אַז אויב ער ברענגט די גאַנדז דאַרף מען בכלל קיין שאלות נישט פרעגן. אַ גאַנדז וועלכע ער אַליין ברענגט, דאַרף כאָטש עסן דער ראַדזימינער, צי דער קאָלאָ־ביעלער רבי.

— ס׳טאַטש, אַז יעך ברענג דאַרפט איר נישט פרעיגן קאַ קשיות — האָט ר׳ זלמן געטענהט צו די ווייבער.

— ר׳ זלמן איז טאַקע ר׳ זלמן, נאָר אַז מיע ניצן נישט פין קאַ פרעמדע שחיטה, ניצן מיע נישט. — האָבן אים די ווייבער געענט־פערט.

אַ פּאָר שעה איז אַזוי ר׳ זלמן אַרומגעגאַנגען פון איין פרומער שטוב אין דער צווייטער און די גאַנדז איז נאָך אַלץ געווען ביי אים. ער האָט געשאָלטן דעם קליינעם איטשעלע קובאַץ מיט קללות נימרצות. דאָס פּאַפּיר, אין וועלכער די גאַנדז איז געווען איינגעוויקלט איז דערווייל צעריבן און צעריסן געוואָרן. פון דעם צעפליקטן פּאַפּיר האָט זיך אַרויסגעזען דאָס נאַקעטע ווייס־ראָזאַ פלייש פון דער אָפּגעציפּטער גאַנדז. ר׳ זלמנען איז דאָס געווען מוראַדיק פּזשיקרע. ער האָט זיך געשעמט מיט דער נאַקעטער גאַנדז מיט די גרויסע פּולקעס. ס׳איז אים געווען איבער דער טבע. ער איז געווען אויסער זיך.

ר׳ שלמהס ווייב האָט געמיינט, אַז ער וועט נעמען די גאַנדז און וועט זי אַריינטראָגן אין דער ערשטער בעסטער שטוב און נעמען באַצאָלט. אָבער ר׳ זלמן איז נישט געווען פון די, וואָס גייען אין ערשטע בעסטע שטובן. אויב ער גייט שוין יאָ פאַרקויפן אַ גאַנדז, וועט ער זי נישט גיין פאַרקויפן בילע וועמען.

אַזוי איז ר׳ זלמן אָפּגעגאַנגען כמעט אַ גאַנצן טאָג און די גאַנדז נישט געקאָנט פֿאַרקויפֿן. ער איז שוין געווען לאחר יאוש. ער האָט נאָר געטראַכט, ווי פּאַקט מען דאָ דעם קליינעם איטשעלע אים דורם צו זיין.

ר׳ זלמן איז געווען מיד און פֿאַרמאַטערט. דער טאָג איז געווען אַ הייסער, אַ שווערער. דאָס פּאַפּיר אין וועלכן די גאַנדז איז געווען איינגעוויקלט, איז שוין געווען אינגאַנצן צעריסן. בלויז פֿאַסן האָבן זיך פֿון אים נאָכגעשלעפּט. ר׳ זלמן האָט איצט געהאַלטן די גאַנדז ביים גאָרגל. פֿונדערווייטנס האָט עס אויסגעזען ווי אַ קליין יידל טראָגט אַ ריזיקע גאַנדז, אַ צעשניטענע אויף פֿאַסן וואָס גרייכן ביז צו דער ערד.

אינדעם, ווי ר׳ זלמן איז אַזוי געגאַנגען אַ פֿאַרלוירענער, איז אים אַנטקעגנגעקומען אַ יונגערמאַן און אים אָפּגעשטעלט. דער יונגערמאַן האָט אויסגעצויגן די האַנט צו דער גאַנדז און געפֿרעגט:

— ר׳ ייד, איר פֿאַרקויפֿט זי?

ר׳ זלמן האָט אַ מעסט אָפּ געטון דעם יונגנמאַן מיט אַ בייזן בליק פֿון קאָפּ ביז צו די פֿיס. ער האָט געזען פֿאַר זיך אַ יונגנמאַן אַ גלוח, אין אַ קאַפּעלוש, אָבער מיט אַ שמאָל אײדל יידיש פּנים. ר׳ זלמן האָט זיך אַ וואַקל געטון: יאָ אים פֿאַרקויפֿן אָדער נישט פֿאַרקויפֿן די גאַנדז? ער האָט נישט געקאָנט ביי זיך פּועלן צו געבן אַ קלאָרע תשובה.

— ר׳ ייד, ווּס טראַכט איר אַזוי לאַנג? איר ווילט פֿאַרקויפֿן איז גוט, אויב נישט — איז נישט.

ר׳ זלמן איז שוין אָבער געווען מיד און פֿאַרמאַטערט. ער איז נישט ביי־געשטאַנען דעם נסיון. ס׳האָט זיך אים פֿאַרוואָלט איינמאָל פֿאַר אַלעמאָל פּטור צו ווערן פֿון דער גאַנדז. ער האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ אויף יאָ, אַז ער פֿאַרקויפֿט.

דער יונגערמאַן האָט גוט באַקוקט די גאַנדז ווי אַ מבין, ער האָט זי געהויבן אין דער הויך און זי לאַנג געקוועטשט ביים

בויך. — ר׳ ייד, וויפל ווילט איר פאַר דער גאַנדז? — האָט ער זיך געפרעגט.

— זיבן זלאָטעס.

— איר וועט זעקס אָך נעמען. ס׳איז נישט קאַ זאַן וואַזשנע מציאה. ס׳איז דו גענדז אָסציברוקירן די גאַסן.

ר׳ זלמן האָט אויסגעשטרעקט די האַנט און געוואָלט צונעמען די גאַנדז ביים יונגנמאַן.

— ר׳ ייד, ווּס זענט איר אַזוי היים געבודן? ווען איר וואָלט נישט געווען אַזאַ פרימער ייד, וואָלט איך אייך קאַ זיבן זלאָטעס נישט געגעיבן.

ר׳ זלמן האָט געשוויגן. דער יונגערמאַן האָט איינגעוויקלט די גאַנדז אין די פאַסן צעריסענעם פאַפיר און זי גענומען אונטערן אָרעם. ער האָט אַרויסגענומען פון דער בוזעם-קעשענע אַ טיים-טערל און דערלאַנגט ר׳ זלמנען אַ פאַפירענעם באַנקנאָט פון צוואַנ-ציק זלאָטעס.

— כ׳האָב נישט קאַ רעשט, — האָט ר׳ זלמן געזאָגט.

— ר׳ ייד, נעמט די צוואַנציק זלאָטעס און גייט אַריין אין אַ געוועלב און טוישט זיי אוים. יאָך וועל דו וואַרטן. נישקשה, איער וועט מאַ נישט אַנטלויפן מיט די צוואַנציק זלאָטעס.

ר׳ זלמן האָט גענומען דעם צוואַנציקער זלאָטע און אַריין אין אַ שפייז-געוועלבל, וואָס איז געווען דערנעבן. ער האָט איבערגע-וואַרט אַ קונה און דערנאָך זיך אָנגערופן צום געוועלבניק:

— טאָשט מער אָס די צוואַנציק זלאָטעס אָף קלענער געלט.

דער געוועלבניק האָט גענומען די פאַפירענע צוואַנציק זלאָ-טעס, אויפגעהויבן אין דער הויך, גענומען אונטער דעם ליכט, אַ שאַרפן בליק געטון אויף ר׳ זלמנען און געפרעגט:

— ר׳ ייד, פונוואַנען האָט איר דעם צוואַנציקער?

— ס׳הייסט?

— ס׳איז אַ פאַלשער צוואַנציקער.

ר׳ זלמן איז געוואָרן בלייך. עפּעס האָט אים אַ קלאַפּ געטון אין האַרץ. ער האָט געכאַפּט דעם צוואָנציקער און אַרויס אויף דער גאַס. אָבער פון דעם יונגנמאַן מיט דער גאַנדז איז שוין קיין סימן נישט געווען...

* * *

פאַרנאַכט, צו מנחה, האָט שוין דאָס גאַנצע שטיבל געוווּסט די מעשה מיט דער גאַנדז.

דאָס קליינע יידעלע מיטן רויטן בערדעלע, איטשעלע קובאַץ, האָט פאַרכאַפּט די פיש פאַר די נעץ. איידער ר׳ זלמן האָט באַוויזן אים צו דערלאַנגען דעם אמתן פסק, איז ער אַרויס אויף ר׳ זלמנען:

— זלמן, ביזט אַ בעל גאווה אין דערצי נאָך אַ דל גאה! האָסט אין זיך נישט קאַ האָר עניוות! און אַז מען איז נישט קאַ עניו — איז מען נישט קאַ חסיד! דאָן חסידות איז צביעות! ביזט נישט נאָר קאַ חסיד נישט, נאָר אַ קל שבקלים! ווען די וואָלסט נישט געווען אַזאַ בעל גאווה, וואָלסט די באַלד אינדערפרי פאַרקויפט די גאַנדז אין נישט באַדאַרפן מאַכן זיך אין אַנדערע קאַ היזק!

ר׳ זלמן האָט דאָס אַלץ אויסגעהערט, און דאָס מאָל, בשעת מעשה, נישט געענטפערט איטשעלן קיין וואָרט. ער האָט אים נאָר אָנגעקוקט מיט אַזויפיל ביטול, אַז נישט נאָר אַזאַ קליין יידעלע ווי איטשעלע האָט געקאָנט ווערן כאין וכאפס, נאָר צען אַזעלכע איטשעלעך האָבן געקאָנט בטול ווערן פון זיין בליק. דערנאָך האָט זיך ר׳ זלמן אָנגערופן שטיל, ווי צו זיך אַליין — „אם אין תורה אין דרך־ארץ אם אין דרך־ארץ אין תורה" (אויב ס׳איז נישטאָ קיין תורה איז נישטאָ קיין דרך־ארץ, אויב ס׳איז נישטאָ קיין דרך־ארץ איז נישטאָ קיין תורה).

ר׳ זלמנען האָט לחלוטין נישט געאַרט וואָס מען האָט ביי אים אויסגענאַרט די גאַנדז פאַר פאַלש געלט. אים האָט געאַרט

דאָס, וואָס ער האָט זיך אַזוי משפיל געווען, מוותר געווען אויפן כבוד התורה, אויפן כבוד פון אַ חסיד און זיך אַוועקגעשטעלט אין מיטן דער גאַס מאַכן אַ מיסחר מיט בילע ווענען...

אָבער דעם עיקר שולדיקן האָט ר׳ זלמן געזען אין דער זומער־וווינונג. די זומער־וווינונג, האָט ער זיך געטראַכט, אויב ס׳איז אפילו נישט קיין הוללות און פריצות, האָט עס זיך שוין אַלעמאָל זיינע וועגן, וואָס פירן אַראָפּ דעם מענטש פון דרך־הישר...

דעם קאזיאלס יארצייט

א.

אין אַלעקסאַנדער ביי לאָדזש — איז געבוירן געוואָרן אַ קאַזיאָל.

מאַלע ווי עס ווערן אַלץ געבוירן קאַזיאָלעם? אָבער דער, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין אַ ווינטער־נאַכט אין אַלעקסאַנדער ביי אַן אָרעמען ייד אין אַ פינצטער קיכל אויף אַ בינטל היי, איז געווען גאָר אַן אַנדער מין קאַזיאָל, נישט גלייך צו אַלע אַנדערע.

נישט דערפאַר איז דער קאַזיאָל געווען אַנדערש פון אַלע אַנדערע קאַזיאָלעם, ווייל ער איז געבוירן געוואָרן אין אַלעקסאַנדער, ווו ס׳האָט געוווינט אַ באַרימטער רבי, ווו עס איז געווען אַ רבישער הויף און ווו טויזנטער חסידים פון ארבע כנפות פוילן פלעגן זיך אויף די ימים נוראים צוזאַמענפאָרן. ניין. ווייניק זענען פאַראַן געווען אין פוילן שטעטלעך, ווו ס׳האָבן געוווינט רביים, ווו ס׳זענען געווען רבישע הייף און וווהין טויזנטער חסידים פלעגן זיך אויף שבתים און ימים־טובים צונויפפאָרן? אָבער פאָרט איז דער קאַזיאָל, וועגן וועלכן ס׳וועט דאָ ווערן דערציילט, געווען אַנדערש פון אַלע זיינס גלייכן קאַזיאָלעם.

דער קאַזיאָל וואָס איז געבוירן געוואָרן אין אַלעקסאַנדער ביי אַן אָרעמען ייד אין אַ פינצטערער ווינטער־נאַכט, איז געווען אַ בכור, אַ געהייליקטער פון זיין מאַמעס טראַכט.

אָבער אַחוץ דעם וואָס דער קאַזיאָל איז געווען אַ בכור, אַ גע־הייליקטער פון זיין מאַמעס טראַכט, איז ער מן־הסתם אויך געווען

אַ גילגול פון אַ חסיד, צי געהאַט אין זיך אַ חלק פון אַ חסידישער נשמה.

ווי נאָר דער קאַזיאַל האָט אָנגעהויבן אַרומצוגיין איבער דער וועלט, האָט עס אים משונהדיק געצויגן צום רבינס הויף. ווען דער קאַזיאַל האָט זיך באַדאַרפן אַ קראַץ טון, און באַדאַרפן האָט ער דאָס זייער אָפט, האָט ער דעמאָלט געקאָנט זיין אויפן צווייטן עק שטעטל, איז ער געקומען צו לויפן זיך אַ קראַץ טון אין פּלויט פון רבינס הויף. ערגעץ אַנדערש האָט ער זיך נישט געקראַצט.

אַלע קאַזיאַלסקע מאכלים האָט דער קאַזיאַל, דער בכור, נישט גענומען אין מויל אַריין. ער האָט נאָר געוואָלט עסן פון רבינס קיך. מיט אַ שטיקל שבתדיקער חלה פון רבינס טיש, צי מיט אַ שטיקל קאַלטן שבתדיקן קיגל פון רבינס טיש, האָט דער קאַזיאַל געקאָנט אָפּקומען אַ גאַנצע וואָך. ער האָט געגעסן נאָר יוצא צו זיין. אַבי דאָס חיות צו דערהאַלטן.

ווען ס'האָט אים אָנגעהויבן וואַקסן אַ באָרד, איז עס נישט געווען עפּעס סתם אַ באָרד פון אַ קאַזיאַל. די האָר פון זיין באָרד זענען נישט געווען די גלייכע, נאַרישעוואַטע האָר פון קאַזיאַל-בערד-לעך. די האָר פון זיין באָרד זענען געווען אי ווייך אי שטאַרק, כפול-שמונהדיק און זיידיק, גאָרנישט ווי די בערד פון אַנדערע קאַזיאַלעס.

אין זיינע העלע, לייכט-ראָזע אויגן איז געלעגן די תמימות-דיקייט פון דעם גאַנצן בלויען הימל. אָן אַ שיעור גוטסקייט און סבלנות האָט פון זיי אַרויסגעשטראַלט. מען האָט באַשיינפּערלעך געזען, אַז דער קאַזיאַל איז גרייט צו נעמען אויף זיך דעם גאַנצן עול פון דער וועלט. מען האָט געזען אין זיינע אויגן אַ גרייטקייט צו זיין פון גוטן ווילן דער ריכטיקער שעיר לעזאזל, אויב די וועלט וועט עס נאָר פון אים פאַרלאַנגען...

אין זיין לענגלעך פּנים מיט די אַרויסשטאַרצנדיקע קין-באַקן איז געווען עפּעס פון אַ בעל-מקובל וואָס איז זיך שוין לאַנגע יאָרן מסגף. עפּעס האָט זיך אויסגעדאַכטן, אַז דער קאַזיאַל טראָגט אין

זיך א סך סודות פון אַ פאַרבאָרגענער וועלט, וועלכע זענען איינ־געשלאָסן געוואָרן אין זיין שטום מויל. ער האָט אין זיך געהאַט די שלווה פון אַן אַלצוויסנדיקן, פון עמעצן וואָס אַלץ איז פאַר אים קלאָר. ס׳האָט אויסגעזען, ווי דער פאַרפלאָנטערטער חשבון פון דער וועלט וואָלט פאַר דעם קאָזיאָל געלעגן אָפן מיט זיין פשוטן סך־הכל, וועלכן נאָר אויסדערוויילטע פילן אים.

דעם קאָזיאָלס הערנער זענען געווען אַזוי איינגעדרייט אי־נעווייניק אַריין, אַז זיי האָבן אויסגעזען, ווי צוויי געטאָקטע האַנ־טאַבעס זיך אָנצוהאַלטן אין זיי, ווי להבדיל אין די קרנות המזבח אין רגעס פון געפאַר, ווען ס׳ווערט געוויגן דער גורל פון אַ מענטש צום לעבן אָדער צום טויט.

דער קאָזיאָל וועגן וועלכן מיר דערציילן איז געווען מאָגער און דאַר, הויט און ביין. זיין שטערן — געקנייטשט, ווי ביי אַ זקן. ברעמען געדיכטע זענען געוואַקסן אַרום און אַרום זיינע אויגן, און ס׳האָט אויסגעזען, ווי דער קאָזיאָל וואָלט געטראָגן אַ פּאָר גרויסע ברילן.

די פעל זיינע איז געווען געלבלעך מיט שוואַרץ, ווי די קאָלירן פון אַ טערקישן טלית. ווען דער קאָזיאָל פלעגט זיך אַמאָל באַהאַלטן און אַרויסקוקן פון צווישן די דינע ביימלעך פון רבינס הויף, האָט זיך אויסגעדאַכטן ווי אַ קליין, דאַר יידעלע איינגעווי־קלט אין אַ טלית שטייט און פראַוועט התבודדות.

* * *

אַזוי איז זיך דער קאָזיאָל אַרומגעגאַנגען אין אַלעקסאַנדער איבער השם יתברכס וועלט, מיט זיינע דינטשיקע פיס ווי אויס־געטריקנטע ליין־שטעקלעך. ער איז אַרומגעגאַנגען שטענדיק אַ פאַרטראַכטער, ווי אַ פאַרטראָגענער אין די עולמות, שטענדיק אַ גרייטער צו טראָגן מיט הכנעה אַלע משאות און עולן.

שחטן האָט מען דעם קאָזיאָל, ווייל ער איז געווען אַ בכור, נישט געטאָרט, ביז ס׳וועט נישט אַריינפאַלן אין אים קיין מום.

אָבער ווי מאָגער און שוואַך דער קאַזיאַל איז נישט געווען, איז דער מינדסטער מום אין אים נישט אַריינגעפאַלן. עפּעס איז געווען מלכתחילה קלאָר, אַז אַזאַ קאַזיאַל קאָן קיין מום נישט האָבן.

שנית, ווען ס'וואָלט אַפילו אין אים אַריינגעפאַלן אַ מום, טאָ ווער וואָלט זיך אונטערגענומען שחטן דעם דאָזיקן קאַזיאַל מיטן פּנים פון אַ בעל־מקובל? קיינער נישט. אפילו אַ שוחט — אַ גזלן, וואָלט דאָס אויך נישט געטון. כיבע, ווען דער רבי וואָלט בפירוש געזאָגט, אַז ס'איז שוין צייט אַז די חסידישע נשמה, וועלכע איז מגולגל געוואָרן אין דעם קאַזיאַל, זאָל קומען צו אַ תיקון.

אָבער דער רבי האָט דערוויל אויף דעם אַפילו נישט מרמז געווען.

צו קיין שום אַרבעט האָט מען דעם קאַזיאַל נישט געטאָרט נוצן, ווייל ער איז געווען אַ בכור, אַ געהייליקטער פון זיין מאַמעס טראַכט. אפילו צו פּריה ורביה האָט מען אים אויך נישט באַדאַרפט, ווייל ווי זאָגט רש"י הקדוש אויף „עזים מאתים ותישים עשרים": „מאתים עזים צריכות עשרים תיישים וכן כלם זכרים כדי צורך הנקבות" (צוויי הונדערט קאָזעס דאַרפן צוואַנציק קאַזיאָלעס און אַזוי אַלע זכרים לויטן געברויך פון די נקבות). דאָס הייסט אַז איין קאַזיאַל איז גענוג פאַר צען קאָזעס. און אין אַלעקסאַנדער איז אויסגעקומען אויף צען קאָזעס כמעט צוויי קאַזיאָלעס.

אחוץ דעם האָט מען בפירוש געזען, אַז דער קאַזיאַל פּירט זיך אויף ווי אַ פּרוש. ווען ער האָט דערזען פון דער ווייטנס אַ קאָזע, פלעגט ער זיך גיך אויסדרייען מיט אַ זייט און מ'פלעגט אים באַפאַלן אַזאַ אימה, ער פלעגט אַזוי ציטערן, ווי אַ חסיד וואָס האָט פּלוצים דערזען אין דמיון דאָס אָפּבילד פון אַ נאַקעטער נקבה, רחמנא ליצלן.

דער קאַזיאַל האָט זיך גאַנצע טעג אַרומגעדרייט אַרום רבינס הויף ווי אַ פאַרוואָגלט נפש. פון צייט צו צייט פלעגן זיך דעם רבינס אייניקלעך אַרויפכאַפּן אויפן קאַזיאָלס דאַרן רוקן אַ ביסל צו רייטן אויף אים. פאַרשטייט זיך, אַז זיי האָבן דאָס געטון ווען


Kohnik

קיינער פון די דערוואַקסענע פון רבינס הויף האָבן דאָס נישט געזען. אָבער בּיסלעכווייז איז דאָס רייטן אויפן קאַזיאָל געוואָרן פאַרן רבינס אייניקלעך די הויפּטשפּילעריי זייערע. דער קאַזיאָל פלעגט גערן אַראָפּנידערן זיין רוקן בּכדי אויפצונעמען אויף זיך די צאַן קדשים פון רבינס הויף.

ווען אונדזער סטאָלער אורח ר׳ זלמן פלעגט קומען צום רבין קיין אַלעקסאַנדער, איז ער געווען גאָר אַ שטאַרקער מחותן מיטן קאַזיאָל. נישט געקוקט אויף דעם, וואָס ר׳ זלמן איז געווען אַן אויס-געהונגערטער ייד און ליב געהאַט צו עסן, פלעגט ער זיך טיילן מיטן קאַזיאָל מיט יעדן ביסן. פאַרן קאַזיאָל איז ר׳ זלמנען גאָר-נישט געווען קיין שאָד. ר׳ זלמן האָט אויך אַכטונג געגעבן, אַז דעם רבינס אייניקלעך, און ווער שמועסט נאָך פרעמדע, סתם חסידים, זאָלן נישט רייטן אויפן קאַזיאָל. נישט איין מאָל איז ר׳ זלמן געגאַנגען מיט מסירות צום רבין אַליין אויף זיינע איניק-לעך, ווען זיי האָבן אים נישט געפאָלגט און יאָ געריטן אויפן קאַזיאָל.

דער עולם חסידים אין אַלעקסאַנדער איז געווען נבהל ונש-תומם פון ר׳ זלמנס התקרבות מיטן קאַזיאָל. נישט נאָר האָט מען ביי ר׳ זלמנען קיינמאָל נישט געזען, אַז ער זאָל ליב האָבן אַ בעל-חי, נאָר ער האָט אפילו קיינמאָל אויף קיין בעל-חי נישט געקוקט. ער האָט קיין מענטשן להבדיל אויך נישט ליב געהאַט. מען קאָן אפילו זאָגן, אַז ער האָט פיינט געהאַט מענטשן. אפילו קיין חסיד האָט ער נישט ליב געהאַט (מתנגדים איז ער געווען אַ דם שונא). דאָס הייסט אַלע חסידים צוזאַמען האָט ער יאָ ליב געהאַט, נאָר יעדערן באַזונדער האָט ער בפירוש פיינט געהאַט.

דעריבער האָט קיינער נישט געקאָנט פאַרשטיין פון וואַנען אַזאַ אהבה צום קאַזיאָל. טייל חסידים האָבן מרמז געווען, אַז מן-הסתם ווייסט ר׳ זלמן עפּעס, וואָס קיינער, אפילו ער זאָל לעבן (דאָס מיינט מען דעם רבין), ווייסט אויך נישט... טייל האָבן גע-האַלטן, אַז אַזוי ווי ר׳ זלמן איז אַ צו-להכעיסניק, איז דאָס אויך אַזאַ מין צו-להכעיס. ווייל אַלע האַלטן אים פאַר אַ מרוק און אַ

מענטשן-פיינט, ווייזט ער דאָס פונקט פאַרקערטע. און אפשר האָט ער דערמיט געוואָלט בולטער מאַכן זיין שנאה צו מענטשן און ווייזן: איך האָב איך טאַקע פיינט, אָבער דעם קאַזיאָל האָב איך ליב אהבת נפש. ווי ס'זאָל נישט זיין איז איינס זיכער, דאָס ביסל אהבת ישראל וואָס יעדער חסיד דאַרף האָבן, איז ביי ר' זלמנען מגולגל געוואָרן אין זיין ליבע צום קאַזיאָל.

אָבער קיינער האָט נאָך דעמאָלט נישט געאַנט, אַז דער קאַזיאָל וועט נאָך אַמאָל אָפּדאַנקען ר' זלמנען פאַר זיין גוטסקייט צו אים...

* * *

מיט דער צייט, האָט דער קאַזיאָל, דער בכור, מיטן פּנים פון אַ בעל-מקובל, אָנגעהויבן צו ווערן אין אַלעקסאַנדער אַ וואָכעדיקער ענין. נישט נאָר דעם רבינס אייניקלעך זענען אויף אים געריטן בריש גלוי, נאָר אויך סתם שקאָצישע יונגעליטלעך, רייכע איידימלעך, האָבן זיך געכאַפּט רייטן אויף אים. אפילו עלטערע חסידים, ווען זיי זענען געווען אַ ביסל בגילופין האָבן דאָס אויך געוואָלט טון. דער קאַזיאָל האָט וואָס אַמאָל עפּטער געעפנט זיינע תמימותדיקע אויגן, וואָס אַ טאָג מער געקנייטשט דעם שטערן זיינעם, ווי דאָס טוט אַ יונגער לערנער איבער אַ שווערן מהרש"א, און וואָס עפּטער, ווי דאָס וואָלט געווען פאַר אים ברי כחמה אַז אַזוי דאַרף עס זיין, געבויגן דעם דאַרן רוקן אונטער דער משא פון יעדן איינעם, וואָס האָט געוואָלט אויף אים רייטן.

ביז אין איינעם אַ טאָג — און קיינער האָט שפּעטער נישט געדענקט וואָס פאַראַ טאָג דאָס איז געווען — האָט זיך דער עולם אין רבינס הויף אַזוי צעהוליעט, אַז אַ גאַנצן טאָג האָט מען נישט אָפּגעלאָזט דעם קאַזיאָל, נאָר געהאַלטן כסדר אין איין רייטן אויף אים. איינער אַראָפּ און דער צווייטער — אַרויף.

דער קאַזיאָל האָט קיינעמס ווילן נישט ווידערגעשפּעניקט. אַ גאַנצן טאָג געטראָגן אויפן שוואַכן, דאַרן גוף די חסידים, און

פון זיינע אויגן, וואָס זענען אַרום און אַרום געווען באַוואַקסן מיט ברעמען, אַז ס׳האָט אויסגעזען ווי דער קאָזיאָל וואָלט געטראָגן ברילן, האָט מען געקאָנט אַרויסלייענען די ווערטער פונעם גורל: כי לכך נוצרת...

נאָר ווען דער עולם האָט זיך פאַרנאַכט געשטעלט דאַווענען מנחה, האָט דער קאָזיאָל זיך פאַרקליבן אין דרום-מערב ווינקל פון רבינס הויף, אויסגעצויגן די פיס, אַרויפגעהויבן דעם קאָפּ צום הימל, אַרויסגעלאָזט פון זיך אַ טיפן זיפץ און אויסגעהויכט זיין איידעלע נשמה.

ווי דער דין איז ביי אַ בכור, אַ געהייליקטן פון זיין מאַמעס טראַכט, האָט מען נישט דערלאָזט אַז שינדער זאָלן אים נאָכן טויט אָפּשינדן פון דער פעל. מען האָט אים קובר געווען אויף אַ שטיקל פעלד נישט ווייט פון רבינס הויף. ווען מען האָט דעם קאָזיאָל אַראָפּגעלאָזט אין גרוב אַריין, האָט ער אין זיין געלבלעכער מיט שוואַרץ פעל אויסגעזען, ווי אַ ייִדישער מת איינגעוויקלט אין אַ טלית.

ב.

ר׳ זלמן האָט שטאַרק ליב געהאַט אַ סעודהלע, מער ווי אַלע אַנדערע חסידים פון גרויסן אַלעקסאַנדער שטיבל אויף זאַמענהאָף גאַס אין וואַרשע, וווּ ר׳ זלמן האָט געטאָגט און גענעכטיקט.

נישט דערפאַר האָט ר׳ זלמן ליב געהאַט אַ סעודהלע, ווייל אַ סעודה איז ביי אים דער טייטש געווען — אַ חסידישע סעודה. נישט דערפאַר האָט ער אַזוי ליב געהאַט אַ סעודה, ווייל ער האָט געגאַרט מקיים צו זיין דעם „שבת אחים גם יחד". ניין, נישט דערפאַר.

ווי איר ווייסט שוין, איז ר׳ זלמן ווייט נישט געווען קיין מעורב בין הבריות. ער איז געווען דער היפוך דערפון, ער איז געווען אַ מרוק, פיינט געהאַט מענטשן, אפילו חסידים האָט ער אויך פיינט געהאַט. צו יעדערן האָט ער געהאַט טענות. ער האָט געהאַט טענות

צו די נגידים און נאָך גרעסערע טענות צו אָרעמעלייט. ער האָט געהאַט טענות צו פרומע און נאָך גרעסערע צו נישט פרומע, צו קלים, ווי ער האָט גערופן אַלע נישט פרומע. געהאַט טענות צו די חסידים און גאָר גרויסע צו די מתנגדים. קיינער איז אים נישט געפעלן געוואָרן. געהאַט צו אַלע אך ורק טענות.

צו נגידים האָט ער געהאַט טענות, ווייל זיי זענען געווען נגידים. און יעדער נגיד איז געווען אַ חשוד אין זיינע אויגן. אויף אַ ייד אַ נגיד, אפילו אַ חסיד, איז ער גרייט געווען אַלץ צו גלייבן. ער האָט געגלייבט אַז יענער איז גרייט אָפּצוטון כל דבר אסור. איטשעלע קובאַץ, אַ דאַר יידעלע מיט אַ רויט בערדעלע ווי דער פלאַם פון אַ נשמה-ליכט, דער וואָס איז געווען דער כל וכל אין גרויסן אַלעקסאַנדער שטיבל און מען האָט אים דערפאַר גערופן „דער אָרגאַניסטער", דער איטשעלע קובאַץ וואָס האָט זייער ליב געהאַט ר׳ זלמנען צו דאָקוטשען, האָט געזאָגט, אַז זלמנס שנאה צו די נגידים נעמט זיך פון קנאה, אַז דערפאַר איז זלמן חושד יעדן נגיד, ווייל מבשרו חזה, ווייל זלמן אַליין ווייסט און פילט, אַז ווען ער, זלמן, וואָלט געהאַט געלט, מי יודע וואָס ער וואָלט אַלץ געטון, ווער ווייסט וואָס עס וואָלט פון אים געוואָרן...

ווי ס׳זאָל נישט זיין, צי איטשעלע קובאַץ איז יאָ געווען גערעכט צי נישט, איינס איז קלאָר, ר׳ זלמן האָט פיינט געהאַט נגידים. אפילו מיין טאַטן ביי וועמענס טיש ער איז יאָרן-לאַנג גע־זעסן און געגעסן שבתים און ימים-טובים, אפילו מיין טאַטן האָט ער אויך פיינט געהאַט און נישט פאַרמיטן די מינדסטע געלעגנ־הייט אים אַריינצוזאָגן.

אָרעמעלייט האָט ר׳ זלמן פיינט געהאַט, ווייל ער אַליין איז געווען אַן עני מריד, אַ ביטערער אָרעמאַן. און די שנאה פון אַן אָרעמאַן צו אַן אָרעמאַן איז נאָך אַ סך גרעסער, ווי די שנאה פון אָרעמאַן צום גביר.

פרומע האָט ער פיינט געהאַט, ווייל זיי רעדן זיך איין אַז מיטן הויכן דאַווענען, מיטן שרייען, מיטן פאַטשן אין די הענט

פון גרויס התפעלות, מיטן מאריך בתפילה זיין, אַט מיט דעם אַלעם וואָס איז נישט מער ווי חיצוניות, זענען זיי גאָר נאָענטע מחותנים מיטן רבונו של עולם.

ר׳ זלמן האָט דאָס אַלץ נישט סובל געווען, פיינט געהאַט בתכלית השנאה.

פון צייט צו צייט פלעגט אַריינקומען לערנען אין אַלעק־סאַנדער שטיבל אַ ליובאַוויטשער חסיד וואָס האָט געוווינט אין שכנות. ווען דער ליובאַוויטשער פלעגט אַמאָל אַרויסגיין „אויפן הויף״, האָט ער נאָכן אַריינקומען צוריק זיך באַגאָסן די הענט מיט אַ סך וואַסער פון כיור, גענומען דאָס האַנטעך און האַלטנדיק די הענט אין דער הויך זיי לאַנג געווישט און געזאָגט דעם „אשר יצר״ בקול רם. ספּעציעל פלעגט ער זיך צעגיין ביי די ווערטער „נקבים נקבים חלולים חלולים״.

אין אַזעלכע פאַלן האָט ר׳ זלמן נישט אויסגעהאַלטן, ער פלעגט צולויפן צום ליובאַוויטשער און מיט געבײלטע פויסטן צו אים שרייען:

— הענאָ די ליובאַוויטשער, די מיינסט טאַקע אַז די גייסט משתין זאַן דאַרף דאָוס גאַנצע שטיבל וויסן!

די נישט־פרומע, וועלכע ר׳ זלמן האָט אָן אויסנאַם גערופן קלים, האָט ער פיינט געהאַט, ווייל זיי מאַכן זיך גרינג דאָס לעבן, ווייל זיי ווילן זיך מאַכן לייכט.

— אַ ייד — האָט ר׳ זלמן געטענהט, — אַ ייד טור זעך נישט וועלן מאַכן לאַאַכט. אַ ייד מיז אַלץ אָנקימען שוועיער. יידישקייט איז כקריעת ים סוף. בזיעת אפיים דאַרף עס אָנקימען. מע דאַרף זעך שטעלן אויפן קאָפּ פאַר אָן אמת ביסל יידישקייט.

אַמייסטן איז ר׳ זלמן געווען אין כעס אויף די חסידים, וואָס פלעגן מיט די משפחות אַרויספאָרן אויף זומער־וווינונג, אויף „ליעטניע מיעשקאַניע״. אין די זומערדיקע שבתים, ווען דאָס שטיבל איז צוליב די „אַרויספאָרערס״ געווען האַלב־ליידיק, האָט עס אין ר׳ זלמנען געקאָכט און געזאָטן. מילא, די יידן־נגידים,

וואָס זיי אָדער זייערע ווייבער זענען געפאָרן אין די וואַרעם-בעַ-דער, האָט ער נאָך פאַרשטאַנען, מאַלע וואָס אַ גביר פאַרגלוסט זיך אַלץ. אָבער סתם חסידים, קוים-באַמיטלטע מענטשן, זאָלן פאָרן אויף אַ גאַנצן זומער אויף זומער-וווינונג? — הוללות און פריצות! — האָט ר׳ זלמן געליאַרעמט.

ווען דער עולם פלעגט פאַר די ימים-נוראים צוריקקומען פון די זומער-וווינונגען, האָט ר׳ זלמן געזאָגט, אַז אַלע זאָלן הערן:

— אַ, די קלים וריקים זענען שוין דאָ. מורא געהאַט זעך שטעלן צום יום-הדין אויף די ליעטניע מיעשקאַניע...

חסידים האָט זלמן פיינט געהאַט ווייל זיי רעדן זיך איין, אַז מיטן אָנטון אַ שטריימל, מיטן פאָרן אַמאָל צום רבין, זענען זיי טאַקע באמת חסידים. און זיין אַ חסיד הייסט, זיך ווייקן אין חסידות, ווי מען ווייקט זיך אין אַ מקוה.

— מע דאַרף זעך טובלען אין חסידות ביז איבערן קאָפּ. און זיי, — האָט ר׳ זלמן געוויזן אויפן עולם, — זיי נעמען חסידות לעפל-וואַז, ווי מע נעמט אַ רפואה, ווען מע איז חס-ושלום מסוכן קראַנק...

מתנגדים האָט ער פיינט געהאַט, כאָטש ער האָט געהאַלטן, אַז ס׳איז נישטאָ וועמען פיינט צו האָבן. זייער יידישקייט, האָט ער געהאַלטן, איז טרוקן און פוסט ווי אַן אויסגעקלאַפּטע דורכן ווינט, זאַנג. טיילמאָל פלעגט ר׳ זלמענען אָנגעמען אַ רחמנות צו די מתנגדים וואָס זייער יידישקייט איז ווי אַ גולם, אַ גוף אָן אַ נשמה. אָבער בעידנא דריתחא, ווען ער פלעגט זיין אין כעס, האָט ער זיי אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט, געהאַלטן אַז זיי מאַכן סתם קאַליע גאָטס גאָב אויף דער וועלט...

* * *

ובכן, איז נישט דערפאַר האָט ר׳ זלמן ליב געהאַט אַ סעודה-לע, ווייל ער האָט געוואָלט עסן צוזאַמען מיטן עולם.

ר׳ זלמן האָט דערפאַר ליב געהאַט אַ סעודהלע, ווייל ער איז פּשוט געווען הונגעריק. ס׳האָט זיך אים ממש געוואָלט עסן.

אחוץ שבת און יום־טוב, ווען ר׳ זלמן האָט געגעסן ביי אונדז, פלעגט ער גאַנצע וואָכן אָפּקומען מיט בילע־וואָס. קאָכן פאַר זיך, איז אים נישט אָנגעשטאַנען. אַרומגיין אַרום אייגענעם גוף, האָט ר׳ זלמן געהאַלטן פאַר אומווירדיק. פלעגט ער אָפּפּטרן דעם טאָג אַמייסטן מיט אַ שטיקל ברויט מיט ציבעלע.

איז ווען ס׳פלעגט זיך אין אַ פּשוטן טאָג, פאַרנאַכט־צו, פאַרזאַמלען אַן עולם אין גרויסן אַלעקסאַנדער שטיבל, האָט זיך ר׳ זלמן אַרומגעדרייט צווישן זיי אַן אומרויִקער, אַן אויפגעברויזטער. ער האָט געוואָלט אַרויספּילן, אַרויסשמעקן מיט זיין פאַרשפּיצטער נאָז, צי וועט זיך היינט עפּעס מאַכן אַ סעודהלע.

און סעודהלעך זענען אין אַלעקסאַנדער שטיבל פאַרגעקומען גענוג אָפט. מען האָט אויסגענוצט יעדע סיבה, די מינדסטע געלעגנהייט צו מאַכן אַ סעודהלע.

גרויסע סעודות, מיט פיש און מיט פלייש, האָט מען געפּראַוועט אין די יאָרציַיטן נאָך די נפטר־געוואָרענע אַלעקסאַנדער און וווּרקער רביים. אָבער ווען אפילו אַ פּשוטער חסיד, וואָס האָט געדאַוונט אין גרויסן שטיבל, האָט געהאַט יאָרצייט נאָך זיין טאַטן צי נאָך דער מאַמען, האָט מען נישט יוצא געווען מיט תיקון, מיט נעמען אַביסל בראָנפן מיט אַ קיכל, נאָר מען האָט דעם בעל־היאָרצייט גענייט צו מאַכן אַ סעודה, אויב נישט קיין אמתע סעודה איז כאָטש אַ סעודהלע. אויב דער בעל־היאָרצייט איז געווען אַן אָרעמאַן און נישט געהאַט קיין געלט, פלעגט זיך דער עולם צונויפלייגן וויפל איינער האָט געקאָנט, אַראָפּשיקן עמעצן איינקויפן, און פּראַווען אַ סעודהלע.

אַ סיום אָן אַ סעודהלע איז נישט שייך אין אַלעקסאַנדער שטיבל. יעדן ראש־חודש האָט מען געגעסן אַ סעודת ראש־חודש. ווען ס׳האָט אויסגעפּעלט יאָרציַיטן און סיומס, האָט זיך דער עולם צוגעזעצט צו איינעם וואָס איז געווען קראַנק, כאָטש דאָס האָט

געקאָנט זיין אַ פּשוטע פאַרקילונג, און אים איינגערעדט אַז ער איז געווען מסוכן, און איצט, נאָכן געזונט ווערן, איז ער מחויב צו מאַכן אַ סעודת הודעה. ס'האָבן נישט געהאָלפן יענעמס טענות, אַז ס'איז אים גאָרנישט געווען, אַז ער האָט אפילו קיין דאָקטער נישט גערופן. איטשעלע קובאַץ, מיטן רויטן בערדעלע ווי דער פלאַם פון אַ נשמה-ליכט, האָט שוין געהאַט אַזעלכע קונדסישע שטיק, אַז ער פלעגט אויף דעם מענטש אָנוואַרפן אַזאַ פחד, אַז יענער האָט טאַקע אָנגעהויבן צו גלויבן אַז ער איז געווען מסוכן קראַנק און איז טאַקע מחויב צו מאַכן אַ סעודת הודעה.

און ווידער דאָס זעלבע. אויב דער געזונט-געוואָרענער האָט נישט געהאַט קיין געלט, פלעגט זיך דער עולם צונויפלייגן און מאַכן די סעודה. ווייל נישט אין געלט איז דאָ געגאַנגען. ס'איז נאָר געגאַנגען אין געפינען אַ סיבה, אַ גורם, סתם זיך האָבן אין עפּעס צוצוטשעפּען צו קאָנען מאַכן אַ סעודה נישט לשם עסן, נאָר לשם מצווה.

אַזעלכע סעודות פלעגן געוויינלעך פאָרקומען אין די אָוונטן. מען האָט דעמאָלט בפירוש געזען, אַז ר' זלמנס נשמה שפּאַלט זיך. גוטס און שלעכטס, לייטזעליקייט און כעס, אויפגעברויזטקייט און רויקייט האָבן אין אים שולט געווען בערבוביא, האָבן אין אים געווועלטיקט צוזאַמען. דאָ איז ער געווען שלעכט און פּלוצים איז ער געוואָרן גוט, צוגעלאָזן און באַרעדעוודיק. דאָ איז ער געווען צוגעלאָזן צו יעדערן און מיטאַמאָל האָט זיך אין אים אָנגעצונדן אַ ווילדער כעס. ס'האָט זיך אויסגעדאַכט אַז ער איז באַהערשט פון שלווה און פּלוצים האָט עס אין אים געגעבן אַ ברויז אויף, אַז מען האָט מורא געקריגן צו שטיין אין זיינע ד' אמות.

פונדעסטוועגן האָט מען בולט געזען, אַז פון דער סעודה האָט ר' זלמן הנאה, שטאַרק הנאה. און אפילו איטשעלע קובאַץ, וואָס האָט זייער ליב געהאַט ר' זלמנען צו דאָקוטשען, פלעגט אים אונ־טעררוקן נאָך אַ שטיקל הערינג און נאָך אַ האַרט איי, נאָך אַ גלעזל ביר און געהאַט פאַרגעניגן פון ר' זלמנס נהנה זיין.

ג.

איינמאָל, אין אַ פראָסטיקער ווינטער־נאַכט, איז אין שטיבל געווען אַ קליינער עולם. ווער פון זיי איז געזעסן און אַריינגע־קוקט אין אַ ספר, ווער ס'איז געזעסן און געשמועסט חסידות. אין דער מיטלסטער שטוב איז דער אויוון געווען גוט איינגעהייצט און ס'האָט דאָרט געהערשט אַ ליבע וואַרעמקייט. דער עולם האָט געטרונקען הייסע טיי מיט פּיצעלעך שטיקלעך צוקער.

צוליבן פראָסט איז אין שטיבל געווען אַזאַ קליינער עולם. ס'האָט זיך נישט געגלוסט צו פאַרלאָזן די היימען און קומען אין שטיבל אַריין. אָבער די, וואָס זענען שוין יאָ געקומען, האָט זיך נישט געגלוסט צו פאַרלאָזן דאָס שטיבל און אַרויסגיין אויף דער פרעמדער, געפרוירענער גאַס.

ר׳ זלמן איז געזעסן לעבן אויוון און געזופּט טיי. אין דעם האָט זיך עמעצער אָנגערופן:

—אין אַזאַ נאַכט וואָלט זען זייער גיוואָלט עסן אַ סעודהלע אין דווקא מיט אַ הייסער גריץ.

ר׳ זלמן האָט אויפגעהויבן דאָס פּנים, וואָס איז געווען פייכט פון דעם הייסן טיי. זיינע מיט רויט געליאַמעוועטע אויגן, האָבן זיך אָנגעצונדן מיט אַ געל פייערל. ער האָט אָנגעשטעלט אַ שפּיציקן פאָדערנדיקן בליק אויף דעם, וואָס האָט געוואָרפן דעם געדאַנק וועגן דער סעודה.

— ס'איז גורנישט קאַ קרימער רעיון, — האָט זיך דערהערט אַ קול פון אַ ווינקל אַרויס.

— ווער, וועם, ווען? — האָט זיך אָנגערופן אַן עלטערער ייד, וואָס איז געזעסן לעבן טיש און בנעימותדיק געשמעקט טאַביק.

ר׳ זלמן האָט אויפגעהויבן זיינע צעגליטע אויגן און מיט זיי אַזוי דורכגעשפּיזט דעם עלטערן ייד, אַז יענעם האָט זיך שוין אויף אַ גאַנצן אָוונט אָפּגעגלוסט צו עפענען דאָס מויל.

ר׳ זלמן האָט געשוויגן. זיין צעקנייטשט פּנים איז איצט געווען משונהדיק צונויפגעצויגן, ווי אַ שלעכט אויפגעוויקלטע קנויל וולוטשקע. מען האָט געזען אַז דעם ייד גייט עס בנפשו אַז מען זאָל מאַכן אַ סעודה. מען האָט געזען בחוש ובעין, אַז עס דערגייט חלילה ביי אים עד כלות הנפש.

צי פון אויסגעהונגערטקייט, צי פון נישט וועלן בלייבן איינער אליין אין שטיבל אין אַזאַ קאַלטער ווינטער־נאַכט, נאָר ר׳ זלמן איז געווען איצט אינגאַנצן אַ פאַרענדערטער. זיין פאַרריסנקייט, זיין תקיפות איז ערגעץ־ווו פאַרשוווּנדן צווישן די קנייטשן פון זיין פאַרמעטענעם פּנים. ער איז געווען פול מיט הכנעה, מיט אונטערטעניקייט, אַז ס׳איז אַ רחמנות געווען צו קוקן אויף אים.

אפילו איטשעלע קובאַץ, דאָס קליינע, דאַרע יידעלע מיטן רויטן בערדל ווי דער פלאַם פון אַ נשמה־ליכט, וואָס האָט אַזוי ליב געהאַט צו דאָקוטשען ר׳ זלמנען, אפילו ער האָט אויך נישט אויסגעהאַלטן און זיך אָנגערופן:

— יאָ, מע מיז זעיען מאַכן עפּעס אַ שטיקל סעודה.

און אַז איטשעלע קובאַץ האָט געזאָגט יאָ, האָט שוין קיינער נישט געזאָגט ניין.

אָבער ס׳מוז דאָך זיין עפּעס אַ סיבה, אַ גורם צו מאַכן אַ סעודה. מען וועט דאָך נישט גיין אין אַ חסידים־שטיבל סתם מאַכן אַ סעודה בכדי זיך אָנצופרעסן.

האָט מען אָנגעהויבן זוכן אַ סיבה. איינער האָט געפרעגט דעם צווייטן:

— ווו נעמט מען אַ סיבה?

קיינער פון די, וואָס זענען געווען אין שטיבל, האָבן קיין יאָרצייט נישט געהאַט, קיין סיום האָט קיינער פון זיי נישט געמאַכט, געזונט געוואָרן איז קיינער נישט פון זיי, ווייל קיינער פון זיי איז נישט קראַנק געווען. קיין יאָרצייט נאָך קיין אַלעקסאַנדער, צי וואָרקער רבי איז אויך נישט געווען.

האָט מען גענומען אַ לוח, ווו ס׳זענען אויסגערעכנט די יאָר־ציימן פון אַלע חסידישע גדולים, און געזוכט. פריער האָט מען געזוכט אַ יאָרצייט נאָך אַ רבין פון דער קאָצקער גזע, דערנאָך פון דער ריזשינער, דערנאָך פון דער ליובאַוויטשער, דערנאָך פון ווייניקער פאַרצווייגטע גזעס.

ס׳איז אָבער גראָד געווען אַזאַ טאָג, אין וועלכן קיין שום חסידישער רבי איז נישט געהאַט ניפטר געוואָרן. כאָטש גיי און פראַווע די יאָרצייט נאָך אַ מתנגדישן גדול... אָדער נעם זוכן, צי איז נישט פאַראַן אַ יאָרצייט נאָך איינעם פון די נפטר־געוואָרענע געזער רבים, מען זאָל פראַווען זיין יאָרצייט מיט אַ סעודה אין אַלעקסאַנדער שטיבל... אַזוי ווייט האָט עס שוין געהאַלטן... השם ישמרנו...

הכלל ס׳איז געווען ביטער... דער עולם האָט זיך שוין געהאַט מיאש געווען פון דער סעודה. ר׳ זלמן איז געזעסן אַ פאַרקלעמטער, אַ דערשלאָגענער, אינגאַנצן אַ צעבראָכענער.

אינדעם האָט מען באַמערקט אין ר׳ זלמנס געל פּנים אַ משונהדיקע פאַרענדערונג. זיין צעקנייטשט און צונויפגעשרומפּן פּנים איז געוואָרן רויט אָנגעבלאָזן, ווי עס וואָלט אין איין רגע אָנגעלאָפן מיט אַ געשווילעכץ. ער האָט שווער געעטעמט, ווי ער וואָלט זיך מיט עפּעס געשטיקט. פּלוצים האָט ער זיך געגעבן אַ שטעל אויף און אַרויסגעשריגן:

— יידן!...

— זלמן! זלמן! ווּס איז גישעיען! זלמן, זלמן! ווּס איז מיטע!

ר׳ זלמן האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין ווייסן קאַפּליע־אויוון, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז אָט־אָט פאַלט ער אום. ער האָט זיך פאַרשטעלט די אויגן מיט די הענט, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט באַפרייען פון אַ זלידנע אַנטשעפעניש, וואָס מאַטערט אים און גייט נישט אַוועק פון פאַר זיינע אויגן. ער האָט אַריינגעצויגן

לופט, ווי אין אַ הוילער זאַך אַריין, עטלעכע מאָל געעפנט דאָס מויל און ווידער אויסגעשריגן:

— יידן!... צוווייסט ווערמעס יאָרצאַט ס'איז האַנט?!

— זוג שוין, זלמן! זוג שוין, לאָמיר שוין הערן אַ וואָרט!

ר' זלמן האָט זיך ווידער אַ וואַקל געטון. ער האָט אויסגע־קוקט ווי אַ פאַרווירטער, ווי אַ מענטש וואָס דאַרף אָפּטון עפּעס אַ שרעקלעכע זאַך, און קאָן דאָס נישט טון, קאָן ביי זיך נישט פּועלן דאָס צו טון. מיטאַמאָל האָט ער געגעבן אַ געשריי אויס:

— יידן! ס'איז האַנט דעם קאָזיאָלס יאָרצאַט!

דער עולם האָט זיך אַ וואַקל געטון. געשטאַנען אַ געפּלעפּ־טער. נישט געוווּסט וואָס צו טון. אָבער מער ווי עטלעכע רגעס האָט עס נישט געדויערט. באַלד האָט זיך דער עולם געגעבן אַ ריס צו די קעשענעס. יעדער האָט פון זיי אויסגעשאָקלט וויפל ער האָט ביי זיך געהאַט. ס'האָט זיך אָנגעקליבן אַ שיין ביסל געלט.

פון איטשע, דעם רעסטאָראַטאָר, האָט מען געבראַכט אין שטיבל אַריין אַ פאַרטיקע גריץ, געקאָכט אויף קעלבערנע ביינד־לעך. פון אים האָט מען אויך געבראַכט אַ געבראָטן גענדזל, בראָנפן, ביר, ברויט און זעמל. ס'איז געווען אַ סעודה כיד המלך. שוין לאַנג האָט מען אין אַלעקסאַנדער שטיבל נישט געפּראַוועט קיין יאָרצייט מיט אַזאַ יד רחבה.

אָבער נישט בלויז דאָס מאָל האָט מען געפּראַוועט דעם קאָ־זיאָלס יאָרצייט מיט אַזאַ פייערלעכער סעודה. איטלעכס מאָל, ווען דעם עולם אין אַלעקסאַנדער שטיבל האָט זיך פאַרגלוסט צו עסן אַ חסידישע סעודה און נישט געהאַט קיין סיבה דערצו, האָט מען אויסגערופן אַז עס איז דעם קאָזיאָלס יאָרצייט, און מען האָט זיך געלאָזט ווױלגיין. מען האָט געגעסן און געטרונקען און געשמועסט חסידות.

די יאָרצייט פון קאָזיאָל, וואָס איז געווען אַ בכור, אַ געהיי־ליקטער פון זיין מאַמעס טראַכט, דעם קאָזיאָל מיטן פּנים פון אַ בעל־מקובל, מיטן ניצוץ פון אַ חסידישער נשמה, צי גאָר אַ גילגול

פון אַ חסיד, האָט מען געפּראַוועט אין אַלעקסאַנדער שטיבל שיינע עטלעכע מאָל אין יאָר...

ביי אַזעלכע סעודות פלעגט אויבנאָן זיצן דער הויפּט-מחותן, ר׳ זלמן. זיין פּנים איז געווען באַלעבט. זיין געמיט — אויפגעלייגט. זיין צונג — צעבונדן. קיינמאָל האָט מען פון ר׳ זלמנס מויל נישט געהערט אַזעלכע שיינע חסידישע מעשיות, ווי ביי די סעודות פון דעם קאַזיאָלס יאָרצייטן.

אַזוי אַרום איז פאַר אַלע קלאָר געוואָרן, וואָס האָט עס עפּעס ר׳ זלמנען, דעם מרוק, אַזוי געצויגן צום קאַזיאָל. פאַרוואָס האָט ער גראָד אים באַשאָנקען מיט אַזויפיל וואַרעמקייט און אהבה, פאַרוואָס ער האָט זיך מיטן קאַזיאָל געטיילט מיטן לעצטן ביסן...

פאַר זיין גוטסקייט האָט דער קאַזיאָל אָפּגעצאָלט ר׳ זלמנען כפל-כפליים. אַלע אַלעקסאַנדערער חסידים האָבן געזאָגט, אַז ווען דער קאַזיאָל וואָלט געקומען אויף דער וועלט נאָר צוליב דעם, אַז חסידים זאָלן קאָנען זיצן צוזאַמען און עסן און טרינקען און הנאה האָבן פון אַ חסידישער סעודה, מיט דעם אַליין האָט שוין זיין לעבן געהאַט אַ זכות הקיום און זיין טויט האָט אַוודאי געהאַט אַ זכות...

מדרש רבה

א.

פון אַלע מינים לערנען, איבער אַלע שווערע סוגיות אין דער גמרא. איבער אַלע שווערע תוספותן און האַרבע מהרש"א'ס וואָס ר' זלמן האָט אַזוי גערן געהאַט, האָט ער פונדעסטוועגן, ווען ער איז געווען גוט אויפגעלייגט, ליב געהאַט צו לערנען דעם מדרש רבה.

נישט די משלים, נישט די פירושים צו די אגדות זענען אים אין מדרש געפעלן געוואָרן. ניין. אים זענען געפעלן די פסוקים וואָס ווערן אין מדרש געבראַכט און וואָס זענען אין פלוג ווייט פון זיך כרחוק מזרח ממערב. ווען ער האָט געעפנט דעם מדרש רבה אויפן ספר במדבר, למשל, און א לערן געטון די ערשטע פאָר ווערטער: וידבר ה' אל משה בהר סיני, זש"ה (תהילים לו) משפטיך תהום רבה (און גאָט האָט גערעדט צו משהן אין מדבר סיני, דאָס וואָס זאָגט דער פסוק, דיינע משפטים ווי דער גרויסער תהום), האָט ר' זלמנס איינגעשרומפּן פּנים זיך אויסגעגליכן און אַרום זיין, מיט דינע קאַרבן געשפינען, מויל האָט אַ שוועב געטון אַ צוריק־געהאַלטענער שמייכל. וואָס מער דער צווייטער פסוק, וואָס האָט געזאָלט דינען ווי אַ ראיה פאַרן ערשטן, איז געווען ווייט פון אים, וואָס גרעסער ס'איז געווען לויטן שכל הישר דער מהלך צווישן די צוויי פסוקים, אַלץ נענטער זענען זיי פאַר ר' זלמנען געוואָרן, אַלץ נענטער האָט ער זיי געפילט. ער האָט געקוקט אויף זיי ווי איינער, וואָס דערזעט אַ נאָענטן, וועלכער איז אומגעריכט געקומען פון די ווייטסטע מרחקים.

ר׳ זלמן האָט געהאַלטן אַז פאַרשטיין קאָן מען נאָר דאָס, וואָס איז נישט צום פאַרשטיין. תופס זיין קאָן מען נאָר דאָס, וואָס איז נישט תופס צו זיין. קלוג איז נאָר דאָס, וואָס איז ווייט פון שכל הישר. וואָרעם אין דער אמתן איז, אַז נישט דו ביסט תופס מיטן שכל הישר, נאָר דער שכל הישר נעמט דיך תפוס, נעמט דיך געפאַנגען. אָבער דאָס וואָס דו קאָנסט נישט תופס זיין, קאָן אויך במילא דיך נישט נעמען תפוס. ביסט דו אַזוי אָרום אַ בן חורין און דו קאָנסט דעמאָלט קומען צו אַ העכערער מדרגה אין השגה.

ר׳ זלמן האָט געהאַלטן אַז ווערט צו זען איז נאָר דאָס, וואָס מען קאָן נישט דערזען, און דאָס איבעריקע איז נישט ווערט מען זאָל אַ בליק טון דערויף. ווערט צו הערן איז נאָר דאָס, וואָס קאָן נישט דערהערט ווערן, דאָס איבעריקע איז נישט ווערט צוצולייגן אַן אויער דערצו. טיילמאָל פלעגט ר׳ זלמן אָפּזיצן גאַנצע שעהן ווי ער וואָלט נישט געזען און נישט געהערט. ער האָט זיך דעמאָלט אָפּנים געוואָלט צוקריגן אין השגות צו גאָר אַ הויכער מדרגה.

אַזוינער איז ר׳ זלמן געווען ווען ער איז דווקא געווען גוט אויפגעלייגט. גוט אויפגעלייגט האָט נישט געהייסן ביי אים צוגע־לאָזן. דאָס איז ער קיינמאָל נישט געווען. גוט אויפגעלייגט האָט ביי אים געהייסן, ווען ער האָט געוואָלט, ווען ער האָט משתוקק געווען שלום צו מאַכן מיט דער וועלט, מיט דער וועלט מיט וועל־כער ער האָט כסדר געפירט מלחמה.

ווען ר׳ זלמן איז געווען אין כעס, ווען ער איז נישט געווען שוה מיט זיך און אוודאי נישט מיט דער וועלט, האָט ער דווקא ליב געהאַט דאָס חריפותדיקע לערנען. דעמאָלט האָט ער נאָר געהאַלטן פון שכל. זיין חריפות, זיין שכלדיקייט איז גע־ווען אַ בייזע, אַן עוקצדיקע. ער האָט נישט געוואָלט מיט זיין חריפות אימעצן אויפהייבן, נאָר פאַרקערט — משפיל זיין, נישט פאַרשאַפן הנאה, נאָר יענעמען מצער זיין. ווען ער האָט געזען אַז דער עולם האָט דאָך הנאה פון זיינע חריפותדיקייטן, האָט ער געהאַלטן אַז זיי האָבן אים אָפּגענאַרט, אַז דער עולם האָט ביי אים

אויסגענאַרט אַ זאַך וואָס קומט זיי נישט, וואָס ער האָט גאָרנישט בדעה געהאַט זיי צו געבן...

* * *

ווי געזאָגט האָט ר׳ זלמן אין מדרש ליב געהאַט די פּסוקים וואָס זענען אין פלוג ווייט פון זיך, ווי ווייט ס׳איז דער הימל פון דער ערד. די משלים און די אגדות זענען אים דווקא נישט געווען צום האַרץ. ער איז געווען מלא חימה פאַרוואָס מען לערנט מיטן פּשוטן עולם מדרש און עין יעקב.

— מיט נשים און מיט די פּשוטי־עם דאַרף מען לערנען נאָר שולחן ערוך. מיט יעדן לאַט זאַן געבראַך. די נשים דאַרף מע לער־נען זיי זאָלן ווייסן וווּספאַרא מצוות זיי זענען מחויב צי טיען אין אַף וווּספאַרע עבירות זיי טורן נישט עובר זאַן. דעסגלאַכן מיט די פאַרגרעבטע מאַנצלאַט. זיי דאַרפן ווייסן ווום זיי מעיגן יאָ און ווום זיי טורן נישט. דום דאַרף מע מיט זיי לערנען. מעיע גור נישט! — האָט ר׳ זלמן זיך געקאַכט, געוואָרפן מיט די הענט, געאַרבעט מיט זיי מעשים.

ר׳ זלמן האָט נישט סובל געווען וואָס ווייבער לייענען די „צאינה וראינה“. אַמאָל איז ער געזעסן ביי אונדז אין אַ האַרבם־טיקן שבת־פאַרנאַכט, געזופּט הייסע טיי און געוואַרט אויף שלוש סעודות. מיטאַמאָל האָט ער דערהערט פון דער צווייטער שטוב מיין עלטער־מומען,ביילען, וואָס איז געווען ביי אונדז אַ צייט, לייענען אויפן קול די צאינה וראינה: —

—„נעשה אדם“, — האָט די מומע געלייענט מיט אַ פאַרצוי־גענער, שטאַרק איבערגענומענער שטימע. „נעשה אדם — אין דעם זעקסטן טאָג האָט גאָט גיזאָגט צוא דיא מלאכים לאָמיר באַשאַפן איין מענטשען דאָס האָט גאָט אונז גילערינט דאָס איין מענטש זאָל ניט זיין קיין גוותן נייערט ער זאָל זיך באַראָטן און עצות האַלטין מיט אַנדערי לייט ווען ער וויל עפּעס טאָן ווען אויך זיי זע־נין נידעריגי לייט פון אים זאָל ער זייא דאָך פרעגין. און אויך דערים

האָט גאָט גיפרעגט צו דיא מלאכים ווייל איין מענטש האָט איין פּנים אַזוי וויא איין מלאך אַזוי וועלין די מלאכים זיך מקנא זיין אין דעם מענטש דערום האָט גאָט גיזאָגט צו די מלאכים"...

דאָ האָט ר׳ זלמן מער נישט אויסגעהאַלטן. די היימישקייט מיט וועלכע די מומע מיינע האָט געלייענט די ווערטער ווי אַזוי גאָט רעדט צו די מלאכים, האָט אים אינגאַנצן אַרויסגעבראַכט פון די כלים. ר׳ זלמן האָט אַ לויף צו געטון צו דער טיר פון דער שטוב ווו ס'זענען געזעסן די ווייבער און אַריינגעשריגן:

— רב יידענע! גרייט בעסער צי דעם שלוש-סעודות. נישט אייער בובעם דאגה, צי גאָט האָט זיך יאָ בּאַראָטן מיט די מלאכים צי נישט!

כאָטש ר׳ זלמן האָט נישט געוווּסט ווער ס'לייענט די צאינה וראינה, צי דאָס טוט אימעצער אַ פרעמדער, צי מיין מומע, צי גאָר מיין מאַמע אַליין, איז עס אים גאַרנישט אָנגעגאַנגען. אים האָט דאָס נישט געאַרט. ער האָט נישט געקאָנט צוימען זיין כעס, ער האָט געקריצט מיט די ציין און געליאַרעמט.

מיין מומעביילע, וועלכער דער מאַן האָט זייער האָלד געהאַט און איר אָנגעטון גרויסע כיבודים, האָט געקוקט אויף דעם העזה־דיקן פאַרשייטן אורח, ווי עפּעס אויף אַ ווילד אָנשיקעניש. אָבער מיין מאַמע, וועלכע איז שוין געוווינט געווען צו ר׳ זלמנס עזות־דיקייטן האָט געשמייכלט און געווונקען צו מיין מומען זי זאָל זיך נישט איבערנעמען און לייענען ווייטער.

ר׳ זלמן איז געווען אש להבה אויף די פאַרשידענע בעל־דרשערס, וואָס האָבן זיך דעמאָלט באַוויזן אין וואַרשע און גע־דרשנט פאַרן פּראָסטן עולם אין די שולן און בתי מידרשים. ער האָט נישט סובל געווען די ליטווישע מגידים, די מרה שחורהדיגע־קעס, וואָס פלעגן סטראַשען דעם עולם מיטן צעגליטן גיהנום פאַר יעדער מינדעסטער עבירה. אָבער נאָך מער פיינט האָט ער געהאַט די פּוילישע בעל־דרשערס, וואָס זאָגן צו דעם גן עדן פאַר מצוות און פאַרטייטשן און גיבן צו פאַרשטיין דעם פּראָסטן עולם די

אגדות און מדרשים מיט פאַרשידענע משלים ווי דאָס וואָלטן גע־
ווען פשוטע מעשיות.

ר׳ זלמן האָט געהאַלטן אַז דאָס אַלץ איז סוד. און די גמרא זאָגט אין פּסחים: זעקס זאַכן זענען געזאָגט געוואָרן ביי אַן עם הארץ, און איינס פון זיי איז — אַז מען טאָר אים נישט מוסר סוד זיין. דאָס איז געזאָגט געוואָרן וועגן אַ פּשוטן סוד און וואָס שיקט זיך נאָך צו זאָגן ביי דער תורה וואָס איז כולה סוד? — וואָרים ווי זאָגט דער זוהר: „לית לך מלה באורייתא או אות חד באורייתא דלא אית ביה רזין יקירין״ (האָסט נישט קיין וואָרט אין דער תורה אָדער אַן אות אין דער תורה אין וועלכן ס׳זאָל נישט זיין סודות זעלטענע), טאָ ווי קענען קימען די בעל דרשערס און מאַכן פין די סודות סתם מעשיות פאַר נשים און בורים, — האָט ר׳ זלמן געפייערט.

פונדעסטוועגן ווען ר׳ זלמן איז געווען גאָר גוט אויפגעלייגט, האָט ער אַליין זייער ליב געהאַט צו לערנען דעם מדרש רבה. ער איז געשווימען צווישן די פּסוקים וואָס זענען געווען ווייט פון זיך, ווי אַ ים וואָלט זיי פונאַנדערגעטיילט. איבער דעם דאָזיקן ים איז ער געשווימען אַן אָנגעגורטער מיט אגדות און מיט פירושים צו די אגדות און מיט משלים, מיט דעם אלעם וואָס ער האָט גע־
האַלטן אַז נאָר יודעי ח״ן האָבן צו זיי אַ צוטריט, און נשים מיט עם הארצים דאַרף מען האַלטן פון דעם אַלעם מיילן ווייט.

געווען איין שטיקל מדרש רבה וואָס ר׳ זלמן האָט גאָר שטאַרק ליב געהאַט צו לערנען. דאָס שטיקל מדרש איז אין פרשת כי־
שתא...

ב.

ווען ר׳ זלמן האָט זיך געהאַט באַוויזן אין וואַרשעווער אַלעקסאַנדער שטיבל, וועלכעס איז נאָך דעמאָלט געווען אויף די נאַלעווקעס, איז הערש חיים דאָרט געווען שמש. ווען הערש חיים האָט זיך געפּאָרעט אין שטיבל, אָנגעגאָסן נאָפט אין די בליך־

לאָמפּן, פונאַנדערגעשטעלט די לאַנגע בענק, איז געבן אים גע־שטאַנען ר׳ זלמן און מיט אים קאָמאַנדעוועט. ווען הערש חיים האָט געעפנט דעם ארון־קודש און געזוכט צווישן די ספר תורות אַזאַ וועלכע מען דאַרף נישט קיין סך גולל זיין, בכדי אין איר צו לייענען שבת ביים דאַווענען, האָט ר׳ זלמן זיך אַוועקגעשטעלט נעבן דעם אָפענעם ארון און געוויזן אַז מען זאָל נעמען דאָס ספר וועלכעס ער הייסט און נישט קיין אַנדערס.

אין אָנהויב האָט הערש חיים געקוקט אויף דעם צוגעקומע־נעם, אויף דעם פרעמדן ר׳ זלמנען, ווי יענער וואָלט חלילה נישט געווען שפוי בדעתו. אָבער ווען ער האָט געזען אַז ר׳ זלמן ווערט אַ תושב אין שטיבל און ווערט מיום ליום ביי זיך פעסטער און עקשנותדיקער, האָט הערש חיים אָנגעהויבן פאַר אים מורא האָבן. ער האָט געזען אַז ר׳ זלמן איז שוין גאָר ביים רעכטן שכל. ער האָט אָנגעהויבן מורא האָבן, אַז ר׳ זלמן וויל פשוט משיג גבול זיין, אַז ער וויל פאַמעלעך אַריינגיין אין זיינע, הערש חיימס, ענינים, אַז ער גייט אויף זיין שטעלע, אַז ער וויל ביי אים גזלנען די פרנסה.

הערש חיים האָט אָנגעהויבן ר׳ זלמנען צו יאָגן פון זיך. נישט גאָר האָט ער זיך נישט געלאָזט זאָגן קיין דעה, נאָר ווען ר׳ זלמן האָט פשוט געוואָלט הערש חיימען צוהעלפן ביים שלעפּן למשל, די שווערע בענק, האָט הערש חיים נישט געלאָזט. ער האָט אַוועקגעשטעלט אין מיטן טראָגן די באַנק און געזאָגט מיט אַ גע־בייזער צו ר׳ זלמנען: — זלמן, ווער איז דו שמש, יאָך צי די? — און נישט געוואָלט טראָגן די באַנק ביז ר׳ זלמן איז פון אים נישט אָפּגעטרעטן.

הערש חיים האָט אָנגעהויבן רודפן ר׳ זלמנען, צוגעטראָגן אויף אים פאַרשידענע מסירות. אים געוואָלט מיט אַלע כוחות פטור ווערן פון שטיבל.

ס׳איז געווען דעמאָלט באַלד נאָך דער פּטירה פון מיטעלן אַלעקסאַנדערער רבי, דעם בעל „ישמח ישראל״. אַ טייל פון אַלעק־

סאַנדער עולם האָט זיך אַפּגעטיילט און אָנגעהויבן פאָרן קיין ביאַ־לע, צו ר׳ אהרנען. כאָטש ר׳ זלמן האָט מרעיש עולמות געווען פאַר אַלעקסאַנדער און קעגן ביאַלע, כאָטש ער האָט צום העכסטן פאַר אַלע אין שטיבל געזונגען:

לאָמיר זיך האַלטן באַנאַנדער,

לאָמיר פאָרן נאָך אַלעקסאַנדער,

האָט פונדעסטוועגן הערש חיים אים אונטערגעמערט פאַר די פאַרברענטע אַלעקסאַנדער חסידים, אַז זלמן איז אַ צבועק, אַז שרייען שרייט ער טאַקע פאַר אלעקסאנדער, אָבער אין האַרץ איז ער נוטה צו ביאַלע.

ס׳האָבן זיך אין שטיבל געשאַפט צוויי כיתות. איינע פאַר ר׳ זלמנען און די צווייטע קעגן אים. די פאַרברענטע אלעקסאַנדער חסידים האָבן געהאַלטן אַז מען דאַרף ר׳ זלמנען תיכף ומיד מרחק זיין פון שטיבל, אַז מען דאַרף אים אפילו אַסרן דריסת הרגל דאָרט אַריין. דער צווייטער צד האָט אָבער געהאַלטן שטאָל און אייזן פאַר ר׳ זלמנען. זיי האָבן געהאַלטן, אַז מען טאָר נישט חלילה קיין שום ייד מרחק זיין פון שטיבל. מיט דעם צד האָט אויך געהאַלטן מיין טאַטע. זיי האָבן נישט געזען קיין שום סימנים, אַז ר׳ זלמן זאָל נוטה זיין קיין ביאַלע.

ר׳ זלמן אַליין איז אויך נישט געווען קיין קטלא קניא, נישט געווען עפּעס בילע־ווער. ער איז נאָך געפאָרן צום אַלטן רבין, צום פּילצער רב, דעם רבין ר׳ יחיאל זצ״ל, אַ קליינינקייט! ער האָט זיך נישט געלאָזט אָוועקמאַכן כלאחר יד. ער האָט געשריגן צו הערש חיימען:

— העיע נאַ די! אַזאַ שייגאַץ ווי די פאַרבאַם יעך נוך אַ שוואָכן טרינק בראָנפן! ווּוּם מיינסטי מיט זעך, די עזות פנים! די אַרצי מחוצף פנים!!!

ר׳ זלמן האָט זיך נישט נאָר נישט געלאָזט מרחק זיין פון שטיבל, נאָר ערשט אויפן אמת זיך דאָרט באַזעצט. דורך דער

מחלוקה האָט ער זיך ווי קונה שביתה געווען אין שטיבל. דאָס אַלעקסאַנדער שטיבל איז שוין אויף שטענדיק, עד סוף ימיו, גע־בליבן זיין היים.

* * *

ר׳ זלמנען איז גאָר קיינמאָל נישט איינגעפאַלן וועלן צונע־מען ביי הערש חיימען זיין אָרעמע פּרנסה. אַ חוץ דעם האָט ר׳ זלמן בכלל נישט בדעה געהאַט צו ווערן אַ שמש אין שטיבל. ער האָט גוט געוווּסט אַז ער טויג נישט דערצו. ער איז געווען אַ מבין אויף זיך — ר׳ זלמן. געוווּסט אַז ער איז אַ קשי עורף, קאָן נישט אַדורכקומען מיט מענטשן און אוודאי קאָן ער נישט זיין קיין משמש, ווייל ער קאָן זיך נישט מכניע זיין אונטער קיינעמען, זאָל דאָס זיין אפילו דער גבאי אַליין, צי דער גרעסטער נגיד אין שטיבל.

ר׳ זלמן האָט גאָרנישט געהאַט קיין אייגנס, ממש גאָרנישט. דאָס העמד אויף זיין לייב און דאָס שטיקל ברויט וואָס ער האָט געגעסן זענען אים געווען געשענקטע. יעדע פּרוטה וואָס ער האָט געהאַט אין דער קעשענע איז געווען אַ געשענקטע. אָבער אַ דעה האָט ר׳ זלמן ביי יעדער זאַך און ביי יעדער געלעגנהייט געהאַט אַן אייגענע.

ער איז נישט נאָר געווען אַ תקיף ווען ס׳איז געגאַנגען אין לערנען; ער איז נישט נאָר געווען עומד על דעתו אין אַ דבר הלכה; נישט נאָר געווען שאַרף אין ענין פון חסידות; ער איז נישט נאָר געווען א ראש המדברים ביי יעדער מחלוקה צווישן חסידים און צווישן גאַנצע חסידים־שטיבלעך. ער האָט ביי יעדער פּשוטער זאַך, ביי יעדער דבר קטן געהאַט זיין דעה. ער האָט זיך אומעטום אַריינגעמישט, אומעטום געזאָגט, אַז ער האַלט אַז ס׳דאַרף אַזוי זיין, און נישט געוואָלט אָפּטרעטן און זיך מתווכח געווען, אַז נאָר ער איז גערעכט און אים איז מען מחויב צו פאָלגן.

ס'איז געווען מאָדנע ווי דער ר׳ זלמן וואָס האָט גאָרנישט געהאַט אייגנס, בפועל ממש גאָרנישט, האָט געוואָלט צו אַלע און צו אַלעם זיין אַ שותף. האָבן זיך צוויי חסידים צעווערטלט אין שטיבל — איז עס געווען קודם כל זיין, ר׳ זלמנס, ענין. האָט זיך צעפלאַקערט אַ מחלוקה צווישן אַלעקסאַנדער און ביאַלע — איז עס געווען ר׳ זלמנס זאַך. האָט מען אין שטיבל געפירט אַ מלחמה קעגן די קאָליע-געוואָרענע חסידים, וואָס האָבן מעיז געווען צו קומען שבת אין שטיבל אַריין אין טוכענע היטלען, — איז דער גלאַוונע קאָמאַנדוויושטשי אין דער מלחמה געווען נישט קיין אַנדערער ווי ער, ר׳ זלמן. אין ענין פון עליות צו דער תורה, האָט ר׳ זלמן געהאַט וואָס צו זאָגן. נישט האָבנדיק קיין אייגענע פרוטה, איז ר׳ זלמן ביי מחצית-השקל-געלט אין פורים, צי ביי מעות-חטין אויף פסח, צי ביי די קערות ערב יום-כיפור געווען אַ גאַנצער דעה-זאָגער. נישט געווען קיין זאַך וואָס זאָל נוגע זיין דאָס שטיבל און די חסידים, אַז ר׳ זלמן זאָל נישט האָבן דערמיט צו טון.

ר׳ זלמן וואָס האָט געלעבט אין מוראדיקער דחקות, און האָט זיך טיילמאָל געמוזט אָפּזאָגן פון זאַכן וואָס האָבן מער נישט געקאָסט ווי גראָשנס, האָט געוואָלט מיט אַלע כוחות אַז כאָטש אים אַליין זאָל מען שטאַרק אָנזען, אַז זיין דעה זאָל מען אָננעמען, אָדער מען זאָל זי לכל הפחות אויסהערן.

ר׳ זלמן האָט זיך נישט נאָר געהאַלטן פאַר אַ שותף צום אַלעקסאַנדער שטיבל און צו דעם שטיבלס ענינים. ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ שותף צו גאָט ברוך הוא׳ס וועלט. נישט נאָר איז דער מענטש אַ בעל בחירה, נאָר ר׳ זלמן האָט געהאַלטן ווי דער רמב״ם, אַז אַפילו דאָס פירעכץ, די הנהגה מיט דער וועלט האָט כביכול איבערגעגעבן דעם מענטש. ר׳ זלמן, וועלכער האָט געלעבט אין אַ געוואַלטיקער מצוקה, אין גרויס דחקות, האָט געהאַט אַ בפירושן חשק, אַ שטאַרקן ווילן צו אַ שטיקל מנהיגות מיט דער וועלט...

ג.

די צייט איז זיך געגאַנגען איר וועג. אין שטיבל האָט מען שוין געהאַט פאַרגעסן ווען ר׳ זלמן איז דאָרט דאָס ערשטע מאָל געקומען. ער איז געוואָרן ווי אַ טייל פון דעם שטיבל און קיינער האָט זיך שוין גאָרנישט געקאָנט פאָרשטעלן דאָס שטיבל אָן אים. זייט אַ צייט איז ער געווען אונדזער סטאַלער אורח אין שבתים און ימים-טובים. דער עולם, און אויך אונדזער שטוב, האָט זיך שוין געהאַט צוגעוווינט צו זיינע עזותן, צו זיין גאַנץ התנהגות.

איינמאָל, אין אַ מוצאי שבת, איז אַן עולם חסידים געזעסן ביי אונדז און ווי געוויינלעך געוואַרט אויף דער מלווה מלכה. ס׳איז געווען שפּעט ווינטער, פאַר פּורים צו, אָבער דאָס וועטער אין דרויסן איז געווען אַ טרוקנס און אַ פראָסטיקס. דער עולם איז געזעסן אין גרויסן עס-צימער, ווו ס׳האָט נאָך געהערשט אַ ליבע וואַרעמקייט פון דעם איינגעהייצטן אויף שבת אויוון. אין קיך האָט זיך געקאָכט אַ פרישער רויטער באָרשט אויף ביינער און פליש. פיש און חלות זענען נאָך געווען פון שבת.

דער עולם איז דערווייל געזעסן אַרום דעם גרויסן טיש, גע-רייכערט פּאַפּיראָסן און געטרונקען טיי. מיין טאַטע און ר׳ שלמה גבאי האָבן גערייכערט ציגאַרן.

ר׳ זלמן איז געווען ביי אונדז פון דער שבת אינדערפריאיקער סעודה אָן. נאָכן עסן האָט ער זיך אַביסל צוגעלעגט אויף דער ברייטער לעדערנער קאַנאַפּע, וואָס איז געשטאַנען ביי אונדז אין עס-צימער. פאַרנאַכט האָט ער זיך אויפגעהויבן, געדאַוונט מנחה און געגעסן שלוש-סעודות. דערנאָך האָט ער איבערגעוואַרט די הבדלה און איצט איז ער געזעסן מיטן עולם ביי אַן עק טיש און געוואַרט אויף דער מלווה מלכה.

איך האָב זיך געשפּילט אין צווייטן צימער מיט מיינע שוועסטערן, נאָר פון צייט צו צייט אַ קוק אַריין געטון אין עס-צימער זען וואָס הערט זיך ביי די חסידים. כ׳בין אַלט געווען אַ יאָר צען-עלף.

ווען איך בין איינמאָל אַזוי אויף אַ מינוט אַריינגעקומען אין עס-צימער, האָט ר׳ זלמן זיך צו מיר אָנגערופן: — חיליש, קים נאָר אהעיער.

כ׳בין צוגעגאַנגען צו ר׳ זלמנען נישט זייער גערן. ער האָט צוגערוקט אַ ליידיקע שטול צו זיך און געזאָגט:

— זעץ זעך אַוועק דו, לעיבן מיער. גענוג געשפּילט זעך מיט מיידלעך.

מיר האָט דאָס זייער נישט געשמעקט, ווייל כ׳האָב גראָד געהאַלטן אין מיטן שפּילן מיט מיינע שוועסטערן אין פאַנטן. כאָטש כ׳בין שוין געווען אַ גמרא-יינגל, געלערנט גמרא מיט תוספות און אַנדערע מפרשים, בין איך אָבער אויך געווען אַ צעפּיעשטשעט בן-יחידל, איין יינגל צווישן פינף מיידלעך, און פלעג זיך נאָך זייער אָפט שפּילן מיט מיינע שוועסטערן.

כ׳האָב אָבער נישט געהאַט קיין ברירה און זיך אַוועקגעזעצט נעבן ר׳ זלמנען. ער האָט זיך אויפגעשטעלט, צוגעגאַנגען צו דער ספרים-שאַנק און אַרויסגענומען אַ גרויסן מדרש רבה.

ער האָט זיך צוריק אַוועקגעזעצט, געעפנט דעם מדרש און געזאָגט: — ני חיליש, מעט לערנען אַ שטיקל מדרש, גיט?

ס׳איז געגאַנגען די פרשה כי תשא. ר׳ זלמן האָט אויפגע־מישט די סדרה. אָבער נישט אָנגעהויבן פון אָנהייב, נאָר פון דער מעשה מיטן עגל. ער האָט געלערנט מיט אַ ברען, ווי זיין שטייגער איז געווען, באַלד האָב איך דערהערט די ווערטער פון מדרש:

„ורבי נחמיה אמר בשעה שעשו ישראל אותו מעשה עמד לו משה מפיים את האלהים אמר רבון העולם עשו לך סיוע ואתה כועס עליהם. העגל הזה שעשו יהיה מסייעך אתה מזריח את החמה והוא הלבנה אתה הכוכבים והוא המזלות אתה מוריד את הטל והוא משיב רוחות אתה מוריד גשמים והוא מגדל צמחים. אמר הקב״ה משה אף אתה טועה כמותם והלא אין בו ממש״.

(און רבי נחמיה האָט געזאָגט אין דער צייט ווען די יידן האָבן געטון די מעשה האָט זיך געשטעלט משה מפיים זיין גאָט

ער האָט געזאָגט האַר פון דער וועלט מען האָט דיר געמאַכט אַ הילף און דו כעסט זיך אויף זיי. דער דאָזיקער עגל וואָס זיי האָבן געמאַכט וועט זיין דיין געהילף דו שיקסט די זון שיינען און ער די לבנה דו די שטערן און ער די מזלות דו נידערסט אַראָפּ דעם טל און ער בלאָזט די ווינטן דו נידערסט אַראָפּ די רעגנס און ער וואַקסט אוים די שפּראָצונגען. האָט געזאָגט הקדוש ברוך הוא משה דו ביסט זיך טועה ווי זיי וואָרעם ס'איז דאָך נישטאָ אין אים קיין ממש).

כאָטש ר' זלמן האָט באַלד אָנגעהויבן לערנען מיט פייער, מיט התמדה, אָבער ווען ער איז דערגאַנגען צו דעם וואָס ס'האָט געזאָגט ר' נחמיה, האָט ער אָנגעהויבן לערנען פּאַמעלעך און מיט אַזאַ צעזונגענקייט, ווי ער וואָלט געזאָגט „אָז ישיר". ער האָט געצויגן יעדעס וואָרט, ווי ער וואָלט געוואָלט אַרויסבאַקומען פון דאָרט עפּעס אַ פאַרבאָרגענע זיסקייט, ער האָט זיך געשפּילט מיט יעדן וואָרט, ווי מיט אַן אבן־טוב און דערביי נישט פאַרגעסן מיך צו שטאָרקען מיט אַ שפּיציקן פינגער אין דער פּלייצע, וואָס איך האָב זייער פיינט געהאַט, אַז אויך איך זאָל לערנען ווי ער, הויך אויפן קול.

איך האָב אָבער מער געקוקט אויף ר' זלמנען ווי אין מדרש. עפּעס האָט ער מיר אויסגעזען צו זיין גאָר פריילעך, אַזוי פריילעך איז ער נאָר געווען נאָך אַ גרויסן טרונק בראָנפן. עפּעס האָב איך געפילט אַז ער האָט אַ גרויסע הנאה פון די ווערטער פון מדרש, עפּעס גאָר אַ גרויסן תענוג. אָבער פון וואָס די הנאה, פונוואַנען דער תענוג, האָב איך נישט פאַרשטאַנען.

ווען ר' זלמן האָט זיך געכאַפּט, אַז כ'קוק מער אויף אים ווי אין מדרש, האָט ער מיר ווידער געגעבן אַ שטאָרק אין דער פּלייצע מיט אַ שפּיציקן פינגער, און אָנגעהויבן פונדאַסניי: „ורבי נחמיה אמר"...

דער עולם וואָס איז געזעסן ביי אונדז און געוואַרט אויף דער מלווה מלכה, איז געווען זייער פאַרוואונדערט פון דעם, וואָס

ר׳ זלמן לערנט מיט מיר. זיי האָבן גוט געקענט ר׳ זלמנען. זיי האָבן געוווּסט ווי פיינט ער האָט מיט אימעצן צו לערנען, אפילו בלויז עפּעס צו פאַרענטפערן, צי צווייזן. זיי האָבן געוווּסט ווי ער ר׳ודפט די אַלע וואָס קומען אים עפּעס פרעגן אין לערנען. זיי האָבן אָפּנים געהאַלטן, אַז איך האָב ביי ר׳ זלמנען עפּעס אַ ספּעציעלן זכות.

נישט ווייניקער בין איך אַליין פון דעם געווען פאַרווּנדערט. אָבער דאָס איז געווען דאָס ערשטע, און אגב דאָס איינציקסטע מאָל, ווען ר׳ זלמן האָט מיט מיר עפּעס געלערנט. כאָטש חסידישע תורות פלעגט ער מיר אויך אין יאָרן אַרום, ווען כ׳בין שוין געווען „קאַליע״ — אָפּט נאָכזאָגן.

צווישן דעם עולם וואָס האָט ביי אונדז געוואַרט אויף דער מלווה־מלכה סעודה, איז אויך געווען דאָס קליינע יידעלע, איטשע־לע קובאָץ. ער האָט געהאַט עטלעכע עבודות אין שטיבל, דער איטשעלע. אָבער דער עיקר איז ער געווען אַ שטיקל „געהיים־אַגענט״.

ער האָט אַלץ געוווּסט, אָט דאָס קליינע יידעלע. ער האָט גע־וווּסט וועלכער יונגערמאַן שלאָפט שבת אינדערפרי אַביסל לענ־גער, וועלכעס ווייבל באַהאַלט אונטערן טיפן שייטל אַביסל איי־גענע האָר, וועלכער יונגערמאַן לייענט אַ בלאַט־צייטונג, ווער האַלט זיך פאַר אַן איסטניס און דרייט זיך אַרום אין אַ ווינטער פון אַ שבת־אינדערפריאיקער קאַלטער מקווה. ער האָט געוווּסט ווען אַ יינגל האָט אַמאָל פאַרגעסן דאַוונען אַ מנחה. נישט איין יינגל האָט געכאַפּט שמיץ פון זיין טאַטן צוליב איטשעלעס מסי־רות. איטשעלע האָט אויך צוגעטראָגן צום רבין אַליין די פאַרשיי־דענע התנהגותן פון די יונגעלייט אין שטיבל. אַזוי האָט מען אויף איטשעלען אויסגערעדט. און די יונגעלייט און די יינגלעך פלעגן ציטערן פאַר אים אימת מות.

דעם מוצאי שבת איז זיך איטשעלע אַזוי געזעסן מיטן עולם, געריכערט פּאַפּיראָסן און עפּעס געמיטלעך געשמועסט מיט מיין

טאַטן. אָבער זיין לינק אויער איז געווען שטייף און אָנגעשפּיצט און האָט אויפגעכאַפּט יעדעס וואָרט פון דעם וואָס ר׳ זלמן האָט מיט מיר געלערנט.

פלוצים האָב איך דערפילט אָנגעשטעלטע אויף זיך בליקן, כ׳האָב אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון מדרש און דערזען ווי דער טאַטע און איטשעלע נעמען נישט אַראָפּ די אויגן פון מיר, און דאָס קליינע יידעלע רעדט עפּעס זייער ערנסט צו מיין טאַטן.

אינדעם האָט זיך דער טאַטע אָנגערופן: — זלמן, לאָז אופּ דעם קליינעם, לאָז אופּ חילישן. זאָל ער זעך גיין שפּילן, אין די, זלמן, קים אַביסל אַהעיער, זעץ זעך לעיבן מיער וועל יעך דיעך אַפּלערנען רייכערן ציגאַרן.

ר׳ זלמן האָט איבערגעריסן דאָס לערנען, אַ רגע געזעסן אַ מבולבלער, דאַכט זיך גאָר, אַ דערשראָקענער. ער האָט גיך פאַר־מאַכט דעם מדרש און זיך אויפגעשטעלט. איך האָב דערווייל אויס־גענוצט די געלעגנהייט און אַריין אין צווייטן צימער פאַרענדיקן דעם שפּיל אין פאַנטן מיט מיינע שוועסטערן.

ד.

ווי אַ גאַנצע ריי געשעענישן און זאָגעכצן, וועלכע כ׳האָב געהערט אין מיינע קינדער־יאָרן און כאָטש כ׳האָב זיי דעמאָלט נישט פאַרשטאַנען, זענען זיי געבליבן טיף שטעקן אין מיין זכרון, פון צייט צו צייט אויפגעטויכט און געפאָדערט אַן ענטפער, געפאָ־דערט באַשייד, אַזוי איז אויך אין מיין זכרון פאַרבליבן דער דאָ־זיקער ווינטערדיקער מוצאי־שבת און דער משונהדיקער אופן מיט וועלכן ר׳ זלמן האָט דעמאָלט געלערנט מיט מיר דאָס שטיקל מדרש פון פרשת כי שתא.

ס׳זענען אַדורך יאָרן. כ׳בין שוין געווען אַ „קאַליע געוואָרע־נער״. אָבער שבת און יום־טוב בין איך געזעסן ביים טאַטנס טיש, אַמאָל אַריינגעקוקט אין אַ יידיש ספר, ליב געהאַט צו שמועסן מיט חסידים רבישע תורה.

מיט איטשעלע קובאַץ, װעמענס רויט בערדל איז מיט דער צייט געװאָרן האַלב-גרוי, האָב איך אָנגעהאַלטן גוט-ברודערישע באַציִונגען, נישט געקוקט װאָס מיט זײַנע מסירות אויף מיר פאַר מיין טאַטן, האָט ער מיר נישט איינמאָל אָנגעטון געברענטע צרות. אונדזער ידידות האָט זיך גענומען דערפון, װאָס מיר ביידע האָבן זייער ליב געהאַט רעדן װעגן דעם של״ה הקדוש. איך האָב ליב געהאַט דעם של״ה צוליב זיין ערלעכקייט, צוליב זיין תמימות. זיין זאָגן: ״הרי ואהבת לרעך כמוך הוא הגורם ואהבת את ד׳ אלהיך״ (של״ה, שער האותיות, אות ב׳) — װאָרים דו זאָלסט ליב האָבן דיין נאָענטן װי זיך אַליין דאָס איז דער גורם אַז דו זאָלסט ליב האָבן גאָט דיין גאָט — איז יאָרן לאַנג געװען פאַר מיר כמעט אַ װעלט-השקפה.

איינמאָל אין אַ דאָנערשטיקן אָװנט, איז געזעסן ביי אונדז איטשעלע קובאַץ און אַריינגעקוקט אין אַ ספר. ער האָט געװאַרט אויף מיין טאַטן, װעלכער איז נאָך נישט געהאַט געקומען פון געשעפט. װען כ׳האָב אַזוי געקוקט אויף דעם קליינעם ייִדעלע, האָב איך זיך, נישט װיסנדיק פונװאַנען, פּלוצים דערמאָנט אין ר׳ זלמנען און אין דעם מדרש פון פּרשת כי תשא, װעלכן ער האָט מיט מיר אין דעם װינטערדיקן מוצאי-שבת געלערנט. מיר האָט זיך פאַרװאָלט עפּעס װיסן גענויערס װעגן ר׳ זלמנען. מיר איז איינגעפאַלן, אַז אויב איך װעל עפּעס געװאָר װערן װעגן ר׳ זלמנען, װעגן אים אַליין, װעל איך אפשר גיכער פאַרשטיין, װאָס איז מיט אים דעמאָלט געװען װען ער האָט מיט מיר געלערנט דאָס שטיקל מדרש רבה, — אַ געדאַנק, װעלכער האָט זיך דעמאָלט פון צייט צו צייט אין מיר אָפּגערופן.

איך האָב אָבער מורא געהאַט צו פרעגן דעם „געהיים-אַגענט״ איטשעלע קובאַץ װעגן ר׳ זלמנען. מיר האָט זיך שטענדיק אויסגעדאַכט אַז ער לייענט אין מיינע געדאַנקען. כ׳האָב געטראַכט אַז מיט אים דאַרף מען גיין בעקיפין, עפּעס מיט אַן אומװעג, ער זאָל זיך נישט כאַפּן אין װאָס מיר גייט. כ׳האָב אָנגעהויבן מיט אַ פּשוטער שאלה:

— ר׳ איטשעלע, וואָס מאַכט עפּעס ר׳ זלמן, שוין באַלד אַ וואָך צייט ווי איך האָב אים נישט געזען.

— דאָן זלמן ראַסט זעך אַרים מיט די גאַנצע וועלט.

— וואָס עפּעס „מאָן״?

— כ׳וויים, מ׳ווייסט אַז די ביסט זאָגס אַ חסיד. אַ חסיד פין זאַנע משונהדיקע אַנפאַלן.

— זאָן חסיד? אַז כ׳וויים אפילו נישט ווער ער איז און פון וואַן ער קימט.

כ׳האָב געזען אַז כ׳בין אויף אַ גיטן וועג. כ׳האָב זיך צוגע־זעצט צו ר׳ איטשעלען אויף דער קאַנאַפּע און אים מכבד געווען מיט אַ פּאַפּיראָס.

— איזן איז ער פין שעדלעץ, אַזוי זוגט מען, אָבער ווער ער איז וויים יעך אַך נישט.

— אין ווען איז ער געקימען אין שטיבל, אין נאָך ווּס איז ער בכלל געקימען קאַ וואַרשע?

דאָס קליינע יידעלע האָט אָנגעשטעלט אויף מיר זיינע קיי־לעכדיקע אויגן, מיך אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז פיס, גענומען דעם פּאַפּיראָס, זיך טיף פאַרצויגן און אָנגעהויבן מיר דערציילן:

— ווען זלמן איז געקימען אין אַלעקסאַנדער שטיבל אויף די נאַלעווקעס, האָט קיינער פין די חסידים נישט געוויסט ווּס האָט אים געבראַכט קאַ וואַרשע, ער זאָל דו ווערן אַן אורח ביי פרעמדע טישן און אַ תושב אין שטיבל. ער איז געקימען און אַ גראָשן אין קעשענע דום היות צי דערהאַלטן. כ׳געדענק ווי האַנט אַז מ׳האָט אים אין שטיבל באַלד געמיזט שאַפן עפּעס געלט, שוין אָף דעם ערשטן אָנבאַסן.

אינאָנהויב האָט דער עולם געמיינט אַז זלמן איז געקימען קאַ וואַרשע אָף אַ פּור טעג. מען האָט אים געוואָלט געבן געלט ער זאָל גיין נעכטיקן אין אַן אכסניה. אָבער ער האָט בשום אופן נישט געוואָלט. ער האָט געוואָלט נעכטיקן נאָר אין שטיבל. ער איז געקימע־

מיט אַ שפּור פּעקל, צי וועלכן ער האָט זעך קיינמול נישט ציגע־רירט ווען עמיצער איז דערביי געווען.

יעך בין נאָך דעמולט געווען גור אַ יינגערמאַן, באַלד נוך דער חתונה, אָבער מען האָט שוין דעמולט אָף מיער גיזוגט אַז כ׳בין אַ חצוף אין אַ חסידישער קונדאַס, — האָט איטשעלע נישט אָן שטאָלץ וועגן זיך דערציילט, — יעך בין גיווען זייער ציעקאַווע ווּס זלמן האָט אין זאַן פּעקל. איינמול האָב יעך, ווען זלמן איז אַראָס אָף אַ פּור מינוט פין שטיבל, גימאַכט באַ אים אָף שנעל אַ רעוויזיע. אין פּעקל האָב יעך גיזעיען אַ רויטע קאָלדרע, אַ קישן, אַן אָפּגעטרוגענע אַטלאָסענע קאַפּאָטע אין אַ שטאַרק אָסגעריבן שטראַמל מיט אַ האַלב אָסגעריסענעם וויעזשך.

דעמאָלט האָב יעך פאַרשטאַנען אַז זלמן איז געקימען קאַ וואַרשע אָף שטענדיק, אַז דום שטיבל האָט ער זעך גימאַכט פאַר זאַן היים.

ר׳ שלמה דער גבאי אין הערש חיים דער משמש האָבן גע־קערט וועלטן. זיי האָבן נישט גיוואָלט בשום אופן דערלאָזן אַז זלמן זאָל בלאַבן וווינען אין שטיבל. אַ חוץ אַלע טענות אַז מע קאָן נישט מאַכן פין אַ שטיבל אַן אכסניה, האָבן זיי פשוט מורא געהאַט צי האַלטן אַ מענטש אין שטיבל נישט געמאָלדענערהייט. איינ־מעלדן האָט מען אים אויך נישט געקאָנט, ווייל אין קאָנטראַקט מיטן ווערט פין האָז איז בפירוש גיווען אָסגענימין אַז דום שטיבל איז נאָר צים דאַוונען, אָבער נישט דאָרט צי וווינען. דער עולם האָט אָנגעהויבן זעיען, אַז זלמנס נעכטיקן אין שטיבל איז פשוט אַ סכנה, וואָל דער סטרוזש וועט עס ציטרוגן דעם מעלדונקאָווע זשאָנדצע, דער זשאַנדצע דעם ווערט אין דער ווערט וועט אַראָס־קריגן אַן עקסמיסיע אָפן שטיבל אין עס אַראָסוואַרפן אָף דער גאַס.

דער מעלדונקאָווע זשאָנדצע האָט שוין לאַנג געהאט אַן אויג אָפן שטיבל אין געוואָלט פינם פּטור ווערן. ער איז געווען אַ מחלל שבת׳ניק, גערייכערט שבת פּאַפּיראָסן בפרהסיא. עס איז דום שטיבל מיט די חסידים, מיט די שבתים אין ימים טובים, מיט די

גיזאַנגן אין די טענץ נישט געווען צי זאַן אַפּוקורסיש הארץ. ס'איז גיווען על אַפּו ועל חמתו. ער האָט נאָר געזיכט אַ גילעגנהייט ווי דום אַלץ פּטור צי ווערן.

אַמייסטן האָט געאַרבעט מעשים, אַז מען זאָל זלמנען נישט לאָזן וווינען אין שטיבל, הערש חיים דער משמש. ער האָט מורא גיהאַט אַז איבער זלמנען זאָל ער נישט פאַרלירן די פּרנסה. ווייל טאָמער ווערט דער סטריזש גיוווּר אַז אין שטיבל שלופט אַ נישט געמאָלדענער מענטש טרוגט ער באַלד צי דער פּאָליציע, די פּאָליציע פאַרחתמעט תיכף דום שטיבל און הערש חיים בלאַבט און אַ אַ שטיקל ברויט.

וויפיל תחבולות אין שפּיצלעך דער גבאי, ר' שלמה, אין דער שמש האָבן נישט אָפּגעטין אַראָפּציקריגן זלמנען פין שטיבל אַראָם — האָט עס נישט גיהאָלפין, האָבן זיי נישט מצליח גיווען. כ'געדענק ווי יעצט ווי זלמן האָט געשריגן, אַז אַ שטיבל אין וועלכן אַ חסיד קאָן נישט זאַן פירנצוואַנציק שעה אין מעת-לעת, איז נישט קאַ חסידים-שטיבל נאָר אַ מתנגדישער זאַק אין וועלכן מע וואַרפּט אַראָן די תפילות.

— איר ווייסט, ר' איטשעלע, — האָב איך אים איבערגעריסן — דאָס שטיבל אויף די נאַלעווקעס האָט טאַקע אויסגעזען ווי אַ זאַק מיט לעכער. ס'איז געווען איין שמאָלע, לאַנגע שטיב מיט פינף פענצטער ווּס זענען אַרויסגעגאַנגען אויף אַ בלינדע מאָער.

— ווּס דיער פאַלט אַלץ אַן? — האָט ער אַ מאַך געטון מיט דער האַנט. — די האָסט גיקענט דום שטיבל שפּעיטער, ווען די סטריקעווער חסידים האָבן זעך דאָרט אַראַנגעריסן. אָבער פריער איזס שוין גורנישט גיוועין קאַ מתנגדישער זאַק, כּאָטש ס'איז גיוועין אַ לאַנגע טינקעלע שטיב. אין די טינקעלע שטיב איז גיוועין פריילעך אין ליסטיק, מע האָט דאָרט אָפּט גימאַכט סעודהלעך, מע האָט גיטאַנצט אין געזינגען אין זיך משמח גיוועין.

— אין וואָס איז געוואָרן מיט ר' זלמנען?

— מיט דע צאַט האָט דער עולם משלים גיוועין מיטן געדאַנק

אַז זלמן וווינט אין שטיבל. דענוך, ווען הערש חיים האָט אָנגעהויבן מסרן אַז זלמן איז נוטה קאַ ביאַלע, האָט עס שוין אַך נישט גיהאָלפן. אפילו דאָן טאַטע, חיליש (דאָס האָט ער געמיינט מיך), וואָס האָט אַזוי גיפייערט קעגן ביאַלע, האָט זלמנען נישט גילאָזט אונרירן. כ׳וויים נישט פאַר ווּס, נאָר דעיער זלמן האָט עפּעס אָן אויסטער־לישע הצלחה צי דאָן טאַטן.

אַזוי איז זלמנס וווינען אין שטיבל גיוואָרן אַ חזקה. מע האָט אָפּגעחורשט דעם סטרוזש ער זאָל נישט דערציילן וועיגן זלמנען דעם זשאַנדצע. שפעיטער ווען דער זשאַנדצע איז וועיגן דעים דערגאַנגען אין דערציילט דעים ווערט פין האָז, האָט אים דע ווערט גיהייסן מאַכן אַ שוואַג. וואַרשע האָט זעך דעמאָלט גיהאַט שטאַרק ציבאָט. אַ סך דירות זענען גישטאַנען ליידיק. אַנטראָפּאָ־נעירן האָבן באַנקראָטירט איינער נאָכן אַנדערן. ס׳איז גונישט גי־ווען קאַ לאַכטע זאַך צי קריגן דעמאָלט אַ לאָקאַטאָר אויף אַזאַ דירה אין וועלכע ס׳איז גיוועין דוס אַלעקסאַנדער שטיבל אָף די נאַלעווקעס.

אָבער דער עיקר, — האָט איטשעלע ווייטער דערציילט, — האָט דער עולם שלום גימאַכט מיטן גידאַנק אַז זלמן בלאַבט אַ תושב אין שטיבל ציליב רחמנות אָף אים. כאָטש קיינער האָט נישט גיוויסט, אין קיינער איז שוין קיינמאָל נישט געוווּר גיוואָרן ווּס האָט זלמנען גיברענגט קאַ וואַרשע אין אַזאַ מעמד, האָבן אָבער אַלע פאַרשטאַנען, אַז מיט זלמנען האָט גימיזט גישעיען אַ גרוים אימגליק, עפּיס אין דע משפחה, אָדער מיט אים אַליין האָט גימיזט געשעיען זייער אָן אויסטערלישע זאַך. ווּרים ווען זלמן איז גיקימען קאַ וואַרשע איז ער נישט גיוועין קאַ זקן, ער איז גיוועין עפּיס מעיער ווי אין די מיטעלע יאָרן. טאָ ווי שיקט זיך עס אַז אַ ייד אין די יאָרן זאָל שוין קיינמאָל מעיער נישט פורן אַהיים, נאָר אַרימ־וואַלגערן זעך אָף אַ באַנק אין שטיבל אין לעיבן פין דעים ווּס מע גיט אים? דוס איז נישט פין די פשוטע זאַכן, ניין! מיט זלמנען האָבן זעך גימיזט פאַרלויפן גור משונהדיקע זאַכן. מי יודע ווּס.

— ני, אין מען האָט קיינמאָל נישט געפּריווט גיוואָר ווערן וואָס איז מיט אים געווען? — האָב איך מיט גרויס נייגער גע־פרעגט:

— זעיסטו, דאָס נישט. כאָטש מע האָט גיוויסט אַז עיער שטאַמט פין שעדלעץ אין מע האָט אים גירופן זלמן שעדליצער, האָט קיינער נישט חוקר ודורש גיווען וואָס איז מיט אים דאָרט גישעיען. ווייסט פאַרוואָס? מע האָט פּשוט מורא גיהאַט מע זאָל נישט גיוואָר ווערן חלילה קאַ שלעכטע זאַכן... די ווייסט דעך, אַז יעך האָב ליב אַלץ צי וויסן, — האָט דאָס קליינע יידעלע אָנגעוויזן אויף זיך, — די געדענקסט דאָך ווי אַזוי יעך האָב מניה וביה אַראָפּגעקריגן פין דיר אַז די דאַוונסט נישט קאַ מנחה אין דער טאַטישי האָט דיך אין מאָנע אויגן גור וואַזשנע מקיים פּסק גי־ווען, ! האָט איטשעלע מיר ווילעריש צוגעווונקען, — אָבער וועגן זלמנען האָב יעך גורנישט גיוואָלט וויסן. כ׳האָב מורא גיהאַט צי וויסן... די ווייסט אַז דער ייד איז באַ מיער אַ שטיקל חשוד... עפּעס טיילמאָל זאָגט ער אַראָפּ גידאַנקען וואָס פּאַסן פאַר אַ גדול. אָבער יעך האָב פאַר די גידאַנקען מורא. דאָס זענען נישט קאַ מחש־בות פאַר זלמנען. עפּעס איז עיער איינגאַנצן פאַר מיער אַ פּלא... כאָב שוין וועיגן דעם ייד אַ סך גיטראַכט. עפּעס איז מיט אים נישט קאַ גלאַטיקער ענין.... אָבער צי וואָס דאַרפסטו די דאָס אַלץ וויסן, וואָס גייט עס דיך אַזוי אָן — האָט דער קליינער איטשעלע זיך פּלוצים געכאַפּט אַז ער האָט מיר שוין אפשר צופיל דערציילט.

— גורנישט, סתם אַזוי, ר׳ איטשעלע. איר וועט אפשר טרינקען טיי, ר׳ איטשעלע? — און מיט דעם האָב איך פאַרענדיקט מיין שמועס מיט דעם קליינעם איטשעלע קובאַץ וועגן ר׳ זלמנען.

* * *

נאָך דעם שמועס מיט איטשעלען, האָב איך אָפט געטראַכט וועגן דעם גאַנצן ענין מיט ר׳ זלמנען. ס׳האָט זיך מיר נישט איינ־מאָל אויסגעדאַכטן, אַז איך הויב אָן תופס צו זיין די סמיכות

הפרשה צווישן ר׳ זלמנען און דעם שטיקל מדרש רבה פון פרשת כי תשא. ס׳האָט אָנגעהויבן פאַר מיר קלאָר ווערן, אַז צו ר׳ זלמנס צעבראָכן געמיט פּאַסט זיך עפּעס זייער גוט דאָס דאָזיקע שטיקל מדרש... כ׳האָב אָנגעהויבן באַנעמען, אַז נאָך דעם ווי זיין אייגן לעבן, זיין אייגענע היים, איז ר׳ זלמנען איינגעפאַלן, קאָן ער פילן אַ נחמה אין דעם ציטער וואָס די וועלט האָט געטון בשעת די יידן האָבן געמאַכט דאָס עגל...

כ׳האָב געהאַט אַ ווייטע אָנונג, אַז ר׳ זלמן פילט נאָך איצט ווי די וועלט ציטערט. פאַר אים איז נאָך די וועלט זייט דעמאָלט נישט געקומען צו זיך... זי האָט נאָך אַלץ נישט צוריקבאַקומען איר שיווי משקל... די וועלט האָט זיך נאָך אַלץ נישט געגרונדפעס־טיקט... און אַלץ וואָס ס׳געשעט אויף דער וועלט, געשעט מחוץ לדרך הטבע... אַלץ געשעט על פּי נס...

און אין דער וועלט וואָס איז נאָך אַלץ נישט געגרונדפעסטיקט, ווי אַלץ וואָס ס׳קומט פאָר איז מחוץ לדרך הטבע, ווי אַלץ איז ריינער נס — האָט נאָך ר׳ זלמן געקאָנט אַרויספילן אַ ניצוץ פון אַ ישועה פאַר זיך...

און אפשר — איז מיר איינגעפאַלן אַ משונהדיקער געדאַנק — אפשר מיינט ר׳ זלמן, דער ביטערער אָרעמאַן ר׳ זלמן, וואָס האָט נישט אויף קיין מזון סעודה אחת, וואָס האָט אָבער אומעטום און ביי אַלץ זיין אייגענע דעה, וואָס האָט אַ בפירושע תשוקה צו אַ שטיקל מנהיגות מיט דער וועלט, אפשר האָט ער געמיינט אַז אין דער צעשאָקלטער פון נאָך דער מעשה העגל, וועלט, וועט נאָך ער, זלמן, האָבן צו זאָגן זיין דעה...

צי דאָס וואָס משה האָט געזאָגט צו גאָט אַז דער עגל זאָל זיין זיינס, גאָטס, בייהעלפער... צי דאָס וואָס איז מיט ר׳ זלמנען אַליין געשען... צי אַלץ צוזאַמען, האָבן פאַרפלאָנטערט אין ר׳ זלמנס מוח פאַרשידענע מחשבות... אָבער ווער קאָן זיי וויסן... ווער קאָן וועגן זיי עפּעס זאָגן...

אין יאָרן אַרום ווען ר׳ זלמן איז געשטאָרבן, האָט די שלעכטע בשורה וועגן זיין פּלוצימען טויט אונדז געבראַכט אויך דאָס קליינע יידעלע, איטשעלע קובאַץ. מיך האָט געצויגן אַרויפ־צוגיין אין שטיבל, ווו כ׳בין שוין יאָרן לאַנג נישט געווען, און ווו ר׳ זלמן איז איצט געלעגן טויט. אין דער לעצטער שטוב נעבן דער באַנק אויף וועלכער ער איז יאָרן לאַנג געשלאָפן, איז ער געלעגן אויף דער ערד איבערגעדעקט מיט זיין צעצויטלטער אַטלאַסענער קאַפּאָטע. פון אונטער דער קאַפּאָטע האָט זיך קוים אָנגעזען זיין ערדישע געשטאַלט אַזוי קליין, ווי פון אַ צען־יעריק קינד. ס׳איז אין שטיבל געווען אַזוי שטיל, ווי נישט נאָר אַלע קולות, נאָר ווי אַלע עכאָס וואָלט מען פון דאָרט געוועזן אויס־געראַמט. צוקאָפּנס, אויף דער ערד, נעבן דעם טויטן ר׳ זלמן, נעבן די ברענענדיקע ליכט, איז געלעגן זיין זאַק פון די זאַכן. דער זאַק איז געווען ליידיק. בלויז אויף זיין דנאָ איז געלעגן אַ צעריבע־נער זכר פון זיין אַמאָליק שטריימל.

אויפן פענצטער ביי וועלכן ס׳איז געשטאַנען אַ ליידיקע שטול איז געלעגן אַ ספר. כ׳האָב עס גענומען אין האַנט: אַ מדרש רבה. געוואָלט אַ קוק טון אין מדרש. דאָס ספר האָט זיך אַליין גע־עפנט דאָרט ווו ס׳איז געווען איינגעקנייטשט. כ׳האָב אַ קוק געטון אויפן איינגעקנייטשטן בלאַט: „ורבי נחמיה אמר בשעה שעשו ישראל אותו מעשה״...

כ׳האָב גיך אויסגעגליכן די בלעטער, אויפגעקנייטשט דאָס פאַרקנייטשטע, אַריינגעטראָגן דעם מדרש רבה אין דער צווייטער שטוב און אים אַריינגעשטעלט אויף דער פּאָליצע צווישן אַלע אַנדערע ספרים...

די ירושה

— חיליש, האָט זיך אָנגערופן צו מיר ר׳ זלמן, — חיליש, נאַ, נעם דום גלוז אין זוג גענענדלען, זי זאָל מיר אונגיסן נאָך אַ גלוז טיי. נאָר געדענק צי זוגן, אַז פריער זאָל זי אַראַנגיסן דעם סענץ און דענוך דום וואַסאַ. די מאָד דאַרף מען דום אַלעמול דעמאַנען.

ס׳איז געווען אין אַ זומערדיקן שבת-בייטאָג. ר׳ זלמן האָט זיך געהאַט אויפגעכאַפּט פון אַ קורצן דרעמל אויף דער ברייטער, לעדערנער סאָפע, וועלכע איז געשטאַנען ביי אונדז אין עסצימער. אָן אויסגערוטער נאָך דער שבתדיקער סעודה, איז ער איצט גע־זעסן ביים טיש און געטרינקען איין גלאָז טיי נאָך דעם צווייטן. ער האָט די טיי געזופּט פּאַמעלעך און הויך און פון גרויס הנאה אַרויסגעגעבן פון זיך משונהדיקע קרעכצן.

איך האָב גענומען דאָס גלאָז מיטן טעצעלע, אַריינגעטראָגן אין קיך און געזאָגט צו דער דינסט:

— גענענדל, גיס און פאַר ר׳ זלמנען נאָך אַ גלוז טיי. נאָר גע־דענק פריער אַראַנצוגיסן דעם סענץ אין דענוך דום וואַסער.

— ווּס! שוין וואַטאַ טיי? דער ייד האָט שוין אָסגעזיפּט אַ האַלבן קעסל! סעלן קימען נאָך יידן וועט פאַ זיי נישט זאַן קאַ טיי! יאָך געב נישט ר׳ זלמנען מעיאַ קאַ טיי!!!

— נישט דאַן עסק וויפיל ר׳ זלמן טרינקט. גיס אים און די טיי און טרוג אים אַראַן, — האָב איך געזאָגט שטיל און באַפעלעריש.

גענענדלס גרויס, געשטיפּלט פּנים איז געוואָרן ווייס פון כעס. זי האָט מיך אָנגעקוקט מיט אַ פּאָר ווייסע, גזלנישע אויגן.

דערנאָך האָבן זיך אַלע לעכעלעך פון איר פּנים אָנגעגאָסן מיט רויט. זי האָט גענומען דאָס גלאָז, צוגעגאַנגען צום קעסל, אָנגעגאָסן אַ גלאָז הייסע וואַסער און ערשט דערנאָך אַריינגעגאָסן פון דער פלאַש אַביסל טיי-עסענץ.

מיטן גלאָז טיי אין דער האַנט האָט זי געוואָלט אַריינגיין אין עס-צימער. אָבער אין דער לעצטער רגע האָט זי זיך דערשראָקן פאַר דעם וואָס זי טוט. זי איז צוגעגאַנגען צום זלעוו און אויסגע-גאָסן די טיי. גענומען די פלאַש מיט עסענץ, אַריינגעגאָסן אַביסל אין גלאָז און ערשט דעמאָלט אַריינגעגאָסן דאָס וואַסער. זי האָט אַריינגעטראָגן ר׳ זלמנען אַן אמתדיק, כשר, שבתדיק גלאָז טיי, אוועקגעשטעלט עס פאַר אים און געזאָגט:

— טרינקט געזינטערהייט, ר׳ זלמן.

* * *

ר׳ זלמן האָט צוגערוקט צו זיך נאָענט דאָס גלאָז. אַריינגעקוקט דערין. דערנאָך האָט ער גענומען די שווערע זילבערנע פּושקע מיט צוקער, וועלכע איז געשטאַנען אויפן טיש. ער האָט געעפנט די צוקער-פּושקע, אַרויסגעלייגט פון דאָרט דאָס צווענגל און מיט די פינגער אַרויסגענומען איינציקווייז עטלעכע שטיקער געהאַקטן, ווייס-בלויען צוקער און זיך אַריינגעלייגט אין דער טיי אַריין. ער האָט גענומען דאָס זילבערנע טיי-לעפעלע און עס אַ רגע געוואויגן אין דער האַנט.

די ערשטע פאַר זיפּ האָט ער געטאָן מיטן לעפעלע. דערנאָך האָט ער עס אַרויסגענומען, באַקוקט די זילבער-פּראָבע, אוועקגע-לייגט דאָס לעפעלע אויפן טעצל און גענומען זיפּן פון גלאָז די קאָ-בעדיקע טיי. פונקט ווי ער פלעגט זיפּן דעם ברענענדיקן זעקס-און-ניינציקער ספּירט, אַזוי פלעגט ער זיפּן די הייסע טיי, צי הייסע יויך, און זיך קיינמאָל נישט אָפּבריען.

דער טאַטע האָט זיך נאָך נישט געהאַט אויפגעהויבן פון שלאָף נאָך דער שבת-אינדערפריאיקער סעודה. איך בין געזעסן

אין אַ ווינקל פון דער גרויסער לעדערנער סאָפע, וועלכע איז גע־שטאַנען אין עס־צימער און איך האָב אַריינגעקוקט אין די „פרקי־אבות״, וועלכע דער טאַטע פלעגט מיט מיר לערנען אין די זומער־דיקע שבתים נאָכן שלאָף.

אין שטוב איז געשטאַנען אַ שבת־בייטאָגיקע שטילקייט, אַ רייפע, אַ פולע, ווי אַ רייפנדיקער בוים אין אַ הייסן אָנווינטנדיקן זומער־טאָג. בלויז ר׳ זלמנס הנאהדיקע קרעכצן נאָך יעדן זיפ טיי, האָבן זיך געלאָזט הערן מיט גשמיות אין דער שלווהדיקער, שבת־דיקער רוחניותדיקייט.

אויפן טונקל־ברוינעם דעמבענעם קרעדענס, באַפּוצט מיט שפּיגלען און קאָלירטע שייבלעך און באַשלאָגן מיט בלאַנקנדיקן מעש, איז געשטאַנען אַ גרויסער קרישטאָלענער קלאָש אין זילבער פול מיט פּירות, מיט גרין־רויטע פערסיקעס און גאָלדן־הויטיקע בארנעס. די פּירות אין קלאָש האָבן געוואַרט אויף מיין טאַטן, וועלכער פלעגט נאָכן שלאָף און נאָך דער טיי, מאַכן איבער זיי אַ ברכה און מכבד זיין אַלע, וואָס זענען געווען ביי אונדז אין שטוב.

די זון אַ מיטנטאָגיקע, שוין אַביסל אַ נידריקע, איז אַריינגע־פאַלן מיט אַ ברייטן פּאַס אין גרויסן האַלב־טונקעלן עס־צימער דורך דעם זייטיקן ווענעציאַנישן באַלקאָן־פענצטער, וואָס איז גע־ווען פאַרהאַנגען מיט אַ דיקער געהאַפטענער פאַרהאַנג פון קרעם־קאָליר.

די זון־שטראַלן, וואָס האָבן זיך אַדורכגעריסן דורך דער גע־דיכטער פאַרהאַנג, זענען געפאַלן זייטיק און נאָר באַלויכטן דאָס אָרט ווו ס׳איז געשטאַנען דער קרעדענס. די רעשט צימער, וועמענס ווענט זענען געווען באַקלעפּט מיט דיקע, טונקל־ברוינע, ווי פון לעדער, טאַפּעטן, איז פאַרבליבן אין אַ האַלב־שאָטנדיקער טונקל־קייט. נאָר ביים קרעדענס האָבן זיך די זון־שטראַלן געבראָכן אין די פּריזמעס פון די געשליפענע שפּיגלען און קרישטאָלענע שויבן; זיי האָבן גאָלדיק געשפּיזט די זיסע פּירות אין דעם קרישטאָלענעם קלאָש, זיי האָבן זיך ברייט און רחבותדיק געשפּיגלט אין דעם

אויסגעפּוצטן, בלאַנקענדיקן מעש, מיט וועלכן דער קרעדענס איז געווען באַשלאָגן.

דער טיש, וואָס איז געשטאַנען אין עס־צימער און ביי וועלכן ר׳ זלמן איז איצט געזעסן, איז געווען, ווי דער קרעדענס, אַ טונקל־דעמבענער, אַ שווערער, אַ מאַסיווער. ווען מען האָט אים אַרויס־געדרוקט איז ער געווען פאַר פיר־און־צוואַנציק פּערזאָן. ביי אַ שבת־דיקן קידוש זענען אַרום אים ברייווחדיק און צעשפּרייט געזעסן אַרום זעכציק חסידים. ער האָט געהאַט האַלב פאַרקיילעכיקטע, מעכטיקע פיס, פאַרבונדן צווישן זיך מיט אַ „וויאַנזאַניע״. די פיס זענען אונטן, ביי דער „וויאַנזאַניע״, אויך געווען באַשלאָגן מיט מעש.

אַרום דעם טיש, וועלכער איז איצט געווען צונויפגערוקט, זענען געשטאַנען צוועלף שווערע ברוינע, מיט לעדער געבעטע שטולן מיט הויכע אָנלענס. אויבן־אָן דעם טיש — אַ ברייטער פאַטער־שטול מיט גאָר אַ הויכן, רחבותדיקן אָנלען און מיט אויס־געבעטע פאַרענטשעס אָנצושפּאַרן די הענט און עלנבויגנס.

נאָכן קרעדענס, צום ווינקל צו פון צימער, איז געשטאַנען אַ גרויסע און ברייטע מיט ברוינעם לעדער געדעקטע סאָפע. ביי די זייטן פון דער סאָפע זענען געווען צוויי קיילעכדיקע, אויך מיט לעדער באַצויגענע, וואַלקעס. פון פאָרנט זענען צו זיי געווען צוגע־קלאַפּט צוויי מעשענע לייבן מיט רינגען אין די מיילער. נעבן איי־נעם אַזאַ וואַלעק, נעענטער צום קרעדענס, בין איך געזעסן. איך האָב אין איין האַנט געהאַלטן דאָס משניות און מיט דער צווייטער זיך געשפּילט מיט דעם רינג אין לייבס מויל.

ר׳ זלמן האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון גלאָז טיי און זיך אַרומגעקוקט איבער דער שטוב. ער האָט לאַנג געקוקט אויף דעם טיש מיטן שניי־ווייסן טישטעך, אויף וועלכן ס׳זענען נאָך גע־שטאַנען דער קאַנדעלאַבער און די זילבערנע לייכטערס. ער האָט געקוקט אויף דעם קרעדענס, אויף דעם צעלויכטענעם קרישטאָ־לענעם קלאַש מיט די פּירות. ער האָט געקוקט אויף די שטולן, אויף

Kolnik

דער פּאַרהאַנג, אויף דעם בראַנדזענעם גאַז־לאָמפּ, אויף אַלעם וואָס איז געווען אין שטוב. ער האָט געקוקט מיט אַזאַ פאַרוווּנדערטן בליק, ווי ער וואָלט דאָס אַלץ ערשט געזען צום ערשטן מאָל.

מיטאַמאָל האָט זיך זיין בליק פאַרהאַלטן אויף מיר. ער האָט מיך אָנגעקוקט ווי ער וואָלט מיך ערשט איצט דערבליקט אַ זיצנדיקן אין ווינקל פון דער סאָפע. ער האָט מיט זיינע רויט געליאַמעווטע אויגן נאָכאַמאָל אַרומגענומען אַלץ וואָס האָט זיך געפונען אין שטוב, און זיך אָנגערופן צו מיר:

— חיליש, לאחר מאה ועשרים וועט דוס אַלץ זאַן דאַנס, — און מיט דער רעכטער האַנט האָט ער אַ פּיר געטון איבער אַלע זייטן פון דער שטוב. — דוס אַלץ, אין דוס גישעפט, אין אַלץ ווּס דאַן טאַטע פאַרמוגט, אַלץ וועט זאַן דאַנס, נאָר דאַנס. די מיידן זאָלסטי קאַ פּרוטה נישט געיבן. זיי וועלן שוין הובן חתונה געהאַט. זיי קימט נישט על פּי דין גונישט. העיעסט? ג ו נ י ש ט ! ! זאָלסט זיי גונישט געיבן! די ביסט אַ בן־יחיד — אין דיר קימט אַלץ!

ר׳ זלמן האָט, ווי זיין שטייגער איז געווען, גערעדט מיט פייער. ער האָט געקוקט אויף מיר און זיינע אויגן זענען געווען פול מיט קנאה. אפשר גאָרנישט אַזויפיל קנאה, ווי שטאָלץ, ווי עפּעס אַ פריייד דערפון וואָס דאָס אַלץ וועט זיין מיינס.

וואָס איז דאָס געווען די שמחה אויף ר׳ זלמנען פון דעם וואָס לאחר מאה ועשרים וועט אַלץ זיין מיינס — ווייס איך נישט. סיידן די שנאה, די איינגעבאַקענע שנאה אין זיין האַרץ צו ווייבער האָט אים געמאַכט זיך פרייען דערמיט וואָס מיינע שוועסטערן קומט על פּי דין פון מיין טאַטנס פאַרמעגן גאָרנישט, נאָר מיר, דעם מאַנצפּערשוין, קומט אַלץ. ווי ס׳זאָל נישט זיין, אָבער פון ר׳ זלמנס שמחה איז געפאַלן אויף מיר אַ שרעק און אַן אומעט...

כ׳קאָן נישט זאָגן, אַז כ׳בין נישט געווען שטאָלץ הערנדיק ווי ר׳ זלמן זאָגט, אַז אַלץ וועט זיין מיינס. זיינע קנאהדיקע בליקן, מיט וועלכע ער האָט מיך אַדורכגענומען, האָבן אויפגעוועקט אין מיר אַ געפיל פון הויכווערטיקייט. אַ רגע האָב איך זיך געפילט גאָר

געהויבן ביי זיך. אָבער נאָר אַ רגע. דער „לאחר מאה ועשרים" האָט אָנגעיאָגט אויף מיר אַזאַ אומעט און פאַרלוירנקייט, אַז מיר האָט זיך גאָר פון ר' זלמנס שמחה געוואָלט וויינען.

כ'בין דעמאָלט אַלט געווען אַ יאָר צען־צוועלף. פון חסידים האָב איך אָפט געהערט די ווערטער „עד מאה ועשרים", „לאחר מאה ועשרים". כ'האָב געוואוסט אַז דאָס האָט עפּעס אַ שייכות מיטן לעבן און טויט. נאָר אַז דאָס קאָן עפּעס האָבן אַ שייכות מיט מיין טאַטן, מיט מיין אייגענעם טאַטן, דאָס איז מיר נישט איינגעפאַלן...

איך האָב געקוקט אויף ר' זלמנען מיט אַ צעוויינטן בליק. כ'האָב געוואָלט אַראָפּ פון דער סאָפע און אַנטלויפן... אַריינלויפן אין דער צווייטער שטוב אַריין. אָבער ר' זלמנס רויט געליאַמע־ווערטע אויגן האָבן מיך ווי צוגעקאָוועט צום אָרט מיט זייער משונהדיקער פריילעכקייט, מיט זייער בייזער צעשפּילטקייט. און אַ פּחד האָט מיך אַרומגענומען.

ס'האָט געדויערט אַ לענגערע ווײַלע ביז ר' זלמן האָט זיך געכאַפּט, אַז נישט נאָר פריי איך זיך נישט פון דעם וואָס לאחר מאה ועשרים וועט אַלץ זיין מיינס, נאָר אַז איך בין גאָר אומעטיק און דערשלאָגן. ער האָט זיך פאַרקרומט ווי נאָך עפּעס זייער אַ זויערער זאַך, ער האָט געקוקט אויף מיר מיט ביטול, מיט חוזק. לסוף האָט ער אַ מאַך געטון מיט דער האַנט: — ני, גיי רעד מיט אַ יינגל וואָס גייט נאָך אין קאָרצע הויזן. אַראָן צו די מיידן! — האָט ר' זלמן אַ הוקע געטון אויף מיר.

כ'האָב איבערגעלאָזט אָן אָפּענע די משנה פון אבות, אַראָפּ פון דער סאָפע און גיך אַרויסגעלאָפן פון דער שטוב מיטן משונה־דיקן ר' זלמן.

* * *

אַ סך יאָרן שפּעטער, ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, האָט ר' זלמן מיך דערמאָנט, אַז אַלץ וואָס מיין טאַטע פאַרמאָגט וועט לאחר מאה ועשרים געהערן מיר און די מיידן, מיינע שוועסטערן,

זאָל איך גאָרנישט געבן. יעדעס מאָל האָט ער מיר דאָס געזאָגט מיט קנאה און מיט שמחה און יעדעס מאָל, אפילו ווען כ׳האָב שוין געטראָגן לאַנגע הויזן, אפילו ווען כ׳בין שוין געווען אַ דערוואַקסענער, האָבן זיינע ווערטער אַרויסגערופן ביי מיר געפילן פון אומעט און פחד.

כ׳האָב אין מיינע קינדער־יאָרן אַ סך זאַכן געאַנט און פאַרשטאַנען. אָבער דער טויט איז פאַר מיר געווען פרעמד און אוממעגלעך. אַזוי לאַנג ווי איך האָב געדענקט, האָט זיך ביי אונדז אין הויז קיינער נישט געפעלט. מיין מאַמע האָט דערציילט, אַז אַ קליין קינד איז ביי אונדז געשטאָרבן. אָבער דאָס איז נאָך געווען איידער איך בין געקומען אויף דער וועלט. איך אַליין האָב זיך דעמאָלט מיטן טויט נישט געהאַט נאָנט באַגעגנט.

אין די וואַרשעווער הייף, ווו מיר האָבן דורך דער צייט געוווינט, זענען געשטאָרבן קינדער און דערוואַקסענע און נישט זעלטן האָב איך געזען פאַרפאָרן אַ שוואַרצע מתים־עגלה אין הויף אַריין. אָבער מיט אונדזער משפחה האָט דאָס אַלץ קיין שייכות נישט געקאַנט האָבן...

שפּעטער, אַ סך שפּעטער איז געשטאָרבן מיין באָבע, אַ זקנה. אָבער דאָס איז געווען נישט ביי אונדז, נאָר ביי מיינס אַ פעטער, איר זון, און איך האָב דאָס נישט געזען און ביי איר לוויה נישט געווען. דערנאָך האָב איך פון צייט צו צייט געהערט אַז עס איז געשטאָרבן אַ מומע, אַ פעטער, אַ שוועסטערקינד, סתם אַ באַקאַנטער. נאָך שפּעטער האָב איך זיך אַליין געטראָפן מיטן טויט און מיט טויטע. אָבער ביי מיר איז נאָך אַלץ פאַרבליבן די קינדישע זיכערקייט, אַז מיט מיין משפחה קאָן דאָס אַלץ קיין שייכות נישט האָבן...

*　*　*

ר׳ זלמן איז געשטאָרבן פלוצים, מיט אַ מיתה בנשיקה. ער האָט אויסגעטון נאָכן דאַוונען דעם טלית און תפילין, זיך אַוועק־

געלייגט אויף דער באַנק, אויף וועלכער ער איז לאַנגע יאָרן גע־שלאָפן אין אַלעקסאַנדער שטיבל — און אויסגעהויכט די נשמה.

מיין טאַטע איז געשטאָרבן אַ סך שפּעטער. ער האָט נאָך באַוויזן שטאַרבן אויף זיין אייגן בעט, אין די ערשטע חדשים פון די גרויליקע יאָרן פון הסתרת פּנים.

פון דער ירושה איז מיר פאַרבליבן נאָר דאָס ביסל יידישקייט, וועלכעס מיין טאַטע־מאַמע האָבן, מיט גוטן און מיט בייזן, אין מיר פאַרפלאַנצט, געהאָדעוועט אין מיר און געציטערט איבער דעם, ווי איבער דעם טייערסטן, וואָס איז ביי דעם יידישן מענטש פאַראַן.

אָט, די יידישע אותיות, אָט דאָס, וואָס איך שרייב איצט, דאָס איז מיין ירושה, וואָס איך האָב נאָך זיי גענומען. דאָס זענען זיי, מיין טאַטע־מאַמע, אליין. אַלץ אַנדערע וואָס זיי האָבן איבער־געלאָזט, האָט זיך אויסגעמישט מיטן רויך און שטויב פון דעם חרובן יידישן וואַרשע.

מיינע שוועסטערן זענען נישטאָ, זיי זענען אומגעקומען, און איך קאָן זיך מיט זיי מיט מיין ירושה נישט טיילן.

אפשר וועלן די אַלע, וואָס פילן מיט מיר אַ יידישע קרובה־שאַפט, אַ יידישע משפּחהשאַפט, אפשר וועלן זיי אויפנעמען מיט מיר, טיילן מיט מיר די דאָזיקע ירושה, וועלכע איז מיר פון דער אַמאָליקער יידישער היים פאַרבליבן...

הלוואי...

מי יתן...

אין פאַרלאַג י. ל. פּרץ-ביבליאָטעק זענען ביז היינט דערשינען פאָלגנדיקע ביכער:

י. זרבבל	בלעטער פון אַ לעבן (באַנד 1)
י. זרבבל	בלעטער פון אַ לעבן (באַנד 2)
מענדל מאַן	נאַכט איבער גלושינאַ
אברהם סוצקעווער	אין מדבר סיני
ישראל טאַבאַקמאַן	מיינע איבערלעבונגען
ש. בערלינסקי	בילדער און דערציילונגען
י. פּאַפּיערניקאָוו	היימישע און נאָענטע
מענדל מאַן	ביי דער ווייסל
ק. צעטניק	דאָס הויז פון די ליאַלקעס
יוסף בירשטיין	אויף שמאָלע טראָטואַרן (ראָמאַן פון קבוץ־לעבן)
יוסף ראָזען	געקליבענע שריפטן (העברעיש)
מלך נוי (ניישטאַט)	דאָס ערשטע און צענטע יאָר מדינת ישראל
מאָטעס דייטש	צום נאָענטסטן שטערן — יידיש
אפרים שרייער	קונסט און טעאַטער (העברעיש)
יצחק לעוו	אין געראַנגל (געקליבענע שריפטן)
מרדכי יפה	צען ישראל־דיכטער
יצחק פּאַנער	שלום אַש אין זיין לעצטער היים
פּרץ גראַנאַטשטיין	מענטשן פון נעכטן
יחיאל האָפּער	אַ הויף אויף פּאָקאָרנע (באַנד 1)
יחיאל האָפּער	אַ הויף אויף פּאָקאָרנע (באַנד 2)
ה. לייוויק	אויף צאַרישער קאַטאָרגע
נחמן דרוזדוב	אחד העם
עזרא קאָרמאַן	צייכנס און צירופים
י. לעשצינסקי	דאָס פּנים פון גלות־יידנטום (העברעיש)
יעקב פּאַט	שמועסן מיט יידישע שרייבער (העברעיש)
רבקה באַסמאַן	טויבן ביים ברונעם (לידער)
י. צ. שאַרגעל	פון וויי און גלויבן
דוד זאַקאַליק	געראַנגל
א. קאַרפּינאָוויטש	דער וועג קיין סדום
א. ריוועס	מיט דער שיף „טשיטשערין"
יוסף כרמל	אַ רייזע צו פאַרשטויסענע ברידער
מ. בערלאַנד	300 שעות בגיטו הדועך
מרדכי אורן	דער פּראָגער אַרעסטאַנט דערציילט (באַנד 1)
מרדכי אורן	דער פּראָגער אַרעסטאַנט דערציילט (באַנד 2)
יהושע גלבוע	אויף די חורבות פון דער יידישער קולטור אין ראַטנפאַרבאַנד (העברעיש)
הערש מענדל	זכרונות פון אַ יידישן רעוואָלוציאָנער
י. זינגער	דראַמאַטישע שריפטן
נחום ניר־ראַפאַלקעס	ערשטע יאָרן